STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06091

TSVISHN SHTOLENE REDER

M. Borenstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צווישן
שטאָלענע רינגען
מ. באָרנשטיין

"BETWEEN STEEL WHEELS"
Short Stories

Copyright by M. BORENSTEIN
New York, 1936

הילע און צייכענונגען:
פון י. זעלדין
לעצטע צייכענונג אין בוך:
פון מ. פלייס

אַרויסגעגעבן פון פּראַגער־וואַרשעווער ברענטש 147 א. אַ. אַ., דורכן
פאַרלאַג „סיגנאַל" פון פּראָלעטפּען.
הויפּטפאַרקויף:
פרייהייט בוכהאַנדלונג
50 איסט 13טע גאַס, נ. י.

234
פּאָזי־שאָולזאָן פּרעס / 19 וועסט 21טע גאַס, ניו־יאָרק, נ. י.
ORIOM PRESS.

גיטלען

פאָרוואָרט

דער פראַגער־וואַרשעווער ברענטש 147 א. אַ. אָ. פילט זיך שטאָלץ מיט דעם אַרויסגעבן פון דעם בוך דערציילונגען „צווישן שטאָלענע רעדער״ פון כאַווער מ. באָרנשטיין, וועלכער איז אַ מיטגליד באַ אונדז אין ברענטש און וועלכער ווערט באַטראַכט פאַר איינעם פון די טאַלאַנט־פולסטע אידיש־פּראָלעטאַרישע פּראָזאַאיקער אין אַמעריקע.

מיר האַלטן, אַז דאָס האָט אַן אומגעהויערע באַדייטונג, סיי פאַר דעם מעכאַבער, כאַווער באָרנשטיינען, ווייל דאָס וועט אים זיכער אינ־ספּירירן צו שאַפן גרעסערע און וויכטיקערע ווערק, סיי פאַר די אַרבעטער לייענער, ווייל דאָס וועט זיי געבן אַסאַך קוראַזש אָנצופירן זייערע ווייטערדיקע קאַמפן פאַר אַ ראַדיקאַלער ענדערונג אין זייער סאָציאַלן לעבן.

מיר באַרגיסן כאַווער מ. באָרנשטיין צו דער דערשיינונג פון זיין בוך און מיר האָפן אַז די אידישע אַרבעטער לייענער וועלן עס אויפ־נעמען מיט דעם ענטוזיאַזם וואָס דער בוך פאַרדינט.

די עקזעקוטיווע פון פראַגער־וואַרשעווער ברענטש 147,
א. אַ. אָ.

טשאַרלי האָפּקינס

ו ער טאָג האָט זיך געשטעלט גרוי...

איבערן וואַסער פון מיזרעכדיקן טייך האָט זיך אויפגעשטעלט אַ וואָלקן ווי אַ פּיאָלעטענער אייז־באַרג אונטער אַ געדיכטן נעפּל. די זון איז אַרויפגעגאַנגען העכער, קליין און מאַט, ווי אַן אָפּגערונ־דיקטער, רויטלעכער, נאָך־קיינמאָל ניט־געזעענער שטערן. אַ ווײַלע האָט אויסגעזען: עס הויבט זיך אָן אויסלייטערן. דער רוים איז גע־וואָרן ברייטער און די זון — גרעסער, נאָר אומגעזען האָבן זיך גע־נומען ציען בערג גרויע, צעריסענע וואָלקנדלעך, וואָס האָבן זיך באַלד אויסגעשפּרייט העכער איבער אַלע געביידעס פון גאַנץ מאַנהעטן. דאָס ליכט אין די גאַסן האָט אָנגעהויבן ווערן טונקעלער און גרויער, און די קעלט איז געווען אַזאַ עסנדיק־שאַרפע, אַז זי האָט זיך פאַר־קליבן אין די ביינער מיט אַ סאַקאָנעס־נעפּאָשעסדיקן ווייטיק.

אַזוי גיך ווי טשאַרלי האָט אַרויסגעשטעלט די נאָז און אַ שמעק געטאָן די לופט, האָט ער באַלד געטראַכט: ס׳וועט גיין אַ שניי.

אַלע מוסקולן אונטער דער טונקעלער, געריינצלטער הויט פון זיין מאָגערן פּאָנים האָבן אַ צוק געטאָן. דאָס צעבויגענע, איינ־געפּעטסטע קאַפּעליושל, האָט זיך געדאַכט, זיצט ניט מער בײַ אים אויפן קאָפּ. ער האָט אויפגעשטעלט דאָס קאָלנערל פון לייכטן מאַנ־טעלע און, אַרייַנלייגנדיק די הענט אין די דינע קעשענעס, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין גאַס.

ער איז געווען נייגעריק צו וויסן ווי שפּעט עס איז. אַ׳קאָנליס

וועגענער זיינען שוין ניטאָ אין גאַס. דער רויטער האָט שוין אַרויס־געטריבן די פערד. הייסט עס: ס׳איז שפּעט.

— אָך, גאָט מיינער, וועט זיך אַראָפּלאָזן אַ שניי, — האָט ער נאָכאַמאָל אַ טראַכט געטאָן. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַזוי פיל יעסורים, אַז ער האָט זיך אינגאַנצן איינגעקאָרטשעט.

באַם ערשטן ראַג פון גאַס האָט דאָס גאַנצע כיעס זיינס שוין גענומען אַרבעטן פלענער פאַרן היינטיקן טאָג. זיין האַרץ האָט געלעכצט צוריק נאָך דער טרוקענער, סאָלידער וואַרימקייט פון שאָפּ און פון אָפּיס, פון וואַנען ער איז אַנומלטן אַראָפּ. ער האָט געזאָגט מיסטער הערבערט וואולפן, אַז ער וועט פאַר זעקס דאָלאַר אַ וואָך ניט אַרבעטן. ער קאָן ניט. מיסטער וואולף זעט אים עטלעכע מאָל און טאָג באַ דזשאָרדזש סטעגליס ציטונגס-געשטעל, און קוקט זיך אָפּילע ניט אום. ער דענקט, אַז ער וועט אים היינט אָפּשטעלן און זאָגן: — מיסטער וואולף, איך בין אַן ערלעכער מענטש. איך טראָג אָוועק דיינע טשעקס אין דער באַנק און ברענג דיר צוטראָגן דאָס געלט אויסצוצאָלן די מענטשן. איך טראָג אַן אַל פון שאָפּ און פון אָפּיס. כ׳גיי אַלע שעליכעסן און אַרבעט געטריי. כ׳האַלט אין אָרדע־נונג בײדע — דעם שאָפּ און דעם אָפּיס: כ׳רייניק די שפּיי־קעסט־לעך אין אָפּיס און קער אויס דעם שאָפּ. הענג־אויף פּאַפּיר אין די וואַסער־קלאָזעטן און גרייט־צו קלאָרע האַנטוכער פאַר די אָפּיס־מענטשן און פאַר דיר. זומער גרייט איך צו אייז און אַלצדינג. ווייסט אַן אַנדערן, ווי איך, פאַר דעם געלט, וואָס איך וויל, ניט קריגן. איך האָב נאָך באַ דיין טאַטן גענומען צוועלף דאָלאַר אַ וואָך און דו האָסט מיר שוין אַראָפּגענומען זעקס. דערלייג דריי דאָלאַר און איך וועל צוריק אַרויפגיין אַרבעטן. — דאָס אַלץ וואָס ער וועט אים זאָגן. יעס־סיר!

ער האָט ניט געפילט ווי ער קרייצט דורך די טומלדיקע עווע־ניו און איז שיר ניט געווען אַ קאָרבן אונטער די קנאַלנדיקע קאָ־פּיטעס פון צוויי ריזיקע פערד. דאָס האָט אים מאַמעש אַריינגעוואָרפן אין קאָנוואולסיעס. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן מיטן גאַנצן קויעך:

— צו וואָסער שוואַרץ יאָר טראָגסטו אויגן אין קאָפּ?! וואָס טרייבסטו די פערד דיינע גלייך אָף מענטשן אַרויף, דו גרויסער „ניקס״ וואָס דו ביסט!

אַפּן וואָגן איז געזעסן אָ׳קאָנלי, אָנגעפּעלצט אין דריי קאָלירטע סוועטערס. דער רויטער האָט זיך שיר אַראָפּגעקייקלט פון געלעכטער:

— קריכסט ווי אַ טשערעפּאַכע, טשאַרלי, און שרייסט ווי אַן אינדיק!

— ביסט פאַרדאַמט גערעכט! — האָט טשאַרלי גלייך אָפּגעענטפערט נישט פאַרלירנדיק זיך, בעאייס ער האָט מיטאַמאָל דערזען אַפּן וואָגן דעם ווירט פון זיין בוידעם־שטיבל איבער דער שטאַל.

— האָסט שוין ניט קיין רעספּעקט פאַר אַן עלטערן מענטש, פּאַט!

אָ׳קאָנלי האָט נאָך אומגעדרייט דעם קאָפּ און עפּעס געשריען, אָבער זיין קאָל איז פאַרשלונגען געוואָרן אין טומל און קלאַפּעריי פון גאַס.

טשאַרלי האָט זיך נאָך ניט געקאָנט באַרואיקן פון דער אויפרעגונג. אין אָט דער ביטערער קעלט זיינען אים פונדעסטוועגן אַרויסגעטראָטן גרויסע טראָפּנס שווייס אַפּן שטערן. די אונטערשטע ליפּ האָט באַ אים געציטערט, די נאָז־פליגלען האָבן זיך צאָרנדיק באַוואויגן. די גרוילעכע, האַרטע וואָנצעלעך זיינען אים דורכגענעצט געוואָרן מיט דער פייכטקייט פון זיין אָטעם און האָבן אָנגעהויבן פרירן. די שווערע יאָרן, די עלטער, די קעלט און אַלץ־מיט־אַנאַנדער האָט אים פאַרביטערט דאָס לעבן. ער איז איבערגעלאָדן געוואָרן מיט פולווער און איז געווען גרייט זיך צו שלאָגן מיט יעדן איינעם, אַפילע מיט מיסטער הערבערט וואולף, כאָטש יענער איז דריי מאָל אַזוי שווער אין געוויכט ווי ער. מיסטער וואולף איז שטאַרק אין געבוי, מאַסיוו און פול, און ער, טשאַרלי, איז דין, דין, — גרינג ווי אַ פעדערל און — לײדיק. אָה, יעזוס, ווי ליידיק ער איז... ער וועט בעטן באַ דזשאָרדזש סטענלין אַף אַ קאַווע. דזשאָרדזש וועט אים געבן. דזשאָרדזש גיט אים אַלע מאָל אַף אַ קאַווע.

ער האָט פונדערווייטנס דערזען דעם געשטעל אַפּן ראָג — ליידיק. דערנעבן אָבער איז עמיצער געשטאַנען אָנגעבויגן איבער אַ גרויסן פּאַק צייטונגען.

— האַלאָ, דזשאָרדזש! — האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט קוראַזש, נאָך איידער ער איז געווען זיכער, צי דאָס איז טאַקע בעעמעס דזשאָרדזש. דזשאָרדזש האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געענטפערט

טשאַרלין אַף זיין באַגריסונג. טשאַרלי האָט פון צופרידנקייט אויס־געדרריקט זיין היספּיילעס, ווי פרי זיי מאַכן פּאַרטיק די נאָכמיטיק־ציַיטונגען.

— מיין גאָט, כ׳וואָלט געגאַנגען אין געוועט, אַז דו האָסט שוין אַפילע די ערשטע אויסגאַבע פון דער „סאַן״! — דזשאָרדזש האָט געענטפערט: — זיכער.

טשאַרלי האָט אים געהאָלפן פאַנאַנדערנעמען און אָוועקלייגן די ציַיטונגען אַפן געשטעל. ער האָט שוין געוואוסט וואָר־וואָס עס קומט, ווייל אָפט, ווען ער האָט נאָר צייט, כאַפּט ער זיך אַראָפּ און העלפט אים צו. דזשאָרדזשן איז ער אַ גוטע הילף: ער גייט אַמאָל אַוועק און לאָזט אים באַם געשטעל.

די קעלט האָט ערשט אָנגעהויבן אַריינגעמען טשאַרלין פעסטער אין אירע אָרעמס. ער האָט אַ טראַכט געטאָן פון אַ וואַרעמער קאַווע און פון מיסטער הערבערט וואולף, און אַליין ניט־פילנדיק האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט נעבן געשטעל אַהין און זיך באַלד אומגעקערט אַף צוריק, אַ זינג־טוענדיק צו די דורכגייער די נעמען פון די ציַיטונגען:

— אַ „טעלעגראַם״, אַ „דזשורנאַל״, אַן „איווינינג־פּאָסט״, אַלע ציַיטונגען.

— כ׳מיין, דזשאָרדזש, ס׳וועט היינט גיין אַ שניי.

— כ׳דענק אַזוי, טשאַרלי.

— אַן „איווינינג פּאָסט״, — האָסטו ניט געזען דאָ פאַרבייגיין מיסטער הערבערט וואולף?

— ווען?

— מיין גאָט, ווי דום איך בין. ביסט דאָך אויך ערשט אַצינד געקומען.

עס האָט אים אָנגענומען אַ פאַרלאַנג, צו האָבן עפּעס אַ שטאַרקע זאַך. ער האָט געפרעגט דזשאָרדזשן, צי ער האָט ניט קיין קיי־טאַבאַק. דזשאָרדזש האָט אַרויסגענומען אַ בלעכן קעסטעלע מיט אַ מעסערל און אים אָפּגעשניטן אַ קליין שטיקל פון אַ האַרטער, ברוינער זאַך. טשאַרלי איז געווען צופרידן, כאָטש ער האָט געמיינט לויזע בלעטער, ווייל דאָס איז דאָך נאָר גוט פאַר יונגע שנעקעס. עס האָט אים אַ ברען געטאָן די צונג. און באַם ערשטן קיי האָט ער שוין געהאַט אַ פול מויל מיט שטאַרקער זאַפט. ער איז געוואָרן פול מיט קוראַזש

און געטראַכט, אַז ער דאַרף נאָר זען מיסטער וואולפן. דאָס אַלץ. איצט איז ער שוין מיסטאָמע אין אָפיס, אָבער ער וועט אים נאָך זען היינט. און אומדערוואַרט פאַר אים אַליין, האָט ער אים מיטאָמאָל דערזען פונדערווייטנס. טשאַרלי איז אַף אַ רעגע געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט און אַ כאַפּ געטאָן אַ פּאַק צייטונגען אונטערן אָרעם. ער האָט געטראַכט, אַז ער וועט אים זאָגן: „דאָ איז דזשאַרדזש, זאָל ער זאָגן צי אַ מענטש קאָן לעבן זיבן טעג פאַר זעקס דאָלאַר״. נאָר בעאיס מיסטער וואולף איז צוגעקומען נעענטער, האָט ער פאַרלוירן דעם קוראַזש. ער האָט אַ לויף געטאָן אַהין און צוריק און אַ זינג געגעבן:

— אַ „טעלעגראַם״, אַ „דזשויר — — —״

— גוט־מאָרגן, מיסטער וואולף! — האָט ער אַ זאָג געטאָן דערעך־ערעצדיק.

— אָ, גוט־מאָרגן, גוט־מאָרגן, טשאַרלי! — האָט מיסטער וואולף געענטפערט מיט אַ קאַלט, דעליקאַט שמייכעלע אַף אַ האַלבן פּאָנים, קימאַט ניט־אומקוקנדיק זיך. — וואָס טוסטו, פאַרקויפסט צייטונגען?

— יעס־סער, מיסטער וואולף.

טשאַרלי איז דערמוטיקט געוואָרן פון די פריינטלעכע ווערטער און איז צוגעגאַנגען נעענטער צו מיסטער וואולפן. פון מיסטער וואולפן האָט זיך געטראָגן אַ שמעקעדיקער רייעך פון אָ־דע־קאָלאָן. ער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געגאַנגען פון א כאַסענע. ער האָט געטראָגן אַ טונקעלן אָנצוג אונטערן ברייט צעשפּילעטן, וואַרעמען ווינטער־מאַנטל, און אין דער לאַץ האָט אים, אין אָט דעם גרויען, קאַלטן טאָג, געשטעקט אַ פרישע, שניי־ווייסע ליליע. טשאַרלי איז אַף דער מינוט מעוואולבל געוואָרן פון דער פערזענלעכקייט פון מיסטער וואולף. ער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ מיט דער שפּיץ־נאָז אין דער הויך און אים נאָכגעלאָפן באַ דער זייט ווי אַן אָפּגעריסענער הונט. מיסטער וואולף איז געגאַנגען סאָליד און זיכער, דעם בליק אָנגעשטעלט אַף דער לענג פון דער גאַס, ניט־אומקוקנדיק זיך ווי פריער. ער האָט אָבער אָנגעוויגט דעם קאָפּ צו הערן וואָס טשאַרלי פאַרלאַנגט.

— איך וויל אַרויפגיין, מיסטער וואולף...

— דו ווילסט אַרויפֿגיין, קאָנסטו אַרויפֿגיין. אָבער איך ווייס ניט צו וואָס.

— איך וויל דריי דאָלאַר...

— דריי דאָלאַר קאָן איך דיר געבן.

— באַ דיין טאַטן, באַ מיסטער ערנעסט וואולפֿן, האָב איך געקראָגן צוועלף דאָלאַר, און ווען איך האָב באַ דיר געוואָלט נאָך דריי, האָסטו מיר אַראָפּגענומען דריי. און ווען איך האָב באַ דיר געבעטן דו זאָלסט מיר צוריקגעבן די אַראָפּגענומענע דריי, האָסטו מיר אַראָפּגענומען נאָך דריי.

— וואָס־זשע פֿאַרלאַנגסטו איצט, טשאַרלי?

— איך וויל ניט צוריק אינגאַנצן. גיב מיר דריי...

— אָ, דו מיינסט דריי — אַרויף? איך האָב געמיינט: דו ווילסט דריי.

— פֿאַר זעקס דאָלאַר קאָן מען ניט לעבן, מיסטער וואולף.

— כ׳ווייס, מ׳קאָן ניט. פֿאַר דריי קאָן מען אַוואַדע ניט. וואָס קאָן מען טאָן? געלט איז איצט אַ ביטערע פּראָבלעם, טשאַרלי. די צייט איז שלעכט. אַז דו ווילסט, קאָנסטו צוריק אַרויפֿקומען, אָבער מער וועסטו ניט קריגן.

— וויפֿיל?

— ווי איך זאָג דיר — דריי.

— דריי דאָלאַר.

— יאָ, טשאַרלי, דריי דאָלאַר.

— האָ, מיסטער וואולף... מיסטער וואולף... האָ, האָ, האָ, מיסטער וואולף...

— דו דאַרפֿסט ניט לאַכן, טשאַרלי. נעם עס קאָלט. דו ביסט ניט צוגעבונדן אַ גאַנצן טאָג צום שאַפּ אָדער צום אָפֿיס, ווי אַנדערע. איך אָנערקען דעם ווילן פֿון אַ גייסט צו זיין פֿריי. דו ביסט אַן אַמעריקאַנער. דאַרפֿסט נאָר צוקלויבן דעם אָפֿיס און דעם שאַפּ, זען אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג. זיכער, דאַרפֿסטו אַמאָל גיין אַ שעליכעס, אָבער ביכלאַל קאָנסטו גייך און קומען ווען און וואו דו ווילסט, צוהעלפֿן דיין פֿריינט דאָ אין גאָס באַ די צייטונגען. אַ פֿאַקט: איך פֿרעג דיך קיינמאָל ניט, וואו דו גייסט. דאָס אַלץ וואָס איך קאָן דיר זאָגן, טשאַרלי. טו ווי דו ווילסט.

טשאַרלי איז צוריקגעלאָפן צו דזשאַרדזשן, צוריק אָוועקגעלייגט דאָס פעקל צייטונגען אָפן געשטעל, קוקנדיק אין דער ריכטונג צו מיסטער וואולף:

— ווער דו ביסט, מיסטער וואולף, ווייס איך ניט. גאָט־פאַר־דאַמט! איך בין טשאַרלס האָפּקינס! איך בין טשאַרלס האָפּ־קינס!... — — —

— וואָס איז דער מער, טשאַרלי? —

—יעזוס! יעזוס! איך ווייס ניט ווער מיסטער וואולף איז. איך קאָן אים פון זינט ער איז געווען אַ אינגל. — — —

ער האָט פאַרקרימט דאָס צעקנייטשטע פּאָנים. די נאָז איז אים געוואָרן רויט ווי פייער. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ שוואַרץ פאַטשיילעכל, דערין אַריינגעשנייצט מיטן גאַנצן קויעך און זיך אויסגעווישט די אויגן. —

טשאַרלי האָט איצט געציטערט. ער האָט אָף זיך צונויפגענומען דעם לייכטן מאַנטל, צוגעביסן די קינבאַקן און געקוקט אַף דער גאַס ווי אַן עלנט כייעלע.

אין דער לופטן האָבן שוין אָנגעהויבן פליען איינציקע שנייעלעך. דער הימל איבער דער גאַס איז געוואָרן ברודיק־גרוי. עס איז מיט־אַמאָל צוגעפאַלן אַ פינצטערניש. די פענצטער פון אַלע געביידעס האָבן אויפגעלויכטן ווי באַנאַכט. דער שניי האָט אָנגעהויבן פאַלן געדיכטער. די גאַס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פינצטערלעך־ווייסן טויהו. מען האָט מער ניט געזען קיין גאַס און קיין וועלט. עס איז געפלויגן שניי פון אויבן, שניי פון אונטן, שניי פון לינקס און שניי פון רעכטס — אַ דרייענדיקע, פינצטערלעך־ווייסע וועלט. עס האָט זיך געדאַכט: מען האָט אויסגעמישט דעם הימל מיט דער ערד מיט אַלץ־מיט־אַנאַנדער. דזשאַרדזש האָט אַף שנעל אַרויפגעשטעלט אַ דעכל איבערן געשטעל און בײדע, ער און טשאַרלי, האָבן זיך אַרונטערגעשטעלט אונטערן דעכל. עס איז אָבער ניט געווען קיין באַהעלטעניש: דער שניי איז אַריינגעפלויגן אומעטום.

— ווייסט טשאַרלי, אַ שניי איז ערגער ווי אַ רעגן. אַ מיעסע זאַך: די ציַיטונגען ווערן נאַס.

— גיב מיר, דזשאָרדזש, אַף אַ קאַווע. האָסט?

דזשאָרדזש האָט זיך צוגעבויגן צו טשאַרלין און אַ קרים געטאָן דאָס מויל אַף אַ זייט מיט מיטגעפיל:

— וואַרט צו אַ ווײַלע. כ׳האָב נאָך גאָרנישט איינגענומען, טשאַרלי.

ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון אונטערן דעכל און אַ געשריי געטאָן:

— אַלע ספּאָרטס און די לעצטע נייעסן דאָ!

טשאַרלי האָט געדרייט די אויגן אַף אַלע זייטן ווי אַ מייזל, וואָס זוכט אַ נאָרע וואוהין אַרײַנצולויפן. ער האָט זיך געהויכט אין די הויפּנס און פון זיך אַרויסגעהויכט דעם אָטעם פון דעם דאָזיקן וועטער, וואָס האָט אים געשפּאַרט אין האַרץ אַרײַן. פון דער נאָז האָט אים געקאַפּעט איבער די ברודיק־גרוילעכע וואָנצעלעך. ער האָט געוואָלט וואו אַ לויף טאָן, זיך קלאַפּן אין די פיס און אין די הענט. ער האָט געזאָגט דזשאָרדזשן אַ מאָל דריי, אַז ער גייט אַרײַן אין אַ קאָרידאָר זיך אָנוואַרעמען, אָבער ער איז אַלץ ניט געגאַנגען. מיטאַמאָל איז ער אַרויס פון אונטערן דעכל און איז אין איין אויגנבליק פאַרשלונגען געוואָרן אין דעם שנייאיקן טויהו.

אין אַ מינוט צען אַרום איז ער געשטאַנען הינטער דער טיר פון מיסטער וואולפס אָפיס און זיך אָפּגעקלאַפּט דעם שניי באַ די טרעפּ אינעם טונקעלן קאָרידאָר פון דער אַלטמאָדישער געביידע, אָפּגעשאָקלט דעם הוט און אַרײַנגעגאַנגען אין אָפיס. מיסטער וואולף איז געזעסן באַם טרייבל פון טעלעפאָן. ער האָט זיך אומגעקוקט צו טשאַרלין און אַרויפגעלייגט די האַנט אַפן אויער. טשאַרלי האָט צוגעוואַרט באַם פאָלירטן שטאַכעטן־באַריער וואָס צוימט אָפּ מיסטער וואולפס פּלאַץ. מיסטער וואולף איז ענדלעך פאַרטיק געוואָרן און זיך אומגעקערט. טשאַרלי האָט שווער געסאָפּעט און געציטערט פון קעלט.

— איך האָב פריער געטראַכט. ביסט אַ נאַר, טשאַרלי. מיין גאָט, דו וועסט זיך אַמאָל איבערפירן. אין אַזאַ וועטער שטייסטו אין גאַס. לייגסט ניט קיין אַכט אַף דיין געזונט, טשאַרלי.

טשאַרליס אויגן האָבן אָפּגעקוקט פון אונטערן קאַפּעליושל אָפּגעטויט־מאַט און דערשלאָגן.

— איך דאַרף עפּעס געלט, מיסטער... וואולף. — — —

— יאָ־אָ . . . איך קען דיר געבן אַ ביסל געלט. אָבער . . . מיין גאָט, דו אַרבעסט דאָך ניט איצט דאָ.

— וועל צוריק אַרבעטן, מיסטער וואולף . . .

— נו, וואַרעם דיך אָן. דו דאַרפסט דאָך ניט די מינוט.

— יעזוס . . . יאָ . . . איך דאַרף עפּעס געלט.

— גוט, וועסט קריגן אַ ביסל געלט. עס זעט ניט אויס מ׳זאָל ווערן קליגער, טשאַרלי, ווען מען ווערט עלטער. ניין, ניין, טשאַרלי — — — נאָ סער, מיסטער האָפּקינס! ניין . . . כ׳וואָלט זיך גיכער געקאָנט ריכטן אַף זיי, דאַרט אויבן אין שאַפּ, וואָרים דאָס פּאַסט פאַר אויסלענדער, ניט פאַר דיר . . .

— איך דאַרף עפּעס געלט, מיסטער וואולף . . .

— געלט און געלט. יעדער וויל עס. גוט, וועסט קריגן געלט. דער שאַפּ איז פאַרלאָזט און דער אָפּיס — פאַרלויזיקט. גיי אַרויף און קער זיי אַביסל אָפּער פון אונטער די מאַשינען. זיי וועלן מיר באַלד אַראָפּשיקן זייער שאַפּ־דעלעגאַט זאָגן, אַז איך גיב זיי ניט קיין סאַניטאַרע באַדינגונגען, די לויזערס. איך וויל זיי ניט זען דאָ, טשאַרלי.

טשאַרלין האָט זיך פאַררוקט דאָס קאַפּעליושל אַף אַ זייט. ער האָט זיך געווישט די האַרטע, גרוילעכע, נאַסע וואַנצעלעך. אין דער זייט האָט אים אַרויסגעשטעקט פון אונטערן קאַפּעליושל אַ ביסל גרוילעכע שיטערע האָר, ווי אַ ביסל צעקנייטשט, אָפּגעטריקנט גראָז. ער האָט געטראַכט: ער וועט אַרויפגיין אין שאַפּ.

אין קעמערל, באַם וואַסער־קלאָזעט, איז געווען טונקל. דורכן פאַרשמירטן פענצטערל האָט אַריינגעקוקט דאָס גרוילעך־טונקעלע ליכט פון שנייאיקן דרויסן. דער שניי האָט אַריינגעוויעט דורך דער צעבראָכענער שויב. טשאַרלי האָט אַרויסגעטראָגן דעם שווערן עמער און איז אַריינגעגאַנגען אין שאַפּ.

דער שאַפּ איז געווען באַלויכטן פון די עלעקטרישע ליכט. עס האָט געדרוישט און געשמעקט מיט אלערליי שווערע רייכעס. מיס־טער מינץ איז, ווי אַלעמאָל, געזעסן אָפן הויכן בענקל באַ זיין טיש, ווי אַ קאַפּיטאַן אָפן בריקל, עפּעס געכעשבנט אין קאָנטאָ־בוך און געמעקט, האַלטנדיק גלייכצייטיק אַן אויג אָפן שאַפּ.

טשאַרלין האָט מעכאַיעדיק אַרומגענומען די וואַרעמקייט. ער האָט ניט געדענקט צוליב וואָס ער טראָגט איצט דעם עמער. ער האָט אים אַוועקגעשטעלט אינמיטן שאַפּ און אַ ווײַלע געבליבן שטיין, נאָכקלערנדיק עפּעס. ער האָט זיך אָנגעבויגן צו הערי קירשנבוים און אַ זאָג געטאָן:

— יעזוס . . . היינט איז אַן עמעסער ווינטער־טאָג . . .

און אין אַ רעגע אַרום:

— גיב מיר, גיב מיר אַף אַ קאַווע. מיין גאָט... כ׳וועל דיר אָפּגעבן.

דעמאָלט איז אַרויפגעקומען אין שאַפּ מיסטער וואולף. ער איז געגאַנגען צו זיין פּאַרטרויאונגס־מענטש, מיסטער מינץ, און באַ־מערקט טשאַרלין נעבן הערי קירשנבוימס מאַשין. ער האָט געזען ווי הערי גיט אים אַ מאַטבייע. דאַן האָט ער זיך אויסגעדרייט מיט זיין גרויסער פיגור און מיט פּראָמינענץ אין טאָן, אָבער מיט אַן איינ־געהאַלטנקייט אין קאָל, האָט ער זיך געווענדט צו אַלע אין שאַפּ:

— יאָ... איך מיין: יעדער איינער פון אייך דאַרף געבן טשאַרלין אַ פּאָר סענט פאַר דעם דינסט און נוצן וואָס ער איז אין אַלגעמיין פאַרן שאַפּ. ער איז דער, וואָס גיט אַכטונג אַף די סאַ־ניטאַרע באַדינגונגען, רייניקט אייך אָפּער פון אונטער די מאַשינען, זעט אַז אַלע זאָלן האָבן די נויטיקע מענטשלעכע באַקוועמלעכקייטן און אַזוי ווייטער. איך גלויב, אַז עס איז ניט מער ווי יושערדיק, אַז יעדער איינער זאָל אים אַרויסהעלפן מיט אַ קלייניקייט.

טשאַרלין האָט אַרומגענומען אַ וואַרימקייט, ווי עמיצער וואָלט אים איינגעהילט אין אַ טוך. ער איז צוגעגאַנגען נענטער צו מיסטער וואולפן און זיך שיער ניט צעוויינט אין זיין עלנט. ער איז אָבער מאָמענטאַל געוואָרן טאַקיפּעסדיקער און אַ זאָג געטאָן:

— מיסטער וואולף, איך וויל אַ ניקל; אַ ניקל פון יעדן איי־נעם.

— יאָ, טשאַרלי, זיי וועלן דיר געבן. גיט אים, באַכורים!

עס האָבן זיך אויפגעהויבן קעפּ; קעפּ מיט פּליכעס, קעפּ מיט האָר און קעפּ מיט צאַלעלאַי־דאַשיקעס איבער די אויגן. עס האָבן ניט־גערן אָנגעהויבן בלאַנדזשען פינגער אין וועסטל־קעשענקעס. מיס־טער וואולף האָט דערווייל באַזאָרגט באַ מיסטער מינצן וואָס ער האָט באַדאַרפט און זיך צוריק אומגעקערט אַראָפּ אין זיין אָפּיס. טשאַרלי האָט זיך גערוקט פון איינעם צום צווייטן, איבערכאַזערנדיק ניט זי־כער: — „מיסטער וואולף האָט געהייסן".

מיטאַמאָל האָט עפּעס פּאַסירט.

איינער האָט אומגעקערט דעם קאָפּ און געזאָגט:

— אָ, טשאַרלי . . . האָסט פאַרלוירן, זע איך . . .

טשאַרלין האָט אַ שפּאַר געטאָן אין האַלדז אַ הייסע כוואַליע. ער האָט אַ שפּרונג געטאָן ווי אַ שטיק לאַווע און געוואָלט אַ שליי־דער טאָן אַלע צונויפגעקליבענע מאַטבייעס. אַ פאַרכליניעט גע־שריי האָט זיך צעקייקלט איבערן גאַנצן שאָפּ:

— מיסטער וואולף האָט געהייסן! און נישט דיינע גאָט־פאַר־דאַמטע געשעפטן! נישט דיינע גאָט־פאַרדאַמטע געשעפטן, זאָג איך דיר! מיסטער וואולף האָט געהייסן! דו אויסוואורף!

און ווי אַ שטיק קוועקזילבער איז ער צוגעלאָפן צו מיסטער מינץ, ווייזנדיק מיטן פינגער:

— אָט יענער לומפּ וויל ניט געבן! מיסטער וואולף האָט געהייסן . . .

מיסטער מינץ האָט אים באַרואיקט, געזאָגט: ער וועט פאַר אים קריגן דעם ניקל, און אים געבעטן צו זיין שטיל, ווייל מ'אַרבעט איצט. אָבער שטיל איז ניט געוואָרן. באַ די מאַשינען האָט זיך געטומלט. עס זיינען געפלויגן ווערטער און טיינעס. אַ געמיש פון מיינונגען. טייל אַף טשאַרליס צאַד, אַנדערע אַף יענעמס. טשאַרלי האָט זיך אָנגעשטויסן אַף זיין עמער און אים אַוועקגענומען פון וועג. פלוצלונג האָט זיך יענער אַ הויב געטאָן פון בענקל און אַ קלאַפּ געגעבן מיט דער שער:

— אַזוי הייסט אונדז מיסטער וואולף. מיר קאָנען אים העלפן אַנדערש!

מיסטער מינץ איז שנעל אַראָפּ פון זיין בענקל און אַ גיי

געטאָן אין מיטן שאַפּ, אונטערהינקענדיק אַף אַ פוס, מיט אַן אויס־געשטרעקטער, טייטלענדיקער האַנט אַף יענעם. ער האָט בעאייס־מייסע געטרייסלט די האַנט אינדערלופּטן, ווי געטריבן פון אַן עלעק־טרישער קראַפט, און מיטן פּאָנעם געווענדט צו אַלע באַ די מאַ־שינען:

— ווי מיסטער וואולף הייסט אים העלפן, געפעלט אים ניט,

— — דער גרויסער פילאַנטראָפּ מיינער, — וואָס דאָס האַרץ טראָגט אים ניט אויס אַרויסצונעמען אַ פּאָר סענט פון קעשענע. איך וועל ניט געבן טשאַרלין פאַר אייך דעם ניקל! ער קאָן אים העלפן אַנדערש . . . און וואָס גייט עס דאָ אָן? וואָס איז דאָ? איר ווילט מיטינגען, קאָנט איר גיין אין דער יוניאָן! — — —

טשאַרלי איז געווען איבערגע־בראָכן. ער האָט געקערט דעם שאַפּ, גערוימט דעם אָפיס. גע־רייניקט די וואַסער־קלאָזעטן; איז אַראָפּ אין קלימפּאָרדס רעסטאָ־ראַן און געהאַט אַ גוטן מאָלצייט: אַ זופּ מיט בעבלעך, אַ הייסע קאַווע און ברויט, אָבער עסן האָט ער ניט געקאָנט. עס האָט אים געטומלט אין מויעך און געררישט אין האַרץ.

אַנטקעגן פאַרנאַכט־צו האָט אים מיסטער וואולף געהייסן אַראָפּ־גיין אין גאַס און צוואַרטן אַף אים. אַליין איז מיסטער וואולף שוין געגאַנגען אָנגעטאָן אין וואַרעמען ווינטער־מאַנטל און ער האָט עפּעס באַזאָרגט באַ די אָפּיס־מענטשן און איז אויך אַף שנעל אַרויף אין שאַפּ צו מיסטער מינצן. אין אָפּיס האָט אַף אים געוואַרט די יונגע פריילן וואולף, איינגעהילט אין אַ פיינעם פוטער.

אין גאַס איז אַלץ געווען ווייס־פאַרשנייט. אינדערלופטן איז געהאַנגען אַ פאַרגליווערטע גרויקייט. עס האָט גיכער אויסגעזען, אַז עס גרייט זיך אַ נייער שניי, איידער דאָס זאָל זיין די טונקלקייט פון ביין־האַשמאַשעס. עס האָבן אָבער שוין געברענט אַלע עלעק־טרישע לאָמפּן אין גאַס.

טשאַרלי האָט צוגעוואַרט אַף מיסטער וואולפן, פילנדיק אַ ציטער אין גאַנצן לייב. ער האָט דערזען אָפן ראָג דזשאָרדזש סטענליס

געשטעל איינגעזונקען אין שניי. עס האָט אים עפּעס פאַרכאַפּט באַם האַרצן:

— יעזוס, אָרעמער יונג . . . ווערט פאַרפרוירן אַ גאַנצן טאָג, גאָט מיינער . . .

פון קאָרידאָר איז באַלד אַרויסגעקומען מיסטער וואולף, באַגלייט פון דער יונגער פריילן אין פיינעם פוטער. אין דער פראָנט איז געשטאַנען מיסטער וואולפס גרויסער אויטאָמאָביל. טשאַרלי האָט אים גאָרניט באַמערקט. אַף די רעדער זיינען שוין געווען אָנגעטאָן די שטאָלענע קייטלעך. זיי זיינען געשטאַנען האַלב־ איינגעזונקען אין שניי. מיסטער וואולף איז פאַמעלעך אַריבערגעגאַנגען איבערן שניי, צילנדיק זיך מיט די פיס אין סליאַד פון עמיצנס איינגעזונקענע טריט, און די יונגע פריילן וואולף האָט אַ שפּרונג געטאָן ווי אַ סאַרנע, אַ וויש געגעבנדיק מיטן ברעג פון האַריקן פוטער אַפן הויכן שניי. מיסטער וואולף האָט געעפנט דאָס טירל און געהייסן טשאַרלין אַריינגיין. אַליין איז ער מיט דער יונגער פריילן וואולף געגאַנגען זעצן זיך פונפאָרנט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך שוין די מאַשין געטראָגן דורך די פאַרשנייטע גאַסן. טשאַרלי האָט נאָך, דאַכט זיך, אין זיין לעבן ניט געפילט אַזאַ גוטקייט ווי אין דער רעגע, בעאייס דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט און ער האָט ראַכוועסדיק אַ זינק געטאָן איינער אַליין אין דעם ווייכן געזעס. דער אינגעווייד האָט זיך אין אים מעכאַיעדיק אַ וויג געגעבן און ערגעץ אַראָפּגעזונקען מיט אַלע זיינע יעסורים. באַלד אָבער האָט דער רייעך פון דער לעדערנער אויסשטאַטונג צוזאַמען מיט דער דומפּער לופט פון דער פאַרמאַכטער מאַשין אים גענומען דריקן אַפן מויעך, נאָר שטאַרקער ווי פריער. מיסטער וואולף האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אים געפרעגט צי עס איז אים ניט קאַלט, און נאָך איידער ער האָט געענטפערט, האָט די יונגע פריילן וואולף זיך ערגעץ אַ פאָרקע געטאָן און אַ וואַרעמקייט האָט אים גענומען גיין אונטער די פיס. אַ רעגע איז אים ווידער געוואָרן מעכייעדיק־גוט, אָבער באַלד האָט זיך אַף אים אַוועקגעלייגט אַן אומדערטרעגלעכער כאַלאָשעסדיקער איבל.

מיסטער וואולף איז צוגעפאָרן צו אַ ראָג, אַראָפּגעלאָזט די יונגע פריילן וואולף און געהייסן טשאַרלין איבערגיין צו אים אין דער פראָנט.

— ניט אַזאַ לײכטע זאַך צו זײַן איצט אַ פּאָטער, טשאַרלי. איצט גײט זי שױן אַלײן װאוהין זי װיל און װען זי װיל. און אַסאַך אַ דײַע זאָגן קאָן מען ניט; גײט דאָך שױן אין אוניװערזיטעט. דאָך װילט זיך אַמאָל װיסן, טשאַרלי, מיט װעמען מען קאָמוניקירט. װאָרים אַ מײדל איז ניט אַ יונגערמאַן. איבעריק דערפּאַרן איז מען נאָך ניט. אָט ברענגט זי מיר אַרױס אין אַזאַ װעטער די מאַשין. זי פֿאַרשטײט נאָך ניט די געפֿאַר. נאָך גוט, זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף אָנטאָן די קײטלעך אַף די רעדער. יאָ, טשאַרלי... װי מײנסטו, די סיגנאַלן װעלן העלפֿן פֿאַרהיטן אומגליקן?

— איך דענק אַזױ, מיסטער װאולף.

— יאָ, טשאַרלי.

אין אַ װײלע אַרום איז טשאַרלי

שױן געװען באַ מיסטער װאולפֿן אין הױז. מיסטער װאולף האָט אים אַרױפֿגעפֿירט מיט אַן עלעװײטאָר און אים דורכגעפֿירט דורך פֿיל צימערן, דערקלערנדיק אים, אַז ער האָט פֿאַר אים אַביסל אַרבעט דאָ. טשאַרלי האָט זיך פֿאַרלױרן פֿון דער פּראַכט פֿון די צימערן און פֿון גאַנצן הױז. ער האָט כאָטש אױסגעדריקט זײַן היספּײלעס איבער די צװײ באָד־צימערן, װאָס ער האָט געזען.

— יאָ, טשאַרלי, דאָ גײען אַלע צען־צימער־אַפּאַרטמענטן מיט צװײ באָד־צימערן.

מיסטער װאולף האָט געהײסן טשאַרלין אױסטאָן דעם מאַנטל און אים אָנגעװיזן דרײַ גרױסע ביכער־שאַפֿעס, אָנגעפֿילט מיט ביכער, װאָס װעלן דאַרפֿן איבערגײן אין אַן אַנדער צימער, און אױך צװײ בראָנדזע־נע סטאַטוען און עטלעכע אױל־בילדער, װאָס זײַנען געהאַנגען אַף דער װאַנט.

— דאָ װעסטו געפֿינען אַלץ אין דער װעלט, טשאַרלי. צװישן אָט די טאָװלען ליגן פֿאַרבאָרגן די בעסטע מױכעס פֿון אַסאַך יאָר־הונדערטער. דער אַלטער מײנער האָט געמײנט, אַז איך װעל זײַן פּראָפֿעסאָר אין קאָלאָמביע, און איך בין קױם אָן אָרעמער פֿאַבריקאַנט פֿון דאַמען־מאַנטלען. נעם דיר צײַט, טשאַרלי, און טו עס ריכטיק. די סטאַטוען װעסטו אַביסל אַרומװישן. זאָג דעם מײדל, װעט זי דיר

געבן אַ טוך. די דריי בילדער זיינען מיר געבליבן אַ יערושע פון אַלטן. די צוויי זיינען איטאַליענישע אָריגינאַלן, און דאָס איז אַן אַלטע האָלענדישע רעפּראָדוקציע — אַלץ טייערע זאַכן, טשאַרלי. די צוויי האָב איך אַליין איינגעקויפט. איינס — אָט דאָס, איז אַן אָריגינאַל פון אַן ענגלישן מייסטער פון סאָף 17טן יאָרהונדערט, און דאָס איז אַ מאָדערנע זאַך פון אונדזער צייט.

טשאַרלי איז געווען אָפּגעגאָסן מיט שוויס פון קאָפּ ביז די פיס. די ביכער זיינען געווען באַזונדערס אומדערטרעגלעך.

— דאָ ליגן גאַנצע וועלטן כאָכמע, טשאַרלי.

עס איז געווען איבער זיינע קויכעס. מיסטער וואולף אַליין האָט אים געהאָלפן איבערטראָגן די שאַפּקעס און בעאייס ער האָט געשלעפּט די סטאַטועך, האָט זיי מיסטער וואולף צוגעהאַלטן באַ די קעפּ. ענדלעך איז אַלץ געווען אין אָרדענונג. טשאַרלי האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע דאָס שוואַרצע פאַטשיילעכל און זיך אָפּ־געווישט דעם האַלדז מיטן פּאָנים. מיסטער וואולף האָט אויסגערופן:

— מאָ, האָסט עפּעס אַ גוטע זאַך פאַר טשאַרלין? גיב אים אַ גוטן טרונק!

מיסטער וואולף איז מיט אים אַריין אין קיך צו דער מאַדאַם וואולף. זי איז אַ דאַמע אין פענסנע, גרויס ווי מיסטער וואולף, מיט בלישטשנדיקע רינגען אויף די פינגער. זי האָט געטראָגן אַ ווייס שירצל און זיך געפּאָרעט אין קיך צוזאַמען מיטן הויז־מיידל. אויפן ווייס־אַמאַלירטן גאַז־אויוון האָבן זיך געפּאָרעט גרויסע פאַנען און די לופט אין קיך איז געווען פאַרנומען מיט אַ שאַרפן רייעך פון געבראָטנס און עפּעס אַ געבעקס. טשאַרלין האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם. ער האָט דערפילט ווי עס זינקט אין אים אַראָפּ דאָס כ׳עס. פון אַ גע־שליפענעם גראַפין האָט די מאַדאַם וואולף אָנגעגאָסן אין אַ גלעזל עפּעס אַ רויטלעכן געטראַנק. טשאַרלי האָט אַ זופּ געטאָן און אַ וואַרעמקייט האָט אים אָנגעהויבן פאַנאַנדערלויפן דורך די ביינער און אָפּכאַלעשן די גלידער מיט אַן אומענדלעכן טיינעג.

— נו, וואָס זאָגסטו, טשאַרלי.

— יעזוס...

— גיס אים אָן נאָך איינס. און גיב אים צו פאַרבייסן עפּעס, מאַ. גיב אים אַ גוטע זאַך.

טשאַרלי האָט געטרונקען נאָך אַ גלעזל און פאַרביסן מיט אַ קוואַדראַט שטיק פעטן שטרודל. עס איז אים פאַרגאַנגען באַם האַרצן אַ ווייטיק. ער האָט ניט געוואוסט וואָס זאָל ער טאָן: דאַנקען, ווינטשן, אָדער גלאַט עפּעס זאָגן...

— וואַרט־צו, טשאַרלי, איך האָב פאַר דיר אַ גוטן הוט.

מיסטער וואולף איז אַוועק און אַריינגעבראַכט אַ הוט מיט אַ שוואַרצן באַנד.

— מעסט אים אָן, טשאַרלי, און דיינעם וואַרף אַוועק.

טשאַרלי האָט אויסגעזען אין מיסטער וואולפס הוט, וואָס איז אים אַ פאַל געטאָן איבער די אויגן, ווי אַ ווילדער קאָמיקער אויף דער בינע. די פרויען האָבן אַ קוויטש געטאָן ווי אין ספּאַזמעס און זיך געכאַפּט באַ די זייטן פון געלעכטער.

מיסטער וואולף האָט אים געפרעגט צי ער האָט אויף דער הויצאָע אַהיימצופאָרן און אים געגעבן אַ צען־סענט שטיק. ער האָט אים אַרויסגעפירט אין קאָרידאָר און אַראָפּגעשיקט מיטן עלעוויטאָר.

בעערעך

אין אַ שאָ אַרום האָט טשאַרלי שוין ווידער געטאָפּטשעט אויף די גוט־באַקאַנטע טראָטואַרן, וואו מען האָט נאָך אַלץ גערייניקט דעם שניי. אויף דער עווענו האָט געראַשט אַן עלעקטרישע מאַשין, וואָס האָט גערייניקט די טראַמוויי־רעלסן. טשאַרלי האָט אויסגעזען קליין. ער האָט אַרויפגעטראָגן אין שטוב אַביסל קוילן אין אַ זעקל. האָט עס געהאַלטן אויף די פּלייצעס. די מאַסע האָט אים אַכזאָריעסדיק אַראָפּגעדריקט. דאָס צעבויגענע קאָפּעליושל איז אים געווען אויסגעדרייט מיט דער שליף פונפאָרנט און אַראָפּגעשלעפּט אין אַ זייט. די גלידער האָבן אים געפאַרעט. ער איז געווען אַן קויכעס. ער האָט צוגעהאַלטן דאָס זעקל מיט איין האַנט, ווייל די צווייטע איז אים געווען פאַרנומען מיט מיסטער וואולפס הוט און מיט אַ פּאַפּירענעם שקאַרמיץ, אין וועלכן עס איז געלעגן אַ ברויטל און אַ שאַכטל קאָנסערווירטע בעבלעך.

אינדרויסן, באַ דער שטאַל, האָט איגנאַט פּיץ, אַ׳קאַנליס מענטש, אַוועקגעקערט דעם שניי. די שטאַל איז נאָך געווען אָפן. אַ׳קאַנלי

איז געשטאַנען בײַ דער טיר מיט די הענט פֿאַרשטעקט אין די הויזן־קעשענעס און מיט אַ פּיפּקעלע אין מויל.

— האַלאָ, פּאַט!

— האַלאָ, טשאַרלי.

— גאָט מײַנער, האָסט מיך הײַנט שיר איבערגעפּאָרן, פּאַט.

— וואָס טראָגסטו דאָ, טשאַרלי? כ׳זע: דו גײסט מיר פֿאַר־ברענגען די פֿערד הײַנט בײַנאַכט.

— יעזוס, וואָס טוען מיר די אָרעמע בעהיימעס?

— כ׳וועל דיר זאָגן דעם עמעס, טשאַרלי: קײן דירע־געלט צאָלסטו ניט און דאָס שטיבל דאַרף איך האָבן.

— יעזוס קריסטוס, וועסט דאָך מיך ניט אַרויסשטעלן אינמיטן ווינטער אויפֿן שניי, פּאַט.

— כ׳האָב גאָרניט בעדייע אויפֿצוהאַלטן אַ צדאָקע־אַנשטאַלט. דאָס איז דער עמעס.

טשאַרלי האָט אַראָפּגעלייגט די מאַסע. דער טאָג האָט אים איינגעבראָכן. ער האָט געפֿילט: ער איז קראַנק.

ער האָט זיך אויסגעטאָן, געמאַכט ליכטיק אין שטיבל און אָנגעהייצט דאָס אײוועלע.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך געוואַרעמט די פֿיס. ער האָט זיך אונטערגעשפּרייט אויפֿן דיל דעם פּאַפּירענעם שקאַרמיץ. דײַנע צעריסענע שקאַרפּעטקעס האָבן זיך געטריקנט אויף דער באַנק.

אין אַ טעפּל האָבן געזאָטן די קאָנסערווירטע בעבלעך. טשאַרלי האָט פֿאַמעלעך צוגעלייגט שטיקלעך קוילן, וואָס זײַנען בײַ דער אָרום־געגומען געוואָרן פֿון צעגליטן זשאַר און אויף אַ ווײַלע טונקעלער גע־מאַכט דעם קופּער־רויטן שײַן, וואָס האָט אָפּגעשלאָגן אינעם טונקעלן כאָלעל. אויף דער פּאָליצע, וואָס איז געווען צוגעשלאָגן צו די ברעטער פֿון דער וואַנט, האָט געציטערט אַ געל ליכט־פֿלעמל אין אַ קלײן לייכטערל, וואָס האָט געוואָרפֿן אַ טונקעלע שײַן אויפֿן שטיבל. די סטעליע איז געווען הויך און דאָס אויוועלע האָט געוואַרעמט אויף אַ קלײנעם שעטעך.

אין אַ ווײַלע איז טשאַרלי לאַנגזאַם אַראָפּגעזונקען אַף די קני מיט די באָרוועסע פּיס. פאַר אים זײַנען שוין געשטאַנען אויפגעגעבן אַף דער באַנק די קאָנסערווירטע בעבלעך. דערנעבן איז געלעגן דאָס ברויטל, אַרויסגענומען פון פּאַפּיר. ער האָט פּאַמעלעך אויפגעהויבן דעם קאָפּ אינדערהויך, אָנשטעלנדיק דאָס פּאָנים אין כאָלעל צו דער סטעליע. דעם אויבערשטן טייל מיט די אַש־קאָלירטע, צעקנייטשטע, שיטערע האָר און מיט דעם נאַקעטן שטיקל שאַרבן אין דער מיט, אַריבערגעבויגן צום נאַקן. די אויגן־אַפּלען האָבן זיך אים ערפורכטיק אַרויפגערוקט און זיך איבערגעקערט מיט צאַר אונטער די ווייעס. זײַן פּאָנים האָט פאַרשטעלט דאָס ליכט. זײַן שאָטן איז געפאַלן אַפן דיל. די פּאַרע פון די בעבלעך האָט זיך גערויטלט קעגן דער רויטער שײַן פון אויוועלע. ענדלעך האָט ער אַ ציטער געטאָן, גענומען דעם לעפל און פאַרזוכט פון עסן. ער האָט עס נאָכאַמאָל פאַרזוכט און אַוועקגע־לייגט דעם לעפל. ער האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן און געגאַנגען מיט די באָרוועסע פּיס אַפן קאַלטן דיל אין ווינקל צום געלעגער. ער האָט אָפּגעוואָרפן די צוויי פערדישע קאָלדרעס און איז אַרויפ־געקראָכן. די נאַקעטע פּיס האָבן אים אַרויסגעשטעקט. ער האָט זיי לאַנגזאַם אַרײַנגעצויגן.

דאָס ליכט אַף דער פּאָליצע האָט געצאַנקט. דאָס פלעמל האָט זיך געצויגן אין לײַכטערל אַרײַן און מיטגעצויגן דאָס טונקעלע ליכט פון קליינעם ביניען. די קופּער־רויטע שײַן פון אויוועלע האָט גענומען אָפּשלאָגן שטאַרקער . . .

טשאַרלי האָט געפילט, אַז עס האָט זיך ווער אַף אים אַרויפגע־לייגט, אַ שווערער און אַ גרויסער. ער האָט געקעמפט אים אַראָפּ־צוואַרפן. ער האָט אָפּערגעשטעקט אַ האַנט און אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט געפילט: ער איז דורשטיק. ער האָט אויפגעהויבן די פערדישע דעקעס און פּאַמעלעך אַראָפּגעקראָכן פון געלעגער.

אין מיטן שטיבל, באַלויכטן מיט דער קופּער־רויטער שײַן פון אויוועלע, איז געשטאַנען טשאַרלי — אַ ציטערדיקער זאָקן פון נײַנציק, מיט אַן אײַנגעבויגענעם גוף און אָנגעבויגענע וואַקלענדיקע פּיס. די מוסקולן אונטער דער גאָמבע אַראָפּ

צום האַלדז־צו אַנגעצויגן. דער קאָפּ מיטן נאַקעטן שטיקל שאַרבן אין דער הויך. די אַש־קאָלירטע, שיטערע האָר? ווילד צעבאָרשטן. ער האָט דערזען אַף דער פּאָליצע מיסטער וואָולפס הוט און אַ ברום געטאָן:

— כ׳וועל זיך מיט דיר שלאָגן, מיסטער וואולף... כ׳וועל זיך מיט דיר שלאָגן ביז אין בלוט אַריין...

ער האָט אַ שטויס געטאָן מיט דער פויסט אין דער לופטן:

— איך קלאַפּ דיך אַרויס אין ערשטן „ראַונד“, — — — — דו גרויסער, פעטער בער! — — —

ער האָט זיך אַ קוליע געטאָן אַף אַ זייט און געפאַלן.

דאָס פייער אין אויוועלע האָט געצאַנקט. טשאַרלי איז געלעגן אָפּן דיל מיט די באָרוועסע פיס.

איבער דער באַנק זיינען געשפּרונגען צוויי גרויסע פערד־מייז, געקלונגען מיטן לעפל און געגעסן די קאָנסערווירטע בעבלעך מיטן ברויט.

דאָס פייער האָט זיך אויסגעלאָשן. אין שטיבל האָט זיך אויס־געשפּרייט אַ געדיכטע פינצטעניש. פון דער שטאַל האָט זיך געהערט דאָס פאַרסקען פון די פערד און אין דער פינצטערניש — אַ שטיל קרעכצן:

— אַ־אַ־אַ — — — — אַ — — — —

מיסטער

וואולף איז אַרויפגעקו־מען אין שאַפּ. באַ די מאַשינען איז געווען פינצטער. מיסטער מינץ איז געווען איינער אַליין אין שאַפּ. ער איז געזעסן, ווי געוויינלעך, אָפּן הויכן בענקל באַ זיין טיש. ער האָט געצייכנט אַ מאָדעל פאַר אַ נייעם מאַנטל אַף אַ געל פּאַפּיר. איבער זיין קאָפּ האָט געבלינצלט אַ שאַרף עלעקטריש ליכט — דאָס איינציקע אין גאַנצן שאַפּ. מיסטער וואולף האָט פאַר אים אַוועקגעלייגט אַן אויסגעשפּרייטע ציַיטונג. מיס־טער מינץ האָט אַרויסגענומען אַ פּאָר שפּאַקולן און אַריינגעקוקט.

— וועמען? טשאַרלין האָט מען אַוועקגענומען אין שפּיטאָל?

— האָט מיסטער מינץ געפרעגט פאַרכידעשט.

— ס׳איז אַ טרוקענער פאַקט, — האָט מיסטער וואולף געענט־פערט. — טשאַרלי איז געשטאָרבן.

— געשטאָרבן ? ? — —

— יאָ, מינץ, טשאַרלי איז געשטאָרבן.

— ווען ? —

— שאַבעס אינדערפרי, ביין אַזייגער, — האָט מיסטער וואולף געזאָגט. — דאָ, — האָט ער אָנגעוויזן אַף דער צייטונג, — איז נאָר אָנגעגעבן, אַז מען האָט אים אַוועקגענומען אין שפּיטאָל. ווען מיין טאָכטער האָט מיר דאָס געוויזן, האָב איך שוין געוואוסט דעם פאַקט, אַז ער איז טויט. קיין קרוויוים האָבן זיך ניט אָפּגעזוכט און איך האָב איבערגענומען די לעוויע. היינט איז ניטאָ קיין אַרבעט. אָבער איך מיין, אַז זיי וועלן זיך באַלד צוזאַמענקומען. עס איז מאָנטיק — דער ערשטער טאָג אין דער וואָך — גלויב איך, אַז זיי וועלן דאָ זיין אַלע. פאַרהאַלט זיי און מיר וועלן אַראָפּגיין אין פאַרלאָר אים באַגלייטן צו זיין אייביקער רו. איך דענק, אַז עס איז די פליכט פון יעדן איינעם פון אונדז, אים אָפּצוגעבן דעם לעצטן קאָוועד.

אַזייגער צוועלף האָט מיסטער מינץ אָנגעטאָן זיין מאַנטל מיטן הוט און אַראָפּגעגאַנגען צו מיסטער וואולף אין אָפיס. די מענטשן זיינען שוין געווען אין גאַס.

אין גאַס האָט ווידער געשנייט. עס האָט בעעמעס אויסגעזען, אַז עס וועט שוין אַזוי אָנהאַלטן דעם גאַנצן ווינטער.

אַ יונגער באָכער האָט געוואַרט מיט מיסטער וואולפס אויטאָ־מאָביל. ביידע, מיסטער וואולף און מיסטער מינץ, זיינען אַריין אין דער מאַשין און צוגעפאָרן צום פאַרלאָר.

די מענטשן האָבן זיך צעשאָטן איבערן טראָטואַר אין דריי באַ־זונדערע גרופּן. אין דער ערשטער גרופּע, פאָרויס, איז געגאַנגען דער שאַפּ־דעלעגאַט, הערי קירשנבוים, און פון הינטן זיינען נאָכגעגאַנגען אַלע איבעריקע.

דער פאַרלאָר איז געווען אַפן נידעריקן טייל פון דער גאַס, נאָענט צום וואַסער. מען האָט קלאָר געזען די מאַסטן פון די שיפ־לעך, און מען האָט אַפילע געקאָנט זען אונטערן האָריזאָנט די איינגע־פרוירענע באַרזשעס.

אַזוי גלייך ווי מען האָט געעפנט די טיר פון פּאַרלאָר, האָט אַרומגענומען אַ וואַרעמע, אומבאַקאַנטע, שווערע לופט: אַ רייעך פון קאַמפער מיט נאָך עפּעס אַן אומבאַקאַנטער זאַך. מיסטער וואולף און מיסטער מינץ זיינען אָנגעקומען די ערשטע, און נאָכדעם האָבן זיך באַוויזן די מענטשן, קימאַט אַלע מיט אויפגעשטעלטע קאָלנערס און מיט אָנגעפרוירענע נעז. מען האָט אָנגעפילט דעם קליינעם פּאַר־לאָר מיט שווערע אָטעמס און פאַרשיידענע רייכעס.

דער באַלעבאָס פון פּאַרלאָר איז ניט געווען, און זיין געהילף האָט שטיל אַריינגעפירט אַלעמען אין צווייטן טייל פון פּאַרלאָר. ער האָט פאַנאַנדערגענומען צוויי אָפּגעריבענע פּאָרטיערן און געמאַכט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט מוירע האָבן עמיצן אויפצואוועקן. עס האָט זיך פאַר אַלעמען אָנטפּלעקט אַ כאַלעל פון אַ טונקעלער שטוב, אַן אַ טראָפּן ליכט, ווי אַן אונטערערדישער לאַבירינט. באַם שיין, וואָס איז געפאַלן דורך די אַוועקגענומענע פּאָרטיערן, האָט זיך געזען אַ קוואַדראַט שטיקל ווייכער דיוואַן אָפן דיל. אין אַ ווינקל האָט גע־ברענט אַ שאַרף עלעקטריש ליכט אונטער אַ מאַסיווער שיין, וואָס האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איינציקן שטראַל און אָנגעשטעלט דאָס גאַנצע ליכט אָף איין פונקט. דאָרט איז געשטאַנען דער אָרן — אַ גלייך, טונקל קעסטל, האַלב־איבערגעדעקט מיט אַ טוך.

עס האָט באַ אַלעמען פאַרהאַלטן דער אָטעם: ערשט אַנומלטן האָט מען אים געזען אַ טאַנצנדיקן, אַ שפּרינגענדיקן. ער האָט בעשום אויפן ניט געוואָלט פּאַר־ליב נעמען זיינע יעסורים. בעשום אויפן ניט. ווער־זשע האָט אים איצט אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל. אַ וואָסער טייוול? ווי רואיק און שטיל ער ליגט איצט. ווי רואיק און שטיל. אַ ראַ־זעווע פּאָנים... די גרוילעכע, האַרטע וואָנצעלעך — צעגומען אין דער העלפט, און פיין פאַרקעמט אָף רעכטס און לינקס. די ברעמען — בלאָנד און רייך, ווי באַ אַן אויסגעבאָדן אינגל. די אונטערשטע ליפּ אונטער די וואָנצעס — רויטער קאַרעל. די האָר — גוטער, טונקעלער זילבער, איבערגעקעמט גלאַט אָף אַ זייט מיט אַ גלייכינקן שרינט ווי אַ שנירעלע. און אָנגעטאָן — אַ פראַק מיט זיידענע לאַצן. אַ קרעפּ־קאָלירטע וועסט מיט בלישטשענדיקע קנעפּלעך. אַ שניי־וויי־סער קראַגן און אַ באַלאָווע שלייפעלע. די אָדערדיקע הענט — אויסגעגלעט. פון די אַרבל קוקן אַרויס ווייסע מאַנזשעטן. און דאָס

שאַרפֿע, עלעקטרישע ליכט פֿון אונטער דער מאַסיווער שיין, טריפֿט אַפֿן העלן געזיכט, טריפֿט אַן אַ סאַף...

עמיצער פֿרעגט:

— איז דאָס טשאַרלי? — — —

מ'אָטעמט שווער; עס הויבן זיך ברוסטן...

— יאָ, דזשענטלמען, דאָס איז טשאַרלי! — האָט זיך פּלוצלונג אָפּגערופֿן מיסטער וואולף. — און איך וועל אייך זאָגן, אַז ער איז געווען זייער אַן אָרנטלעכער כאַראַקטער. לויט זיינע פּאַרשריפֿטן, איז זיין פֿולער נאָמען: טשאַרלס עדוואַרד האָפּקינס. דאָס אָרט וואו ער איז געבוירן: אַ פֿאַרם אין שטאָט קאָנעקטיקוט. דער גענויער דאַטום פֿון זיין געבורט: סעפּטעמבער פֿון 1879טן יאָר. איין־און־פֿופֿציק יאָר הייסט אין אונדזער צייט ניט אַלט. איך פּערזענלעך גלויב, אַז ער האָט נאָך געקאָנט לעבן לאַנג.

אין דער שטילקייט האָט אַ פֿליסטער געטאָן:

— נאָר וואָס דען? —

— ש־ש־ש — — —

אַלע האָבן אַ קער געטאָן די קעפּ; מיסטער מינץ איז געוואָרן אומרואיק:

— וואָס אי' דאָ?... — —

— נאָר וואָס דען? — האָט מיסטער וואולף געזאָגט רואיק, — וויל איך אייך זאָגן: לעבן און טויט זיינען ניט זאַכן, וואָס ליגן אין אונדזערע הענט. דאָס אַלץ, וואָס איך וויל אייך זאָגן, דזשענטלמען...

מיסטער וואולף האָט אָפּגעהאַקט. די אַטמאָספֿערע איז געווען אַ שווערע. מיסטער מינץ האָט שטיל געראָטן אַלעמען אַריינצוגיין אין דעם פֿראָנט־פּאַרלאָר, זיך אָוועקזעצן צוואַרטן. אַנדערע זיינען אַרויס־געגאַנגען אין דרויסן.

דער באַלעבאָס פֿון פּאַרלאָר איז באַלד אַריינגעקומען. ער איז געווען אַ מיטליעריקער מענטש מיט אַ בלאָסלעך, ערנסט פּאָנים ווי אַ גייסטלעכער, מיט אַ שטייענדיק קראַגנדל און מיט אַ שוואַרצער בלוזע ווי אַ גייסטלעכער, און אויך מיט אַ פֿייערלעכער מינע ווי אַ גייסטלעכער, האָט ער אָנגעוואונקען צו אַלע, מען זאָל אַריינגיין אין צווייטן טייל פֿון פּאַרלאָר. אַלע זיינע טייקעף אויפֿגעשטאַנען פֿון די ערטער און זיין געהילף האָט אויך צוריק אַריינגערופֿן די וואָס זיי־

נען געשטאַנען אין דרויסן, און באַלד האָט מען ווידער אַרומגערינגלט טשאַרליס אָרן. מען איז געשטאַנען שטום ווי פריער, מיט פאַר־שטאַרטע בליקן אָנגעשטעלט אַף טשאַרלין. דער באַלעבאָס פון פאַר־לאַר האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון מיסטער וואולפן. ער האָט שטיל און באַדייטונגספול אים אַ פרעג געטאָן:

— נו, ווי געפעלט ער אייך?

—אָ, פיין . . . — האָט מיסטער וואולף געענטפערט מיט אַ פייערלעכן טאָן. — בעסער ווי איך האָב דערוואַרט.

דאָן האָט ער אַ ווינק געטאָן צו זיין געהילף, ער זאָל פאַרמאַכן דעם אָרן.

אין אַ מינוט אַרום האָט מען שוין אַרויסגעטראָגן טשאַרלין. אין דער פראָנט האָבן שוין געוואַרט דריי גרויסע אויטאָמאָבילן. די שאָופערס, אין שוואַרצן, זיינען שוין געשטאַנען גרייט באַ די אָפענע טירלעך פון זייערע מאַשינען. די מאַשינען זיינען באַלד אָנגעפילט געוואָרן און מען האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום בייסאַלמין.

אָפּגעשטעלט האָט מען זיך אין דער זייט אַף אַ וועג. דער קיי־ווער איז נאָך ניט געווען פאַרטיק. צווישן די פאַרשנייטע בוימער און מאַצייוועס האָט מען געזען ווי מענטשן אַרבעטן נאָך אַפן קייווער. עס האָבן זיך אַלע וויילע באַוויזן די קעפּ פון די מענטשן און עס זיי־נען אַרויסגעפלויגן פון גרוב שופלעס, געלע, ליימיקע ערד אַפן ווייסן שניי. דעם אָרן האָט מען אַרויסגענומען און אַוועקגעשטעלט אַף שטעלעכלעך . . . די שוואַרצע קופּע מענטשן מיטן שוואַרצן אָרן, מיט די שוואַרצע אויטאָמאָבילן, האָבן אויסגעזען ווי אַן איבעריקער, פרעמדער פלעק אין דער ווייס־פאַרשנייטער, שטילער וועלט פון בייס־אַלמין. דער באַלעבאָס פון פאַרלאַר איז אַוועק אַ קוק טאָן ווי עס האַלט מיטן קייווער. ער איז באַלד צוריקגעקומען און געזאָגט: — „די ערד איז געפרוירן", דאָך האָט ער שוין געהייסן צוטראָגן דעם אָרן.

אַ קליינע פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן צווישן די פאַרשנייטע מאַצייוועס אַרויף צום קייווער. באַם קייווער איז שוין געשטאַנען אַ גרייז־גרויער גאַלעך מיט מאַטע, לויז־אַראָפּגעהאַנגענע באַקן און מיט אַ גוידער ווי באַ אַן אַלטער פרוי. צווישן די שטאַרע צווייגן־ריטער פון די פאַרשנייטע בוימער האָט דורכגעקוקט אַ קליינע געביידע מיט אַ בלעכענעם קופּאָל. אין קופּאָל האָט זיך דורכגעלויכטן, צווישן

זיילעכלעך אין גאַטישן סטיל, דער גרויער הימל. דאָרט האָט זיך עפּעס אַ וויג געטאָן און אַ גלאָקן־געקלאַנג האָט זיך צעקאָלערט אין דער לופטן איבער די פאַרשנייטע ביימער. דער עכאָ האָט דורכ־געדרונגען די לופט. מען האָט אָפּגעדעקט דעם אָרן באַם סאַמע ראַנד פון קייווער. דער גאַלעך האָט מיט אַ קינדערשער שטימע געזאָגט אַ טפילע. טשאַרלי האָט איצט ניט אויסגעזען ווי פריער: זיינע הענט מיט די ווייסע מאַנזשעטן זיינען אָפּגעפאַלן נאַכלעסיק אין די זייטן, דאָס מויל האָט זיך געעפנט און זיך אַביסעלע אויסגעקרימט, און דאָס פּאַנים האָט אויסגעזען ווי מיט אַנגסטן באַשלאָגן. דער גאַלעך איז געשטאַנען מיט אַן אָפענעם בוך און מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט און געזאָגט:

— „דער מענטש, געבוירן פון אַ פרוי, האָט ווייניק טעג און איז פול מיט קומער. ער שפּראָצט־אויף ווי אַ בלום און ווערט פאַר־שניטן. ער לויפט דורך ווי אַ שאָטן און האָט קיין מאַמאָשעס. אַלץ איז געקומען פון שטויב און אַלץ קערט זיך אום צו שטויב".

ער האָט פאַרענדיקט. דער גלאָקן־קלאַנג האָט נאָך געציטערט. ענדלעך איז אַלץ שטיל געוואָרן. מיסטער וואולף האָט אַ טריט געטאָן נעענטער צום אָרן, אַ קוק געטאָן אָפן טויטן געזיכט און אויפגעהויבן דעם בליק צו די מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אין אַ האַלב־קרייז מיט אָפּגעדעקטע, געבויגענע קעפּ, און מיט אַ קרעפּ־טיקער, אָבער איינגעהאַלטענער שטים אַ זאָג געטאָן:

— איך זע: איר זיינט אַלע גערירט... אין קעגנוואַרט פון גייסטלעכן וויל איך אייך זאָגן, אַז איך בין גערירט ניט ווייניקער פון אייך — און עפּשער מער פון אייך.. מיר ווייסן אַלע, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך, ווי אַמביציע באַ מענטשן און דערפאַר — צוויס־טיקייטן צווישן איינעם און דעם צווייטן, אָבער איין רינג נעמט אונדז אַלע אַרום, און דאָס איז — דער טויט.

אַלע האָבן זיך צונויפגערוקט נעענטער און געקוקט מיט אומ־צוטרוי מיסטער וואולפן אין מויל אַריין.

— אַט האָבן מיר אַלע ערשט אַנומלטן געזען טשאַרלין פול מיט ברענענדיקער אַמביציע; איצט ליגט פאַר אונדז דאָס איבערבלייבעניש פון אַ מענטש...

— אייניקע זיינען געווען באַצוואונגען פון די רייד. באַ אַנדערע

האָבן געצוקט די מיילער, און באַ אַ טייל האָט געפינקלט אין די אויגן אַ רישעסדיק פייערל, וואָס האָט איידעס געזאָגט אַף אַ דורשטיק געפיל נאָך נעקאָמע...

— אַלץ וואָס איך וויל אים נאָכזאָגן, מיינע פריינט, איז: ער איז געווען ערלעך. דאָס איז דאָס שענסטע, וואָס מען קאָן נאָכזאָגן אַ מענטשן...

אייניקע האָבן זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט. עס האָט זיך גע־דאַכט: אָט, און עמיצער וועט עפּעס אַ זאָג טאָן...

מיסטער וואולף האָט געענדיקט. דער באַלעבאָס פון פּאַרלאָר האָט עפּעס אַ ברום געטאָן און אָנגעוויזן צו די מענטשן, וואָס האָבן געגראָבן דעם קייווער. זיי האָבן אַוועקגעלייגט די שופלעס און גע־גאַנגען צום אָרן.

אַלע האָבן זיך פאַנאַנדערגערוקט און צוגעלאָזט די קוואָרעס־לייט. באַלד האָט מען אַרומגערינגלט דעם קייווער. צוויי פון דער זייט און צוויי פון יענער זייט האָבן פּאָרזיכטיק אַראָפּגעלאָזט דעם אָרן. זיי האָבן, גליטשנדיק זיך אַפן שניי, פאַמעלעך נאָכגעלאָזט די שטריק און באַלד זיך איינגעשפּאַרט מיט די פיס אין דער ליימיקער ערד, וואָס איז געלעגן אַף ביידע זייטן פון קייווער.

ענדלעך איז די זאַך געווען פּאַרטיק. מען האָט אַרויסגעצויגן די שטריק און איינער פון די קוואָרעס־לייט האָט אָנגענומען אַ שופל ערד און אַראָפּגעוואָרפן אין קייווער. די מאַסע האָט אַ הילך געטאָן אַפן דעק פון אָרן, ווי אַ דונער. אַ ציטער איז דורכגעלאָפן דורך די גלידער...

דער גאַלעך האָט אָנגענומען אַ פולן הויפן ערד און אַראָפּגע־וואָרפן אין קייווער. דאָס זעלביקע האָט געטאָן מיסטער וואולף, נאָך אים — מיסטער מינץ און נאָך מיסטער מינץ — עטלעכע פון די מענטשן. דאַן האָבן די קוואָרעס־לייט אַף ביידע זייטן, ווי עס וואָלט זיי באַפאַלן עפּעס אַ מאַשכיס, גענומען אַרבעטן ווי די רוכעס. עס זיינען געפלויגן שופלעס ערד איינע איבער די אַנדערע, איינע אַף די אַנדערע, איינע אונטער די אַנדערע — שנעל, שנעל, קנאַק און קנאַק, בוק און בוק, אַראָפּ, אַראָפּ — שטיינדלעך, שטיקער געפרוירענע ליים און הורבעס ערד האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט ווי אַ שטורעם, דונערנדיק איבערן דעק פון אָרן ווי מיט האַרמאַטן. דער געהילך איז באַלד

געוואָרן שוואַכער און עס האָט זיך שוין בלויז געהערט אַ טעמפּער פאַלן פון ערד אַף ערד, ערד אַף ערד. די בערגלעך אַף ביידע זייטן זיינען געוואָרן וויניקער און וויניקער און עס איז שוין געפלויגן ליים געמישט מיט שניי. דער גרוב האָט זיך באַלד אויסגעגלייכט מיט דער ערד און עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ בערגל, וואָס מען האָט שוין רואיק גענומען אויסגלייכן, צוקלאַפּן, צופּאַטשן...

די מענטשן האָבן זיך אומגעקערט צו די אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן אַף זיי געוואַרט באַם וועג און זיינען טייקעף אָפּגעפאָרן. מיס־טער וואולף האָט נאָך געשמועסט מיטן גאַלעך מיקויעך די טפילעס, וואָס מען ריכט אָפּ באַ אַ טויטן. מיסטער מינץ האָט אַף אים גע־וואַרט.

— די ווערטער זיינען וואונדערלעך, — האָט מיסטער וואולף געזאָגט. — אָבער איך געדענק ניט, פאָטער, וואו זיי געפינען זיך.

— דאָס ראָוו פון די ווערטער, מיין זון, זיינען די רייד פון דעם מאַן פון איעוו.

מיסטער וואולף האָט זיך געכידעשט.

— אָ, יאָ, יאָ, איצט געדענק איך. אַ קישעף ליגט אָפּן הייליקן בוך, פאָטער.

— יאָ, מיין זון... — האָט דער גאַלעך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

מיסטער וואולף האָט זיך אַריינ־געזעצט באַקוועם אין זיין מאַשין און נעבן אים האָט זיך אָוועקגעזעצט מיסטער מינץ. מיסטער וואולף האָט אים געזאָגט ער זאָל פאַרקלאַפּן דאָס טירל און ער האָט אַרויסגענומען צוויי סיגאַרן, מיט איינעם מעכאַבעד געווען מיסטער מינצן און דעם צווייטן אַליין פאַררויכערט. די מאַשין איז אַ פּאָר געטאָן פון אָרט און ביידע מענער זיינען מיט די סיגאַרן אין מויל אַ זונק געטאָן אין ווייכן געזעס. מיסטער מינץ האָט זיך געפילט זייער געהויבן פון זיצן זייט־באַ־זייט מיט מיסטער וואולפן. זיינע נאָז־פליגלען האָבן געציטערט פון פיינעם אַראָמאַט פון סיגאַר און פון דעם שמעקנדיקן רייעך פון אָדע־קאָלאָן, וואָס האָט זיך געטראָגן פון מיסטער וואולפן און זיך צעלייגט אין ענגן שעטעך פון דער פאַרמאַכטער מאַשין. ער האָט זיך באַזונדערס געשמאָלצן

פון דעם קיבעד פון זיין אויבערהאַר. די כשיוועס פון זיין פּאָזיציע האָט זיך באַ אים מאַמעש פאַרטאָפּלט. ער האָט זייער כיישעק געהאַט צו זאָגן מיסטער וואולפן עפּעס אַ גוט־וואָרט, אָבער אײדער ער האָט צוגעטראַכט וואָס, האָט זיך מיסטער וואולף אָפּגערופן:

—די צערעמאָניע איז געווען פיין.

— אָ, יאָ. איך גלויב גאָרניט צי עס האָט געקאָנט זיין בעסער.

— כ׳גלויב, אַז ניט... נו, האָבן מיר שוין ניט טשאַרלין, מינץ.

— מ׳וועט קריגן אַן אַנדערן...

—יאָ, איך זאָרג ניט וועגן דעם... דערווייל איז עס געווען אַ שטיקל הויצאָע... אָבער איך האָב מיר פאַרגעשטעלט עס זאָל קאָסטן מער. ער האָט מיר גערעכנט זייער ביליק...

— וויפיל?

— הונדערט און פינף־און־זיבעציק דאָלאַר.

— נישט קיין סאַך.

— ניין, קיין סאַך איז עס ניט. אַ ריין שטיקל לאַנד וואָלט, נאַטירלעך, געקאָסט מער. אונטער אים ליגט שוין אײנער און איבער אים וועט ליגן נאָך אײנער.

מיסטער מינץ האָט צוגעביסן דעם סיגאַר און זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט ניט צו שמייכלען, אָבער ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּהאַלטן אַרויסצוזאָגן, וואָס עס איז אים געלעגן אַף דער צונג:

— טשאַרלי וועט זיין דער „סענדוויטש״? —

— קאָנסט זיך ניט העלפן, מינץ. לאַנד איז דאָ זייער טייער.

— אין אײראָפּע האָב איך קײנמאָל ניט געהערט אַזעלכע זאַכן.

— די פראַגע פון לאַנד איז דאָרט ניט אַזוי שאַרף. ניו יאָרק איז אַ מעטראָפּאָליע. אָבער וואָס איך וויל דיר זאָגן, מינץ, איז דאָס: הונדערט און פינף־און־זיבעציק דאָלאַר, איז ווירקלעך ניט קיין סאַך, איך קאָן ניט זאָגן, אָבער ווײסט דאָך... ווען דאָס פאַלט אַף אײנעם, איז עס אַ לאַסט. איך אַלײן וועל דעקן אַ גאַנץ דריטל. צוויי־דריטל וועט דאַרפן דעקן דער שאַפּ... צעוואַרפן עס אַף אַלע, וועט עס אַנרירן יעדן אײנעם מיט אַ נישטיקער סומע...

— יאָ... — — —

— כ׳ווייס... נאַרן דאַרף מען זיך ניט: לייכט וועט עס דיר ניט אָנקומען. באַם קיווער האָבן זיי אַלע געשוויגן... איך האָב

געמיינט: עס וועט ווער פון זיי ריידן. דאָרט, אין פּאַרלאָר, האָט, דאַכט זיך, ווער פון זיי געוואָלט עפּעס זאָגן?... אָבער ווי עס זאָל ניט זיין, ווענסט דו עס דאַרפן טאָן, און גלייך ווי מען הויבט אָן אַרבעטן: ס'איז פאַר ניי־יאָר און איך וועל דאַרפן אויסגלייכן די ביכער...

— יאָ...

— ווי אַזוי, דאַרף איך דיך ניט לערנען — דו ביסט דער אויפזעער...

מיסטער מינץ האָט זיך געפילט געשמייכלט פון מיסטער וואולפס צוטרוי צו אים, און ביידע מענער האָבן, וויגנדיק זיך אין ווייכן געזעס, געקוקט ווייט איבערן קאָפּ פון יונגן באָכער — ווייט אַהין, וואו דער אויטאָמאָביל איז שוין געלאָפן צווישן רויש און ליאַרם פון די טומלדיקע גאַסן פון דער גרויסער שטאָט, און צופרידן געווען, וואָס זיי זיינען שוין אַרויס פון יענער קאַלטער, טויטער וועלט פון מאַציוועס־שטיין און אומבאַפלעקטע שניי־דעקעס. אין זייערע מוחכעס האָבן זיך שוין געקלאָמערט פּלענער פון זייער טעגלעכער באַשעפ־טיקונג, וואָס זיי האָבן עס — פאַרגעסן איינער אָן צווייטן — באַקלערט יעדער אָף זיין אייגענעם אויפן...

באַ פּאָרדן

אױפֿן װעג קײן דירבאָרן.

איך בין געשטאַנען אַלײן. מײנע ליפּן פאַרקװאַרט, אין האַלדז — טרוקן.

איך האָב געטראַכט אײן זאַך: העגרי.

— אָ, װען איך זע אים דאָ, דעם אַלטן.

נו, װי קאָן דען זײַן ער זאָל דאָ ניט דורכפאָרן? דאָ ניט װײַט איז דאָך זײַן רעזידענץ. אָט, דרײט זיך דאָרט אָפּ זײַן פּריװאַטער שליאַך, װאָס פירט גלײַך צו זײַן הױף.

איך גײ אַלע װײלע אַרײַן אין דעם בײַדל, װאָס שטײט דאָ באַ די טראַמװאַי־רעלסן און דינט פאַר אַ װאַרטצימער פאַר די פּאַסאַזשירן, װאָס װילן פאָרן קײן ען־אַרבאָר, אָדער קײן טאָלידאָ, אהײאָ. איך װײס ניט צוליב װאָס איך טו עס.

איך בין אומגעדולדיק.

די מײסע איז אַזױ:

איך האָב אָפּגעאַרבעט אַ יאָר־צװײ אין דעם דירבאָרן טראַקטאָר־פּלענט. געאַרבעט האָב איך, אַזױ צו זאָגן, אין אַ טרוקענעם דעפּאַרט־מענט. צװײ רײען גרײַנדינג־מאַשינען האָבן אַ גאַנצן טאָג געשאָבן טרוקענעם אײַזן־שטױב פון „קעסט־אײַראָן״ פון אַ געװיסן טײל מאָ־טאָר. פאַרנאַכט איז מען פון דאָרט אַרױס שװאַרצע װי די רוכעס. איך פלעג אָפּט באַטראַכטן דעם אײַזן־זעגעכץ װאָס שיט זיך קעסײ־דער אַראָפּ אין די שטאָלענע בעקנס פון די מאַשינען און האָב ניט געקאָנט פאַרשטײן װי אַזױ שנײַדן ניט אַמאָל דורך די דאָזיקע שאַרפע ברעקלעך אײנעמס לעבן? איך האָב קעסײדער געשפּיגען געלן

זשאַווער און איך האָב געטראַכט: ווי לאַנג קאָן מען אַזוי שפּייען גאַל?

אַזוי האָב איך געטראַכט.

ביז איך האָב אָנגעהויבן שפּייען רויט.

דאָס איז אַ געפאַר! בין איך אַוועק צו אַ דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט מיך אַרומגעקלאַפּט, אַרומגעטאַפּט מיט זיינע קאַלטע, דאָקטאָרשע פינגער, אַרומגעפירט דאָס קאַלטע טרייבל איבער מיין וואַרעם לייב און ענדלעך אַרויסגעזאָגט מיט אישעור־האָדאָס:

— ביסט קראַנק!

איך האָב אים געקוקט אין מויל אַריין צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— פּאָזיטיוו! — האָט ער אַ זאָג געטאָן, אַפּאַנים קעדיי אויסצו־לעשן באַ מיר יעדן פונק פון ספּייקעס — ווּעסט דאַרפן טאָן אָט וואָס — הער זיך איין וואָס דו ווּעסט דאַרפן טאָן: ווּעסט דאַרפן טרינקען אַסאַך מילך, ניט אַרבעטן אַ שטיקל צייט, האָבן אַסאַך פרישע לופט און —

מיר איז בעאיים־מייסע געקומען אויפן זיקאָרן אַן אינסטיטוציע, וואָס איך האָב אַמאָל באַזוכט, וואו נויטבאַדערפטיקע, פאַרצווייפלטע מענטשן האָבן זיך געווענדט נאָך הילף. איבער אַלע ווענט זיינען גע־ווען צעהאַנגען שילדלעך וואָס האָבן געזאָגט אומגעפער דאָס זעלביקע:

„היט אייער געזונט. עסט גוטע שפּייז, טרינקט גענוג מילך, האָט גענוג פרישע לופט“...

מאַנכע פון די מענטשן האָבן געקוקט אַף די דאָזיקע שילדלעך און געשוויגן...

איך האָב זיך אָנגערופן:

— אָבער דאָקטאָר, ווי קאָן איך עס באַוויַיזן?

איך האָב אים אַ רעגע געבראַכט אין פאַרלעגנהייט. ער האָט געוואָלט וויסן, וואו איך אַרבעט, און אַז ער האָט דערהערט דעם נאָ־מען „פאָרד“, האָב איך אין אים מאַמעש אַריינגעזעצט אַ נייע נעשאָמע.

— פיין! — האָט ער אַ זאָג געטאָן. ער האָט אַ נעם געטאָן דעם טעלעפאָן און גערופן:

— פאָרדסאָן טראַקטאָר פּלענט, דירבאָרן. מעדיציניִשן אָפּטייל, ביטע. איז דאָקטאָר פישער דאָ? ניין? דאָקטאָר פישער איז איצט ניטאָ. הם... אָלרייט.

ער שרייבט מיר אַן אַ בריוו. דאָקטאָר פישער — זאָגט ער — איז זיינער אַ גוטער פריינט. ער געהערט מיט אים אין איין קלוב.

איך האָב געבראַכט דעם בריוו צו דר. פישער. דאָקטאָר פישער לייענט אים איבער, קראַצט זיך אונטערן אויער און גייט מיט מיר אין סופּעראינטענדענטס אָפיס.

— ברייקער, — ווענדט ער זיך פאַרזיכטיק צום סופּעראינטענ־דענט, — כ׳האָב דאָ אַ בריוו פון אַ דאָקטאָר. דער מאַן אַרבעט שוין דאָ צוויי יאָר. ער איז איצט קראַנק.

— זאָל ער גיין אין אַ האָספּיטאָל!

— ניין. דער געדאַנק איז דער... ער דאַרף האָבן פרישע לופט...

—דאָ איז ניט קיין סאַנאַטאָריום.

— כ׳פאַרשטיי... כ׳האָב געמיינט, אַז דו קאָנסט אים אַרויס־שיקן אַרבעטן אַף דער פאַרם.

—זאָג דאָרט וועמען פון די קלוירקס וועלן זיי אים אַרויסשיקן!

איך בין באַזאָרגט געוואָרן מיט די נויטיקע פּאַפּירן און בין אַרויס אַף דער פאַרם.

איך האָב געטאַפּטשעט אין פעלד אונטער אַ ברענענדיקער זון. דאָס פעלד איז שוין געווען אָפּגעשניטן און עס האָט געשמעקט אַזוי, אַז איך האָב געפילט אַז מיינע לונגען הויבן אָן אָטעמען מיט אַ שטאַר־קערן אימפּעט... ווייט אונטערן האָריזאָנט האָבן זיך געזען קליינע גרו־פּעס מענטשן און מען האָט אַפילע געקאָנט הערן אַ ווייטן עכאָ פון קוילעס. אינמיטן פעלד האָבן זיך געצויגן רויטלעכע סטעזשקעס — גאַנצע צוגן וועגענער געלאָדן מיט גאַרבן, וואָס זיינען געשלעפּט געוואָרן פון סאָפּנדיקע טראַקטאָרס. איך בין צוגעקומען צו אַ גרופּע, וואָס האָט געאַרבעט אַרום אַ גרויסע, זשומענדיקע דרעש־מאַשין, וואָס האָט געשפּיגן אינדערהויך צעריבענעם שטרוי און גאַנצע וואָלקנס שטויב. איינער, אַ כעוורעמאַן מיט אַ ברייטן, פאַרמערישן שטרוי־הוט, האָט געהאָוועט אַרום דער מאַשין און קעסיידער געקאָמאַנדעוועט:

— שלעפּ אַוועק די פּעק שטרוי! העי, דזשעק, פאַרפאָר אַהער מיט דיין טראַק! גיב זיי אַ העלף! וואַרף אַרויף די זעק ווייץ אַפן וואָגן! וואָס שטייסטו?

איך בין צוגעגאַנגען צו דעם כעוורעמאַן און אים איבערגעגעבן אַ בריוול וואָס דאָקטאָר פישער האָט מיר מיטגעגעבן. ער האָט עס איבערגעלייענט און געזאָגט:

— ווערסט מוזן וואַרטן אַף שערמאַנען. איך בין דאָ ניט דער באַלעבאָס.

איך האָב געוואַרט אַן ערעך צוואַנציק מינוט. פון מיטן פעלד איז אָנגעלאָפן אַ פאַרדל. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט. דאָס פאַרדל איז צוגעקומען נאָענט און זיך אָפּגעשטעלט. אַ כעוורעמאַן מיט נאַקעטע אָרעמס און אַ הוילן קאָפּ האָט אַרויסגעשריען:

— דזשאָן! גיב מיר דריי פון דיין כעוורע, כ׳דאַרף זיי אַף אַן אַנדער פּלאַץ.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז שאַרמאַן און איך בין שנעל צו מיט מיין בריוול. ער האָט עס איבערגעלייענט, אַ קוק געטאָן אַף דער צווייטער זייט, אַראָפּגעהאַנגען די אונטערשטע ליפּ און געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט עס וועלן אַוועקוואַרפן, אָבער דאָס בריוול איז אים געבליבן הענגען צווישן די פינגער. יעדנפאַלס האָט עס אים, ווי עס האָט אויסגעזען, וויניק-וואָס געקימערט. ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און געקוקט ווי די דריי כעוורע שפּרינגען אַרויף פון אונטן אַף זיין מאַשינדל און שוין איז ער געלאָפן. איך בין געבליבן שטיין אָן אַן ענטפער, קימאַט אַ פאַרצווייפלטער: צו וואָס האָט מיר געטויגט גאָר אָנהויבן? מיטאַמאָל שטעלט ער זיך אָפּ און שרייט:

— דזשאָן! שטעל דאָרט צו דער אַרבעט דעם קערל באַ דיין דרעשינג-מאַשין!

אין אַ ווײַלע אַרום בין איך שוין געשטאַנען אינעם וואָלקן שטויב. די היץ האָט געברענט מיט סאַקאָנעס-נעפּאָשעס. די זון האָט געבאַקן — אַ געהענעם. מיין אַרבעט איז געווען: איבערשלעפּן געפּאַקטע פּעק שטרוי, וואָס יעדער איינער האָט געוואויגן ניט וויניקער פון אַכציק פונט. איך בין באַלד געווען אויסגעבאָדן אין שווייס...

אַביסל שפּעטער איז ווידער אָנגעקומען שאַרמאַן און צו מיר אַ וואונק געטאָן:

— העי, דו, קום אַהער!

ער האָט מיר געהייסן אַרויף אַף זיין מאַשין און ער איז מיט מיר ערגעץ אַוועקגעלאָפן.

ער האָט מיך אַראָפּגעלאָזט באַם ביידל וואָס דינט פאַר אַ וואַרט־צימער באַ די טראַמוואַי־רעלסן, אַפן וועג קיין דירבאַרן. ער האָט אַ ברום געטאָן:

— וואַרט דאָ!

און ער איז ערגעץ אַוועק פייל־אויסן־בויגן.

איך האָב אַף אים געוואַרט. געוואַרט אַ האַלבע שאָ, געוואַרט אַ שאָ, געוואַרט אַ שאָ און אַ האַלבע — איך האָב שוין מער ניט געהאַט קיין באַגריף פון צייט...

שאָרמאַן איז עטלעכע מאָל דורכגעלאָפן מיט זיין פאָרדל, אַרויס־געשטעקט דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן צו מיר...

איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין וואָס דאָס הייסט.

כ׳האָב געפילט: ס׳איז מיר זייער טרוקן אין האַלדז...

דאַן האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן דעם איינציקן געדאַנק: הענרי. כ׳מוז אים זען...

ער, נאָר ער אַליין, קאָן דאָ זיין מיין דערלייזער.

אָבער ס׳איז נאַריש. ווי קאָן ער דאָ דורכפאָרן אינמיטן טאָג? עפּשער איז ער גאָרנישטאָ אין שטאָט.

מיטאַמאָל גיט עפּעס אַ בלישטש אין דער זון פון דערווייטנס, אַ שפּיגל און אַ בליץ אַ גלאָז פון אַ שויב...

— אַהאָ! ווער פאָרט עס דאָרט?

— הענרי!

— יאָ, ס׳איז ער!

איך שפּרינג צו צום שליאַך און שטעל אויס אַ האַנט. די מאַ־שין האַלט איין. דורך דער אָפענער שויב שטעקט זיך אַרויס אַ גרוי קעפּל. אַ באַקאַנט פּאָנים. וויפל מאָל האָב איך שוין געזען דאָס בילד אין די צייטונגען, איינגעראַמט אין לאָרבער־קרענץ פון לויב־געזאַנגען איבער זיין מענטשלעכקייט. איך דערצייל אים: אַזוי און אזוי. איך פיל אַז איך בין זייער אויפגערעגט. ער הערט מיך אויס און זאָגט:

— איך פאַרלאָז זיך פולשטענדיק אַף מיינע מענטשן.

דאָס גרויע קעפּל גיט זיך אַ וויג אַף צוריק און מיין האָפענונג פאַרשווינדט.

איך טראַכט: וועלכער טייוול האָט מיך אָנגעטראָגן צו גיין צו אַ דאָקטאָר.

שאָרמאַן לויפט ווידער דורך מיט זיין פערדל.

אַ צוואַנציק טריט ווייטער שטעלט ער זיך אָפּ און שרייט:

— קום אַהער!

איך לויף צו און ער שווייגט. איך פאַרשטיי: ער מיינט איך זאָל אַרויף אַף דער מאַשין. איך שפּרינג אַרויף און ער פירט מיך צוריק אין דער פאַבריק.

אין דער פראָנט פאַרן אָפיס בלייבט ער שטיין און שפּרינגט אַראָפּ. ער גייט ערגעץ אַוועק און איך וואַרט אַף אים.

און אַ צוואַנציק מינוט אַרום קומט ער צוריק, כאַפּט זיך אַריין אין פערדל, גיט דערמיט אַ פלי אין אַ האַלב-קרייז, דרייט אויס און לויפט.

איך שריי:

— וואָס זאָל איך טאָן?

— טו וואָס דו ווילסט.

— וואו זאָל איך גיין?

— גיי וואו דו ווילסט!

ער איז אַוועק ווי אַ רועדף און מיר איבערגעלאָזט אונטער דער נאָז אַ שווידערלעכן געשטאַנק פון אַ שוואַרצן גאַזאָלין-רויך...

איך האָב ניט אָנגעהויבן וויסן וואָס מען טוט.

אַריינגיין צו מר. ברייקער אין אָפיס? איך האָב גיכער געפילט צו גיין אַף דער טליע. דאָס איז די ברוטאַליטעט אַליין. בלויז אַ קוק טאָן אַף דעם אויסזען פון דעם מענטשן, אַף זיינע אָנגעפּאַקטע בלוּ-טיקע, פליישיקע באַקן, וואָס זיינען אַזש בלוי פאַר רויטקייט, קאָן איינעם פאַרקילט ווערן דאָס בלוט. זיינע אייגענע אָנגעשטעלטע ציטערן בלויז פאַר זיין בליק איימעס-מאָוועס. מיט איין וואָרט קאָן ער יענעם אַ וויש טאָן איבערן פּאָנים און אַראָפּזעצן פון דער גאַנצער געדולע, וואָס די דאָזיקע שקלאַפן האָבן זיך דערוואָרבן דורך פיל מי אין מעשעך פון אַסאַך צייט. אָדער ער קאָן גאָר יענעם לאָזן שטיין אין אַזאַ פּאָזיציע, אַז יענער זאָל שוין דאַרפן אַוועק פון פּלאַץ,

אָדער זיך אויפהענגען... דאָס איינציקע אָרט וואו איך האָב געֿ־
קאָנט גיין איז צוריק צו דאָקטאָר פישער. דר. פישער אַליין איז מיט
מיר אַריינגעגאַנגען צו מיסטער ברייקער אין אָפיס, אָבער ניט זייער
גערן.

גלייך ווי ברייקער האָט אונדז דערזען, האָט ער אַ בריל געטאָן
מיט אַ פאַרניכטנדיקן אויסגעשריי:

— העי, פישער! — וואָס וויל דער קערל!

דר. פישער, וואָס איז אַן אָנגעזעענער בירגער אין דירבאָרן און
ווערט זיכער געאַכט פון אַלע בירגער פון שטעטל און איז זיכער
געוואוינט צו הערן רעספעקטאַבעלע און לאָקנדיקע באַגריסונגען, ווי:
— גוט מאָרגן, דאָק! אָדער: „האו די יו דו, דאָק!״ האָט פון דעם
טאָן פון מיסטער ברייקער, ווי ביכלאַל פון זיין וועגדנוג צו אים ווי
צו אַ שיק־אינגל, זיך געפילט אַפּאַנים, אומבאַקוועם און שאָקירט. מיס־
טער ברייקער איז אין דער רעגע גראַד פאַרנומען געוואָרן באַם
טעלעפאָן און דר. פישער האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט און זיך
דערווייל שטילערהייט אַרויסגערוקט פון אָפיס, איבערלאָזנדיק מיך אין
די הענט פון דעם דאָזיקן מענטשן צו באַשטימען מיין גורל, וואָס
ער האָט טאַקע באַלד געטאָן. אין אָפיס האָט זיך אַריינגעקאָטשעט
אַ ריזיקער, צעגאָסענער מענטש, מיט אַ צעפּראַלט האָריק האַרץ,
וואָס האָט אַרויסגעגרילצט די ווערטער וואָס ער האָט גערעדט ווי אַ
וואָסער־כייע. ער איז אַריינגעקומען מיט עטלעכע פאַרשמירטע בלאַנ־
קען „בליו־פּרינטס״, וואָס ער האָט געוויזן מיסטער ברייקער און ווען
ער איז פאַרטיק געוואָרן און זיך פאַרנומען צו גיין, האָט ברייקער אַ
געשריי געטאָן:

— העי, ביל! נעם מיט דעם קערל און שטעל אים צו דער
אַרבעט אין דער „פאַונדרי״, אָדער אין דער „היטרי״!*) ער דאַרף
לופט!

*) וואו מען האַרטעוועט די אייזן.

דעלדין,

קריסטאָפער פּ. אַדאַמס

עס האָט זיך דורכגעשניטן די שטאָ־לענע „האַי־לאַין" הויך אונטערן האָריזאָנט. מען האָט זי געקאָנט זען ווייט אַרום. דאָרט זייַנען אַרויפגעקומען צוגן — לאָקאָמאָטיוון מיט אָנגעלאָדענע וואַגאָנען. אַ גיגאַנטישע „קריין"*) האָט דאָרט אויבן אויסגעלאָדן די וואַגאָנען און אַראָפּגעשאָטן די מאַטעריאַלן אין אויס־געמויערטע, צעמעטענע זאַשיקעס. דאָרט איז געווען די „שאַצקאַ־מער", וואָס האָט געשפּייזט די ריזיקע פאַבריק מיט רוי־שטאָפן, וואָס זייַנען אָנגעקומען פון די שאַכטעס — מיט אַרץ, קאַלך, קאָקס און קוילן. באַטאָג האָט מען זי געזען, באַנאַכט איז זי פאַרשלונגען גע־וואָרן אין דער פינצטערניש, ווי די פיר ריזיקע קוימענס, ווי אַסאַך פון די געביידעס.

און בעאיס קריסטאָפער האָט דעמאָלט געשפּאַנט דורך די טונקעלע הויפן, אין שאָטן פון די פאַבריק־געביידעס מיט די אויס־געלאָשענע פענצטער, האָט ער אַלץ געריסן די אויגן אין יענער זייט, אָבער ער האָט ניט געקאָנט דורכרייסן די פינצטערניש. ער האָט אונטערגעהאַפּקעט אין גאַנג, האַלטנדיק פאַרדריקט דאָס שפּייז־קעס־טעלע אונטערן אָרעם. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געטראָגן אַ צונויפגעפּאַקט פּעקל פון זייַנע אַרבעטס־קליידער. ער איז פונדעסט־וועגן געווען צופרידן, וואָס ער גייט אַרבעטן אַף דער „האַי־לאַין". זיין האַרץ איז געווען פאַרוואונדערט, פאַרביטערט און באַליידיקט: מען האָט אים אַרויסגעשיקט פון געצייג־אָפּטייל, אים אָפּגעלייגט גלייך מיט אַנדערע, נאָר דזשעד ווילסאָן, דער הויפּט־אַגענט פון

---

*) הייב־מאַשין.

אַנשטעל־אָפּטייל, האָט באַ אים ניט צוגענומען דעם „בעדזש" און אים געשיקט אַף דער „האַי־לאַין". ער האָט צוגעדריקט אין מויל דעם קיי־טאַבאַק און ער איז אין האַרצן אים געווען דאַנקבאַר:

— ער איז אַ פאַרדאַמט גוטער יונג — ווילסאָן.

ער איז נאָר געווען אַביסל אומרואיק פון דער הויך פון דער „האַי־לאַין", פון דער אומבאַקאַנטער אַרבעט, און דערפון, וואָס ער גייט אַרבעטן אַף דער מיטן־נאַכט־וואַכטע — די צייט ווען ער איז געוואוינט צו שלאָפן. עס האָט אים נאָר געקידעשט, וואָס מען דאַרף נאָך אַרבעטן אַף אַלע דריי וואַכטעס, ווען דריי־פערטל פון דער גאַנצער פאַבריק איז שוין אָפּגעשטעלט. דאָס האָט אים געגעבן האָ־פענונג, אַז באַלד, באַלד וועט מען ווידער אַ לאָז טאָן אַלע רעדער און מען וועט אים צוריקרופן אין זיין אָפּטייל.

ער האָט דורכגעשפּאַנט די ווייטע הינטערהויפן און איז צוגע־קומען צו אַ קליינער געביידע, ניט ווייט פון דער „האַי־לאַין". דאָ האָט ער זיך אָנגעבויגן און אַריין אין אַ נידעריקן דורכגאַנג פון אַ טונקעלן קאָרידאָר און פון דאָרט — אין אַ גרויסער באַלויכטענער שטוב. דאָ זיינען שוין געזעסן מענטשן אַף בענק, זיך אויסגעטאָן ווי אין אַ באָד, בייטנדיק זייערע אַרבעט־קליידער. באַ דער טיר איז געווען דער זייגער. ער האָט אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט איבער די צייט־קאַרטעס, וואָס האָבן געשטעקט אין שענקעלע, ווי איבער עפּעס אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט.

— וואָס איז דיין נאָמען, מענטש? — האָט אים געפרעגט אַ באָכער אין קאָלירלאָזע, איינגעשמוצטע אויבער־הויזן, וואָס איז געזעסן באַ אַ שרייב־טישל און זיך געפּאַרקעט צווישן פּאַפּירן. דאָס איז געווען הענק האַרלי, דער מיטנאַכט־אויפזעער פון דער „האַי־לאַין".

— אָ, מיין נאָמען? מיין נאָמען — האָט ער געזאָגט — איז קריסטאָפער פעטערסאָן אַדאַמס. דעם מיטלסטן נאָמען באַצייכן איך בלויז מיטן בוכשטאַב „פּ.". קריסטאָפער פּ. אַדאַמס. יעס.

הענק האַרלי האָט אים דערלאַנגט זיין צייט־קאַרטע און ווען קריסטאָפער האָט זי אָפּגעקלונגען אַפן זייגער, האָט ער זיך צוריק צו אים אומגעקערט:

— ווילסאָנען — האָט ער געזאָגט — קאָנסטו דאָך, הע? כ׳האָף, אַז דו קאָנסט אים... יע... ער האָט מיך אַהער געשיקט. איך האָב געאַרבעט אין געצייג־אָפּטייל.

דאַן איז ער אַוועק אויף דער שטוב צו די אַנדערע מענטשן, אַוועקגעשטעלט זיין שפּייז־קעסטעלע און זיך גענומען אויפפּאַקן די אַרבעט־קליידער. ער האָט זיך עפּעס דערפילט דערלייכטערט און גאָר היימיש דאָ. ער איז באַלד געשטאַנען איבערגעטאָן אין די כאַקי־אויבערהויזן, אויפן קאָפּ — דאָס ריפּסענע מעכאַניקער־היטל מיטן לאַקירטן דאַשיק, אויף וואָס עמיצער האָט אים באַמערקט, אַז עס וועט אים זיין צו־קיל אין קאָפּ באַנאַכט אויף דער „האַי־לאַין“. דאָס איז געגנוג געווען ער זאָל אַ קלער טאָן ווער די מענטשן זיינען: זיינען זיי אָפּגעלייגטע, ווי ער, פון אַנדערע אָפּטיילונגען, אָדער זיינען דאָס שטענדיקע מענטשן פון דער „האַי־לאַין“? און ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ פרעמדקייט — ווער זיי זאָלן ניט זיין, געהער ער ניט דאָ. נאָ־סער...

דער זייגער איז ערשט געווען עלף מיט פערציק מינוטן און ער האָט זיך נאָך צוגעזעצט אויף אַ באַנק. אָט־די מענטשן, וואָס ער האָט נאָך אַ ווײַלע פריער לייכט געקענט אָפּענטפערן אַ פריינטלעך וואָרט, האָט ער איצטער מער ניט געקאָנט. קאַלט, אָפּגעפרעמדט איז ער געזעסן אַליין: אָפּגעשלאָסן — אַ מענטש פאַר זיך, וואָס האָט גאָרניט וואָס צו טאָן מיט דער איבעריקער וועלט — איינגעהילט אין אַ פעלץ פון שטאָלצער איינזאַמקייט. האָט ער געפילט ווי עס ליגט אויף אים עפּעס אַ באַרג מיט יעסורים. דער מויעך איז אים געווען הויל, דער מעכאַניזם — אָפּגעשטעלט. און ער האָט געפילט: ער דאַרף עפּעס טראַכטן, נאָר וואָס — האָט ער ניט געדענקט. ער האָט אויסגעשפּיגן אין דער זייט דאָס אויסגעזויגענע קנײלכל קײ־טאַבאַק און אָנגעפילט דאָס מויל מיט פרישע, קנאַקנדיקע בלעטער, וואָס אַלע שליים־מוסקולן אין מויל האָבן טייקעף מעכאַיעדיק אַרומגענומען, און דערפילנדיק דעם גאַנצן שאַרפן טאַם דערפון, האָט אים אַ פלאַם געטאָן איבער די ביינער, אַזש די וואַליקלעך אויפן קאַרק צוזאַמען מיט אַלע אָדערן אויפן האַלז האָבן זיך אים אויפגעשטעלט פון קאַס.

— אים האָט מען ניט געדאַרפט אָפּליגן. אים אַרט ניט קיין זאַך, אָבער אים האָט מען ניט באַדאַרפט אָפּלייגן! מען האָט געקאָנט אָפּלייגן ווען מען האָט געוואָלט, אָבער אים האָט מען ניט באַדאַרפט. און דזשים לאַרענס, דער הויפּט־אויפזעער, ווייסט עס — גאָט פאַרדאַמט! און דזשאַן פערגי, דער פאַרוואַלטער, ווייסט עס.

ער האָט זיך ביסלעכווייז באַרואיקט און געבליבן זיצן דער־שעפּט פון די קויכעס. די וואַרעמקייט פון די דאַמף־רערן אונטערן סטעליע, איז אים אַריינגעקראָכן אין די ביינער און אָפּגעכאַלעשט די כושים. אין מויעך האָט זיך אים פאַרצויגן אַ נעפּל. ער איז געזעסן מיט קאָמיש־צונויפגעפּרעסטע ליפּן, די צוגעשאַרענע, רויט־לעכע וואָנצעלעך — אָפּגעשפּאַרט ווי די גלייכע האָר פון אַ בערשטע־לע, און געקוקט פאַר זיך אָן אַ ציל דורך די קיילעכיקע שייבלעך פון די ברילן.

ענדלעך האָט ער דערהערט דאָס ברומען פון דער סירענע. דער זייגער איז געווען צוועלף. אַלע זיינען אויפגעשטאַנען פון די ערטער. הענק האַרלי, באַם שרייב־טישל — דער ערשטער. ער האָט זיך אויסגעשטרעקט אין זיין גאַנצער גרויס אין די קאָליר־לאָזע, איינגעשמוצטע אויבערהויזן און אַ פרעג געטאָן שאַרף:

— זייט איר גרייט?

די מוסקולן אָפן פּאָנים האָבן באַ אים אַ ציטער געטאָן. ער האָט, קענטיק, געוואָלט פרעגן נאָך עפּעס, אָבער מען האָט אים טייקעף אָפּגעענטפערט: „יאָ״, און אַלע זיינען נאָכגעגאַנגען אים דרויסן אַרויס.

אין קאָרידאָר האָט ער געהייסן אויפקלייבן די געצייג. יעדער איינער האָט אויפגעהויבן אין אַ ווינקל אַ שופל, אַ גראַב־אייזן, אַ לאָם און עפּעס אַ שווערע, לעדערנע זאַך מיט אייזערנע רינגען און שטריק, ווי אַ פערדישער געשפּאַן, און פאַרוואַרפנדיק דאָס אַלץ אַף די אַקסלען, איז מען נאָך אים אַרויס אָפן פינצטערן הויף.

קריסטאָפערן האָט אומבאַקוועם געדריקט דער ביין אָפן אַקסל. ער האָט זיך געשלעפּט צווישן די מענטשן — פאַרלאָרן. יענער איינזאַמער שטאָלץ איז באַ אים פאַרשוואונדן. ער האָט באַטאַפּט די שטיקער געצייג און געוואונדערט צו וואָס מען נוצט עס. איצט איז

אים קלאָר געווען: ער איז אַ „שוואַרצער אַרבעטער" — איינער פון זיי. אַ סאָף . . . צו וואָס מען געברויכט די לעדערנע זאַך מיט די שטריק — ווייסט ער ניט.

ער איז דורכגעגאַנגען הינטער גרויסע רערן און עס האָט אים אַראָפּגעקאַפּעט וואַסער אָפן קאָפּ. ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ געביידע, וואו עס האָבן אַרויסגעלויכטן פון די פענצטער רויטע און בלאָע פייערן און ס'האָט זיך געהערט אַ גויסעסדיק קלאַפּן פון וואַלצן און רעדער. עס זיינען אין אים אָפּגעשטאָרבן די אייזורים . . .

ענדלעך איז ער אַרויפגעגאַנגען אָף די געדרייטע, אייזערנע שטיגן, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן צו דער „האַי-לאַין". אַרום פערציק פוס די הויך האָט אים אַרומגענומען אַ פּאַכעד. ער האָט דערזען אַ נאַכט-פאַרגאָסענעם כאַלעל באַשפּרינקלט מיט ליכטער וואָס האָבן שעמערירט צווישן שוואַרצע קאָנטורן פון די קוים מערקלעכע געביידעס. די קאַלטע נאָוועמבער-לופט האָט אָף אים געווייעט ווי ער וואָלט אַרויף אָפן מאַסט פון אַ שיף אינמיטן יאַם. ער האָט שטייפער צוגעדריקט די געצייג, ווי ער וואָלט זיך אָנגעהאַלטן אָן אַ שוץ-באַזע. די פּאַכדאָנעס האָט אים באַליידיקט און ער האָט מוטיק אַרויפגעטראָטן אָף די דריי דינע פּלאַנקען פון דער „האַי-לאַין", וואָס האָבן געציטערט אונטער די טריט פון די מענטשן און זיך געצויגן אָף דער גאַנצער לענג פון דער דאָזיקער שטאָלענער סטרוקטור, וואָס האָט זיך געדרייט ווי אַ שלאַנג אָף אַ פערטל מייל די לענג. עס איז אים אָבער ווידער געוואָרן אומהיימלעך, ווען ער האָט דערזען אָן אָפענעם בלויז צווישן די צוויי שטאָלענע רעלסן, וועלכע האָבן געגלאַנצט אונטערן ליכט, וואָס האָט אַראָפּגעלויכטן פון הויכע שטאַנגען ווייט איינס פון צווייטן. דערצו האָט נאָך הענק האַרלי אַ געשריי געטאָן מען זאָל זיך אָנהאַלטן און אַלע האָבן זיך אָנגענומען אָן די ציטערדיקע אייזערנע שטענגלעך פון באַריער, וואָס האָט זיך געצויגן באַ דער זייט. אָבער הענק האָט דאָס ניט געטאָן, ווייל די פּלאַנקען זיינען געווען באַדעקט מיט פּראַסטיקן טוי, נאָר מאַכמעס זיי זיינען געווען צו שמאָל פאַר צוויי מענטשן און ער האָט זיך שנעל דורכגעכאַפּט אָף צוריקוועגס און ערגעץ געלאָפן מיט אַ לאַנגע קלאָלע, דערפאַר וואָס די וואַגאָנען זיינען נאָך

ניטאָ אויף דער „האַי־לאַין". דורככאַפּנדיק זיך נעבן קריסטאָפּערן, האָט ער פּלוצלונג אַ ליאַרם געטאָן:

— אין איין סעקונדע קאָנסטו איינעם אַראָפּשיקן פון פופציק פּיס די הויך — ווי דו האָלסט דיינע אייזנס! עס זעט אויס, אַז דו האָסט נאָך אין דיין לעבן קיין שטיקל געצייג אין דער האַנט ניט געהאַלטן!

— ווער??

— דו! דו! — האָט ער געגוואַלדעוועט פון דערווייטנס, בעאיס ער איז שוין אָפּגעלאָפן א היפּשן מעהאַלעך.

קריסטאָפּער האָט זיך אָנגענומען מיט אַ האַנט פאַרן קאָפּ:

— אָ, אָ, — האָט ער געקרעכצט און דערפילט, ווי עס דרייט אים עפּעס צונויף אין אינגעווייד. ער האָט זיך געוואָלט אָנהאַלטן אָן באַריער, לויט דער פאַראָרדנונג פון דעם מענטש, אָבער אין זעלבן אויגנבליק זיך דערמאָנט די נוצלאָזיקייט דערפון. דער מוי־עך האָט זיך אים פאַרדרייט און עס האָט אים אויסגעזען אַלץ ווי אין אַ הינערפלעט.

באַלד איז ער צוגעקומען צו אַ ברייטערער פּלאַטפאָרמע, וואו אַלע האָבן אַראָפּגעלייגט די געצייג, און אויפגעהאָרכט די שטילקייט פון דער נאַכט. עס זיינען געווען האַשאַרעס, אַז די וואַגאָנען וועלן היינט אַרויפקומען שפּעט.

אין דער זייט האָט געבלישטשעט אַ קופּע מיט פּראָסטיקע, טוי־באַדעקטע קוילן. צוויי אייזערנע שופלעס האָבן באַלד אַ קלונג געטאָן, איינגראָבנדיק זיך אין דער קופּע. מען האָט אָנגעשאָטן אַביסל קוילן אויף אַ גרויסער שטאָלענער פּליטע און אָנגעלייגט אַ פייער. אַלע האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אַרום רויטן זשאַר ווי איבּ־דיאַנער אין אַ פּרערי.

קריסטאָפּער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט. ס'איז אים לאַכלוטן ניט אָנגעגאַנגען די גאַנצע כעוורע, וואָס האָט זיך דאָ געהאַלטן צוזאַמען, ווי אַ פאַרוואָרפענע געמיינדע אויף אַן אינדזל. ער איז געשטאַנען אין דער פינצטער מיט פאַרביסענעם קיי־טאַבאַק אין מויל, מיט פאַרקלעמטן ווייטיק אין האַרצן. די מיטנאַכטיקע נאָוועמבער־לופט האָט אים געבלאָזן דורכן ריפּסענעם מעכאַניק־היטל. יאָ קאַלט, ניט קאַלט — ער האָט עס ניט געפילט. ער האָט איצט

געטראַכט איין זאַך: פון זיין נייעם שעף דאָ, העַנק האַרלי. „פאַר־דאַמטער קערל! אַ סאַך קוואַליפיקאַציע דאַ דאַרף מען ניט. כוצפּע — דאָס איז גענוג. אַזאַ שנעק וועט צו אים אַזוי ריידן; צו אים, קריסטאָפערן, — — הם...״

ער האָט געגאַרט אים צו זען אונטער פיר אויגן און אים געבן צו פאַרשטיין ווער ער איז און ווער ער איז; עס אים קלאָר מאַכן אַזוי, אַז יעדער איינער פון זיי זאָל פאַרנעמען דאָ זיין פּאָ־זיציע; עס אים זאָגן אין פיר ווערטער — קלאָר און שאַרף!

דאַן האָט ער זיך באַרואיקט.

און בעאייס ער איז שוין געשטאַ־נען אַזוי רואיק, האָט ער אויפגעהאַרכט אַ געשפּרעך באַם פייער. די מענטשן האָבן זיך דורכגערעדט וועגן דער לאַגע אין לאַנד. זיי האָבן גערעדט וועגן די אַרבעטסלאָזע־אומרוען; מעקויעך די ליידן און דעם גוירל פון די מיליאָנען מישפּאָכעס; וועגן דעם, וואָס על־טערן זיינען שוין גענויט אָפּצערייסן זייערע קינדער פון די שולן און זיי שיקן פאַרדינען; מעקויעך דעם, וואָס יונגע קינדער מוזן שוין טראָגן אַן אָל פון גאַנצע געזינדן; וועגן דעם, וואָס מאַנכע פון זיי ווערן שוין, אויס נויט, פּאָשעטע גאַנאָווים; מעקויך דעם, וואָס די היפּאָטעק־איינמאָנער קומען ווי די היענעס און רויבן אַוועק באַ אָרעמע מענטשן זייערע שוועריפאַרהאַרעוועטע היימען. און די רייד זיינען געגאַנגען ווייטער, געפירט צוריק צו דער „האַי־לאַין״ גופע. ס׳איז אַ פראַגע — האָט ווער געזאָגט — פון וואָכן, עפּשער פון טעג. ס׳וועט אַ כאַפּ טאָן דער ערשטער פראָסט, וועט מען אַלעמען אַהיים שיקן. אין די פרעסט קאָן מען דאָ ניט אַרבעטן. דערפאַר אַרבעטן איצט אַלע דריי וואַכטעס. דער קאַלך ווערט צוזאַמענגעפרוירן, דער אַרץ ווערט אַפילע צוזאַמענגעפרוירן.

קריסטאָפער האָט געפילט, אַז ס׳איז דאָ אַ סאַך עמעס אין די אַלע רייד, אָבער ער האָט אין האַרצן ניט געקאָנט מאַסקים זיין דערצו. זיין סענסיטיווער כאַראַקטער איז איבערגעלאָדן געוואָרן מיט געפילן, וואָס האָבן אים צעווייטיקט ווי אַ בלאָטער. ער האָט קלאָר ניט באַנומען זיין לאַגע. די סטירעס פון זיינע געפילן, האָט ער

ניט געקענט און ניט געוואָלט מאָסיג זיין, קעדיי צו פֿאָרמולירן אין אַ קלאָרן געדאַנק, און עס האָט אין אים געבורעט פּראָטעסט און טאַדל צו די דאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן, ווי ער האָט פֿאַרשטאַנען, ניט געקאָנט דאַנקבאַר זיין דאָס לאַנד, וואָס שפּייזט זיי. שוין אָפּגערעדט פֿון רעספּעקטירן די פֿאָן.

— אָ, — האָט ווער אַ זאָג געטאָן, — וואָס מיר דאַרפֿן איז: אַ גוטן מעכאַניקער, וואָס זאָל רעפּערירן דאָס לאַנד און צוריק אָנ־אוילן די מאַשינעריע.

—עס דאַרף זיך אויפזוכן אַ גרויסער מאַן; אַ לענין, אַ שטייגער. יעזוס...

— אַ מעכאַניקער אין רוסלאַנד, איז עפּעס, — האָט ווער אַ ברום געטאָן.

קריסטאָפער האָט אַ ציטער געטאָן, ווי מען וואָלט אָנגע־טראָטן אַף אַן עלעקטרישן דראָט צו וועלכן ער איז געווען באַהאָפטן:

— פֿאַרוואָס קערסטו זיך ניט אום אַהין? — האָט ער שיר ניט אַרויסגעשאָסן אָפן קאָל. דער צאָרן האָט אים אַזש אַ וואָרג געטאָן אין האַלדז. ער האָט אַריינגעשפּאַרט צוויי פֿינגער באַם גאָרגל־קנאָפּ און אַ צי געטאָן די בלוזע, וואָס האָט אים געדאַכט, זי איז ענג.

— „האָנקס" און „וואָפּס" *) און וואָס ניט? אַלץ געפֿינט זיך דאָ, — האָט ער געטראַכט מיט קאָס. ער האָט דערזען שטיין אין דער זייט אַ נעגער, וועמען ער האָט פֿריער ניט געזען. ער האָט אויסגעשפּיגן דעם ביטערן זאַפֿט פֿון קיי־טאַבאַק און אַוועק פֿון דער פּלאַטפֿאָרמע.

אָפּגעשפּאַנט עטלעכע טריט אַף די פּלאַנקען, איז אים באַפֿאַלן אַן אימע. די שטילקייט פֿון שוואַרץ־פֿאַרגאָסענעם כאַלעל האָט געררישט ווי ער וואָלט צוגעלייגט אַן אויער צו אַ מויער־קאָפּ. עס האָט אים אויסגעדאַכט: ער איז איצט איין מענטש אין דער גאַ־רער וועלט . . . די אייזערנע שטענגלעך פֿון באַריער האָבן גע־זונגען ווי טעלעגראַף־דראָטן אינעם ווינט און דער שטאָל פֿון די רעלסן האָט רעגעווייז פֿון זיך אַרויסגעגעבן אַ טיפֿן קלאַנג ווי פֿון

*) באַליידיקונג־צונעמען פֿאַר אויסלענדער.

אונטער אַ דיקן וואַסער־דעק. אין דער ווייט האָבן זיך באַוויזן צוויי פּייערדיקע אויגן פון אַ לאָקאָמאָטיוו און אַ פּאַכנדיק סיגנאַל־פּייערל, וואָס האָט זיך געביטן פון רויט אין גרין און צוריק — פון גרין אין רויט. זיינע נערוון זיינען געוואָרן אָנגעשטייפּט ווי די דראָטן. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס עס קומט איצט און עס האָט אים געשפּאָרט צוריק צו די מענטשן, אָבער ער איז אַקשאָנעסדיק געבליבן שטיין אַף אַן אָרט.

אַף די פּלאַנקען איז געלאָפן הענק האַרלי. זיינע טריט האָבן געהילכט.

— וואו קריכסטו דאָ אין דער פינצטער? — האָט ער אַ ליאַרם געטאָן אַ פּאַרסאָפּעטער — וואו זיינען זיי אַלע? — ער האָט ניט געוואַרט אַף קיין ענטפער און איז ווייטער געלאָפן.

קריסטאָפער האָט זיך אומגעקערט און אים נאָכגעפאָלגט אַ צעטומלטער און בעאייס ער האָט ווידער דערגרייכט די ברייטערע פּלאַטפאָרמע, איז אים שוין קלאָר געווען, אַז דער מענטש איז דער פולער געוועלטיקער אַף דער „האַי־לאַין" און ער מוז זיך אונטערוואַרפן זיין מאַכט, ווי ביטער דאָס זאָל ניט זיין פאַר אים. זיין גייווע האָט, פאַרשטייט זיך, דערפון געליטן אַן אַ שיר, וואָרים ער איז זיכער געווען, אַז דער מענטש קאָן זיך צו אים ניט פאַר־גלייכן אין קיין פּראַט: ניט אין יאָרן, ניט אין דערפאַרונג און זיכער ניט אין וויסן און אין קענטעניש, אָבער ער מוז איצט בויגן זיין קאָפּ און שווייגן, אויב ער וויל דאָ בלייבן אַרבעטן אַף דער „האַי־לאַין". און אַרבעטן מוז ער איצט. די צווייטע וואָך דאַרף ער צאָלן דעם היפּאָטעק אַף זיין נאַכלע. ער קאָן ניט דערלאָזן מען זאָל באַ אים אָוועקנעמען פערצן יאָר האָרעוואַניע, פערצן יאָר אָרים לעבן, קאַרגן און שפּאָרן פון נויטיקסטן און אים לאָזן אין גאַס אַ וואַגאַבונד. און ער קאָן זיכער ניט דערלאָזן, אַז זיין באַכערל, קריסטאָפער דער אינגערער, וואָס ווערט שוין, — אַקוראַט אין טאָג פון קריסטוסעס געבורט — צוועלף יאָר, פון וועמען מיסטער דזשאָן פּעי, דער גאַלעך, קוועלט אַן בעאייס ער קומט מיט אים זונטיק אין קירך, אַז ער, קריסטאָפער, וואָס איז אין דער עמעסן אַ וואוילער אינגל, זאָל זיך אָוועקלאָזן אין גאַס מיט צייטונגען, אָדער עפּשער זיך גאָר אָוועקשטעלן באַ די טרעפּ פון שטאַטישן מאַגיסטראַט אַף הענקאַק

פלאַזאַ פוצן שיך. יעזוס, ער וואָלט בעסער אראָפּגעשפּרונגען פון דאַנען־אָ און געמאַכט אַ סאָף צו זיין לעבן, ווען דאָס זאָל שוין האַלטן אַזוי . . . אָבער דער מענטש באַהאַנדלט אים דאָ ערגער פון אַ נעגער און אַן אויסלענדער . . .

ער האָט געפילט אַ שווערן דרוק אָפּן מויעך און אַ ווײלע ניט געזען וואָס אַרום טוט זיך. די מענטשן זיינען שוין געשטאַנען צעוואָרפן ווי אַ קליינע מאַכנע וואָס גרייט זיך אין שלאַכט; אַנגעגורט די לענדן מיט דער שווערער לעדערנער זאַק מיט די אייזערנע רינגען און שטריק און צוריק אויפגעקליבן די געצייג. די לופט האָט גערוישט און די פּלאַטפּאָרמע האָט זיך שוין געטרייסלט פון דער אָנקומענדיקער מאַסע. דער לאָקאָמאָטיוו, אַ שטאָלענער ריז, האָט זיך פאַרבייגערוקט אָנפילנדיק די פּלאַטפּאָרמע מיט דאַמף און געשלעפּט די אָנגעלאָדענע וואַגאָנען. דער וועכטער איז געשטאַנען אָפּן אונטערשטן טרעפּל פון לאָקאָמאָטיוו, נאָך אַלץ געפּאַכעט מיטן סיגנאַל־פּייערל און עפּעס געשריען . . .

קריסטאָפערן איז געווען אַזוי שווער אָפּן האַרצן, ווי די מאַסע, וואָס ער האָט פאַרלייגט אָפּן גאַרטל, אָבער ער האָט עס געטאָן גאַנץ בעריעדיק, באַמיענדיק זיך צו זיין אַזוי געשיקט, ווי די אַנדערע, האָגאָם ער האָט נאָך אַלץ ניט געהאַט קיין אָנונג צו וואָס און ווי אַזוי דאָס וועט אָנגעווענדט ווערן, אָבער הענק האַרלין איז עס ניט געפעלן געוואָרן:

— העי! דו מיט די שפּאַקולן! — האָט ער אַ ברום געטאָן אָן אַ ברעקל רעספּעקט — קומסט פון געצייג־אָפּטייל און וואָלסט באַדאַרפט זיין אַביסל אַ בעסערער מעכאַניקער.

— וואָס איז?

— איך קאָן זען אין דער פינצטער, וואָס ס'איז. און יעדער איינער דאָ וועט דיר זאָגן, אַז דו הויבסט ניט אָן צו וויסן, וואָס דו טוסט!

איינער פון די מענטשן האָט קריסטאָפערן געהאָלפן ריכטיק אָנטאָן דעם לעדערנעם פּאַס און הענק האַרלי איז אָוועקגעגאַנגען ברומענדיק: קיינער וועט ניט איינזען, אַז ס'איז פאַר איינעם צופיל צו טראָגן אַכראַיעס פאַר יעדער לויזיקער זאַך אָף דער „האַי־לאַין" . . .

אַ צעטומלטער איז קריסטאָפער געשטאַנען אַף די פּלאַנקען. די „קריין" האָט שוין געררוישט איבער די קעפּ. די מאָנסטערהאַפּטע זאַך האָט זיך אָנגערוקט אין דער פינצטער אַף דער צווייטער זייט פון באַריער און אַראָפּגעלאָזט איבער איינעם פון די וואַגאָנען דעם אָפּענעם פּיסק. אויבן האָבן זיך אָנגעצונדן עלעקטרישע ליכט. אַ מענטש אין אַ ביידל האָט אַראָפּגעשיקט סיגנאַלן מיט אַ קוויטשנדיקן האָרן. די שטאָלענע יאַסלעס האָבן זיך איינגעביסן אין אַרץ ווי אַ ריזיקע כאַיע. דער פּיסק האָט זיך אַ הויב געטאָן אינדערהויך, ערגעץ אַוועקגעלאָפן און אויסגעשפּיגן דעם אַרץ. אַלע האָבן זיך צוגעקוקט צו דער אַרבעט, אָבער קריסטאָפער האָט ניט אַראָפּגענומען קיין אויג פון הענק האָרלין. אַ צאָרן האָט אים געברענט אין האַרץ אַף דעם מענטשן. עס האָט אים באַשלאָגן אַ קאַלטער שווייס. ער האָט נאָך ניט געקאָנט אַראָפּשלינגען דעם ביזאָיען. די הילף, וואָס ער האָט געקראָגן, איז געווען פון אַ מענטשן מיט גרויסע וואָנצן — זיכער אַן אויסלענדער . . . —

ער האָט דערפילט: ער איז דערנידעריקט און רואינירט. ער האָט געקוקט אַף הענק האָרלין און געטראַכט: „אַמעריקעס אַמעראַצעס האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אינדערהויך" . . . און געפילט בעאַיס-מייסע, ווי אימיצער האָט אַריינגעשטעלט אַ האַנט אין זיין פּריוואַט ווינקל און געמאַכט אַ טעל פון זיין לעבן. עס האָט פּאַר אים אַ צי געטאָן אַ קייט — אַלע פּערציק יאָר זיינע. ער האָט געפירט זיין שיף מיט אַ זיכערע האַנט. וואָר־זשע האָט עס אים איצט פּאַרטראָגן? קאָן ער דאָ אַנקערן? — ניין! ער וועט אַראָפּ פון דאַנען און זיך לאָזן גיין אַהיים. ער וועט אָנקלאַפּן אין דער טיר און זאָגן: — קינדער, ווייב, אייער קאַפּיטאַן רעזיגנירט! אָ, יעזוס קריסטוס . . . — זיין דימיען האָט אים אַזוי פּאַרטראָגן, אַז בעאַיס הענק האָרלי האָט מיטאַמאָל אַ געשריי געטאָן: „אָל־ראַיט", האָט ער זיך אַ צאַפּל געגעבן ווי ער וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון הימל.

הענק האָט פּאַנאַנדערגעטיילט די מענטשן אין עטלעכע גרופּן, אים, קריסטאָפערן, איינגעשלאָסן אין איינעם פון די גרופּן און זיי צעשיקט צו די וואַגאָנען. און בעאַיס ער האָט שוין געקלעטערט אַפּן

אָנגעווייזענעם וואַגאָן, האָט אים הענק האַרלי אַליין אַרויפֿדערלאַנגט זיינע שטיקער געצייג. דאָן איז אים מיטאַמאָל איינגעפֿאַלן, אַז זיין שעף איז אַן אַמעריקאַנער ווי ער . . . און לעגאַמרע אָן קוואַליפֿיקאַ־ציע, וואָלט ער דאָ ניט געקענט שטיין . . . און קאָן זיין ער איז גאָרניט אַזוי שלעכט . . . אַ פּאָסטן מאַכט אַמאָל אַ מענטשן שלעכט. און ס׳איז דאָ בעעמעס אַן אַכראַיעס. פֿאַרדאַמט — יאָ...

אַפֿן ראַנד פֿון וואַגאָן האָט זיך אים אָפּגעריסן דער אָטעם: דער דנאָ איז געווען אָפֿן. דאָס איז געווען איינער פֿון די וואַגאָנען צו וואָס מען האָט ניט גענוצט דעם „קריין". מיט עטלעכע דריי פֿון אַ הענטל באַ אַ שלאָס האָט מען אויפֿגעמאַכט דעם אונטערשטן דעק און די גאַנצע מאַסע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט אַ קראַך דורך די אָפֿענע רעלסן. ער האָט מיט שרעק אין האַרץ זיך אַראָפּגעלאָזט אַף איינעם פֿון די שטאַנגען, וואָס האָבן איבערגע־קרייצט דעם וואַגאָן און, ווי די אַנדערע, זיך באַפֿעסטיקט מיט די שטריק פֿון גאַרטל צו די אייזנדלעך פֿון די ווענט. אין וואַגאָן זיינען נאָך פֿאַרבליבן רעשטלעך פֿון מאַטעריאַל איינגעפּרעסט אין די ווינק־לען פֿון דער טאָניקער מאַסע. דאָס אַרויסוואַרפֿן — האַלטן דאָס גלייכגעוויכט און גלייכצייטיק אַרבעטן מיט אַלע שטיקער געצייג, איז געווען אומדערטרעגלעך. קריסטאָפֿער האָט געפּאַרעט ווי אַ קעסל. ער האָט געקרעכצט: — פֿאַרדאַמט! קיין אַקראָבאַט איז ער נאָך ניט געווען . . . — און זיך געווישט דעם שוויס מיט דער איינגעשמירטער האַנט.

איבערן קאָפּ האָט ער געפֿילט אַ וואַכזאַם אויג. דער מענטש אַף דער „קריין" האָט אָנגעשטעלט איבערן וואַגאָן אַ שטאַרקן ליכט־זייל. דאָס איז אים געווען שווער, דאָך האָט ער זיך געפֿילט דער־לייכטערט צווישן די פֿיר ווענטלעך פֿון וואַגאָן, וואָס האָט אים אָפּגעצוימט פֿון הענק האַרליז. דאָס האָט אָבער ניט געדויערט לאַנג. הענק האַרליס שאָטן האָט באַלד אַ מיניע געטאָן איבערן וואַגאָן — הענק האָט זיך באַוויזן אויבן אינדערהויך און אַראָפּגע־דונערט:

— איך האָב איין וואונטש: פֿון אייך אַראָפּנעמען די פֿאַר־דאַמטע שטריק! ווי, צום טייפֿל, קאָן אַ מענטש זיך פֿריי באַוועגן ווען מען שפּאַנט זיך איין ווי פֿערד?!

— אַ פערד וועט ניט קריכן דאָ, וואו אַ מענטש קריכט! — האָט אים איינער געענטפערט, איבערקערנדיק דעם קאָפּ מיטן שפּיץ־נאָז אַרויף. ער האָט אַ שטרעק געטאָן דעם האַלדז ווי אַ ווילדע היענע, אַ באַגאָסענער מיט שווייס: — ווערסטו דאָ אַפילו אויפהענגען אַ גאַנצן סטויג היי — האָט ער געזאָגט — כ׳מאַך אַ וועט!

— ווייל אַ פערד איז אַ פערד, און דו האָסט ווייניקער סייכל פון אַ פערד, דערפאַר איז עס! — האָט הענק געענטפערט און איז צוריק אַראָפּגעקראָכן פון וואַגאָן.

קריסטאָפער האָט זיך שנעל אויסגעגלייכט. ער האָט דערפילט אַ האַנאָעדיק געפיל אין האַרצן און אַ וואַרעמקייט און אַ דערנעענ־טערונג צו דעם מענטש, וואָס האָט אים געענטפערט, האַגאַם ער האָט גערעדט אין אויסלענדישן אַקצענט . . . ער האָט פון צופרידנ־קייט זיך אַזש אַ וויש געטאָן מיט דער איינגעשמירטער, שווייסיקער דלאָניע איבער די צוגעשווירענע וואַנצעלעך ביז אַראָפּ איבערן מויל . . . אָט דער נישטיקער ניצאָכן האָט אים שיר־ניט געשטעלט דאָס לעבן אין סאַקאַנע. ער האָט אָבער אין צייט אַ שפּאַר געטאָן דעם שופל אָפּן וואַנט און געכאַפּט דעם באַלאַנס. עפּעס אַ שטאַרק ליכט האָט אים אַ שטראַל געטאָן אָפּן פינצטערן געמיט, אָבער ער איז אין זעלבן אויגנבליק אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַ טויטלעכן אַנגסט פון קאָפּ ביז די פיס . . .

עס איז געווען אַ נאַכט, איינע אין זיין לעבן.

אַן אויסגעליידיקטער פּענכער, אַן קויכעס, אַן לייב און אַן כיעס — איז ער פאַרטאָג געשטאַנען באַם פייער אַף דער פּלאַט־פאָרמע. זיין בליק האָט דורכגעבויערט דעם שוואַרצן כאַלעל. אין דער לופטן האָט זיך געפילט: דער טאָג איז אָפּן שוועל . . . די מענטשן האָבן זיך געוואָרעמט די דורכגענעצטע, צונויפגעדרייטע גלידער. דער לאָקאָמאָטיוו האָט נאָך גערוישט אין דער ווייט מיט די אָוועקגעפירטע, אויסגעליידיקטע וואַגאָנען. זיינע יעסורים און פּיין, זיינע ביזיונעס דורך דער נאַכט, זיין האַרעוואַניע און שרעק — אַלץ איז איצט פאַרזונקען אין דער דאַרער געשטאַלט פון דעם

מענטש. זיין גורל הענגט איצט אַף דער „האַי־לאַין״. דאָס האָט ער געפילט מיט יעדן טראָפּן בלוט זיינער און ער איז איינער — דער גורל פון אַלע . . .

נישטאָ מער קריסטאָפּער דער מעכאַניקער. נישטאָ מער קריס־טאָפּער פון געצייג־אָפּטיילונג. נישטאָ מער יענער קריסטאָפּער, וואָס האָט געמאָסטן אַ טויזנטסטל פון אַ צאָל! נישטאָ מער יענער קריס־טאָפּער, וואָס האָט געמאַכט גיין שטאַמסן און בויער־מאַשינען, „גרייג־דערס״ און „גיר״־שניידערס. נישטאָ מער יענער קריסטאָפּער, וואָס קיין מאַשין האָט ניט געקאָנט באַהערשן. באַהערשט — האָט ער! נישטאָ מער יענער קריסטאָפּער אַף וועמען דזשאָן פּערגי האָט גע־זאָגט: ער איז איינער אין געצייג־אָפּטייל — נישטאָ צו אים קיין גלייכן. ניין, נישטאָ מער! איצט איז ער איינער ווי אַלע, גלייך מיט אַלע!

ער האָט איינגעקלאַמערט די פינגער און צוזאַמענגעפּרעסט די דלאָניעס. די פריש־אָפּגעדריקטע מאַזאָליעס האָבן זיך ווי אָנגע־צונדן, דער ווייטיק האָט אים פאַרקלעמט דאָס האַרץ.

— איר האָט היינט געהאַט אַ גאָט־פאַרדאַמטע נאַכט! — האָט זיך דערהערט הענק האַרליס שטים, וואָס איז אָנגעלאָפן פון דער טונקלקייט ווי אַ שטורעם — און דו, מעכאַניקער, רייד דיר ניט איין, אַז דו וועסט האָבן יעדע נאַכט ווי היינט!

— וואָס האָסטו געזאָגט?

—שלעפּ דיר אַרויס די וואַטע פון די אויערן, וועסטו דער־הערן!

קריסטאָפּער האָט זיך האַסטיק אַ קער געטאָן און פלינק געמאַכט אַ טריט צו הענק האַרלין. ער איז פאַר אים שטיין געבליבן פּאָנעם צו פּאָנעם און אַ זאָג געטאָן:

— הער, יונגערמאַן, וואָס איך וועל דיר זאָגן: דו שטייסט איצט אַף אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן — ביסט דאָ אויפזעער אַף דער „האַי־לאַין״, נאָר זיי ווייסן—האָט ער פּלוצלונג אַ פאַרהייב געטאָן אַ האַנט און אים גענומען פּאַכן מיט אַ פינגער פאַר דער נאָז — זיי ווייסן, אַז דו רעדסט צו קריסטאָפּער פּ. אַדאַמס! הער, וואָס איך זאָג דיר: דו רעדסט צו קריסטאָפּער פּ. אַדאַמס!

העניק האַרלי איז געבליבן שטיין איבערראַשט. ער האָט אַ קוק געטאָן אַף רעכטס און אַף לינקס און ניט געקאָנט דערכאַפּן דאָס לאַשן. ער האָט קוים אַרויסגעפּלאָנטערט מיטן צונג עפּעס נאַריש־אומבאַהאָלפן, איבערפרעגנדיק:

— צו וועמען, זאָגסטו?

— יאָ, צו קריסטאָפער פּ. אַדאַמס!

העניק האַרלי האָט אַן אָטעם געטאָן מיט דער פולער ברוסט. ער איז קוים געקומען צו זיך.

— יאָ . . . — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט גאַל — האָסט זיך פאַר מיר פאַרגעשטעלט באַלד ווי דו ביסט אַריינגעקומען, אָבער איך ווייס נאָך איצט ניט ווער דו ביסט. נאָר ווער דו זאָלסט ניט זיין, וויל איך דיר זאָגן — און איך מיין עס אַלע פון אייך! אויב איר דענקט, אַז איר וועט מיך אַראָפּשיקן פון דער „האַי־לאַין״, וועל איך אייך וויזן ווער־וועמען עס וועט פריער אַראָפּ־שיקן! די טאָג־וואַכטע וועט מיינע וואַגאָנען ניט אויסלאָדן. באַלד איז טאָג און עס קומט ערשט אַרויף דער פערטער טראַנספּאָרט! איר באַוועגט זיך דאָ ווי די נאַכט־וואַנדלער; פאַרבינדט זיך מיט שטריק און ציטערט איבערן לעבן. פינף־און־זיבעציק טויזנט זיינען שוין אַרויסגעשטעלט אונטער די טויערן פון פאַבריק; פינף־און־זיבעציק איינציקע אַרבעטן דאָ אַף אַלע דריי וואַכטעס. טויזנט פּאָר אויגן קוקן דאָ אַרויף צו יעדן איינציקן פון אייך און וואָלטן געוועזן פאַרדאַמט צופרידן צו גיין צום טויט, קעדיי צו קאָנען לעבן! די טאָג־וואַכטע וועט מיינע וואַגאָנען מער נישט אויסלאָדן . . .

ער איז שנעל אַוועק פאַרשווינדיק אין דער טונקלקייט ווי אַ שאָטן.

קריסטאָפער האָט אַ הויך געטאָן דעם אָטעם פון פרייד. זיין האַרץ האָט געפלאַטערט פון ניצאָכן: איצט האָט ער אָפּגעווענדט די רישעס פון דעם מענטש פון זיך — אַף אַלע. איצט פילן אַלע דאָס, וואָס ער . . .

— מיר אַלע, — האָט ווער אַ זאָג געטאָן, — קינדער פון אַלע עקן פון דער ערד — ווייסע, שוואַרצע, אונגאַרן, כינעזער האָבן איין סוינע. אָט די לייז פירן נאָר דורך אַ קליינע שליכעס. אָבער דער טאָג פון נעקאָמע איז נאָענט!

— יעזוס... — — — —

— די לייז וועלן שוין בעמיילע צודריקט ווערן!

— גוטע מענטשן!... — האָט קריסטאָפער געברומט.

עס האָט אים מיטאַמאָל עפּעס דורכגעדרונגען די פּאַרטאָגע־דיקע קעלט און ער האָט דורכגעשוידערט מיטן גאַנצן גוף:

— קריסטוס הייליקער... — — — האָט ער שטיל אַרויס־געפּליסטערט און דערפילט צוויי טרערן אין די אויגן. עס איז אים מיטאַמאָל זייער גרינג געוואָרן אַפן האַרץ און עס האָט אים אָנגע־הויבן דורכדרינגען די מידקייט. דאָס וואַרעמע בעט האָט אים אַ שוועב געטאָן אין דימיען...

ער וואָלט איצט אַראָפּגעגאַנגען פון דאַנען ווען ער זאָל האָבן צו באַצאָלן דעם היפּאָטעק. דאָס הויז נויטיקט זיך איצט אין רע־מאָנט. זיי האָבן אים באַלד לעכאַטכילע פּאַרקויפט אַ כורווע. די וויטרינעס באַם פענצטער אין קיך, האָבן זיך אָפּגעשפּאָרט פון וואַנט און איצט האָט פון דער הייסער יולי־זון אַראָפּגעזעצט דער דאַך באַם קוימען. וועט זיך אָוועקלייגן אַ שניי אַפן בוידעם, וועט עס צעוויקן דעם ליים און אַראָפּרינען אין שטוב. און קוילן דאַרף ער אָפּשיטן. יאָ, דאָס מוז ער. ווי קאָן ער זיין אָן קוילן? אַסאַך גייט לעאיבעד. די רעשעטקע אין אויוון איז צעבראָכן. ער וואָלט באַ־דאַרפט אויסזיפּן דאָס אַש, אָבער ווען? אַז ער האָט אַלעמאָל עפּעס אַפן קאָפּ און ער געדענקט עס גאָרנישט. „זי" איז איצט פאַרגאַנגען אין טראָגן און אַ מעאובערעסע פרוי איז שוואַך. און באַלעסטיקן דעם אינגל קאָן ער ניט. סיידן אָפּליגן אַף זונטיק. אָבער ער קאָן ניט זיין ווי דזשימי דזשאַנסאָן, זיין שאָכן, וואָס שפּילט די ראָלע פון אַ באַלעבאָס אין גאָס און האָט ניט קיין ברעקל אַכטונג פאַר קיינעמס געפילן, זוכט זיך אויף אַלע אַרבעטן אַף זונטיק. יעזוס קריסטוס, ניין, ווי קאָן ער עס? זונטיק איז אַ טאָג אַף רו.

און ער האָט אַ קלער געטאָן ווי דזשימי דזשאַנסאָן פאָרט אַרויס מיט זיין מאַשין און קיינער ווייסט ניט, אַז מען קאָן אַמאָל שולדיק זיין אַפן פוץ מער וויפל דער פוץ טרעפט אָן — און ער האָט גע־פילט, אַז עס ענדיקט זיך אים דאָס כיעס פון דעם איינציקן באַגער צו לעבן ערלעך...

אין דער מינוט האָט עפּעס פּאַסירט, וואָס ניט קריסטאָפער און ניט קיין איינער פון די מענטשן באַם פייער האָבן דערוואַרט. הענק האַרלי איז אַנגעלאָפן אַ פּערסאָפּעטער פון די פלאַנקען בעאייס דער לאָקאָמאָטיוו האָט שוין געשלעפּט די אַנגעלאָדענע וואַגאָנען און אַ געשריי געטאָן: — איצט וועט איר אויסטאָן די שטריק! — דערביי איז ער געווען אַזוי אַנטשלאָסן און טעמפּ ווי קיינמאָל פריער. און מאַכמעס אַלע זיינען געווען איבערראַשט און קיינער האָט ניט געענטפערט, האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעכאַזערט: — איר וועט איצט אויסטאָן די שטריק! — און ווייל מען האָט אים נאָך אַלץ ניט געענטפערט, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— האָסט געהערט, מעכאַניקער?

קריסטאָפער האָט זיך טייקעף אָפּגעטיילט פון די אַנדערע און אַרויס פון פאַרנט:

— דו רעדסט צו מיר?

— איך רייד צום טייוול!

— כ׳מיין: דו גייסט, יונגערמאַן, אַביסל צו־וויט: דו ברעכסט די רעגולאַציעס פון פאַבריק, וואָס דו האָסט ניט קיין רעכט.

הענק האָט אַ ברום געטאָן, אַז ער וועט זיך באַ אים ניט פרעגן צו וואָס ער האָט אַ רעכט און צו וואָס ניט. און אַז ער וויל ניט הערן זיינע מייסעס!

—באַלד — האָט ער געזאָגט — ביסטו געקומען מיט אַ מייסע, אַז ווילסאָן האָט דיך דאָ אַרויפגעשיקט! און אַז איך וועל אים אַראָפּשיקן אַ בריוול, וועט ער מיר אַרויפשיקן אַן אַנדערן, צי ניין? טוט אויס — אַלע!

— האָסט אַ נאַרישע אַמביציע, יונגערמאַן...

— אָאָהה... — האָט ער אַ ברום געטאָן — ווען איך זאָל זיין די פאַרוואַלטונג, וואָלט איך אויפגעבויט אַזאַ „קרייז״, וואָס זאָל אַראָפּלאָזן איין טראַנספּאָרט וואַגאָנען איבערן צווייטן, קעדיי עס זאָל אייך ניט געבן קיין פרייע מינוט! דאָס שטיין דאָ באַם פייער און פלאָנטערן מיט די ציינגער איז פאַר אייך סאַם! ער האָט אייך אַגיטירט, הע? — — — אָ, יאָ, איצט דערקאָן איך דיך, פויגל! זאָג מיר נאָר, ביסטו ניט געווען אַנומלט צווישן האַמוין פאַרנט באַם פאַבריק, וואָס האָט זיך געריסן צום טויער? ביסטו ניט געווען

צווישן זיי — כ׳מיין צווישן די, וואָס האָבן זיי אויפגערייצט?

— נאָדיר מיינע ברילן, וועסטו מיך בעסער דערקענען.

— איך האָב דיך שוין דערקאַנט... דיין ציל איז מיר קלאָר! אָבער דו וועסט דאָ גאָרניט אויפטאָן. איך פאַרזיכער דיר...

קריסטאָפער האָט דערפילט, אַז עס איז ניטאָ קיין גרעניץ צו דער געמיינקייט פון מענטשן. ער איז איבערפולט געוואָרן מיט אַזויפיל ביטערניש און גאַל, אַז ער האָט מער ניט געקאָנט אַרויסריידן אַ וואָרט.

— קיינער האָט קיינעם ניט אַגיטירט, מאַך דיך ניט צו נאַר, הענק, — האָט זיך אָנגערופן איינער.

— איך וועל אייך איצט שנעל איבערצייגן, — יאָ פאַרדאַמט שנעל — ווער ס׳איז דער באַלעבאָס אַף דער „האַי־לאַין״! כ׳וועל מאַכן מיט אייך קורץ: ווילט איר אויסטאָן די שטריק, צי ניין?!

— — — איר האָט דערקלערט אַ סטרייק? — גוט!

ער האָט זיך געוואָלט אַ לאָז טאָן לויפן ערגעץ, אָבער ער האָט זיך מאָמענטאַל צוריקגעכאַפּט און זיך אַ ווענד געטאָן צום נעגער, וועמעס נאָמען ס׳איז געווען ביל פּאָרטער און וואָס איז געווען דער איינציקער נעגער אַף דער „האַי־לאַין״:

— און וואָס איז דער מער מיט דיר, ביל?

— מיט מיר איז גאָרנישט דער מער...

— פאַרוואָס טוסטו ניט אויס די שטריק?

— אָ, ווי קאָן איך?

— דו קאָנסט ניט?

— ניין, מענטש, ווי קאָן איך עס?

— דו רעדסט דיר איין, אַז זיי זיינען דיר גוטע פריינט, הע? אָ, דו גרויסער טיפּעש! זיי וועלן דיך דאַך ווען עס איז אַ נעם טאָן ווי אַ הון און דיך אָפּבראָטן — זעסט, אַף דעם פייער! ווי מען בראָט אָפּ דיינע ברידער אין טעקסאַס און אין טענעסי, דו שוואַרצער הונט!

— ווי קאָן איך עס, מענטש?!...

— דו קאָנסט עס ניט? — גוט.

ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן לויפן. אָפּגעלאָפן אַ שטיקל וועג, האָט ער זיך שנעל אומגעקערט.

— ווילסטו אַרבעטן? — האָט ער אַ כאַפּ געטאָן איינעם באַם אָרעם, און נאָך איידער יענער האָט צייט געהאַט צו ענטפערן, האָט ער אים אַ שלעפּ געטאָן צו זיך מיט גוואורע און אַ שטרעק געטאָן די האַנט נאָך אַ צווייטן.

יענער איז צעטומלט געוואָרן.

— האָב איך זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן?

— ניין? גוט. שטעל דיך אין דער זייט! און דו? — האָט ער אַ פּאַק געטאָן דעם צווייטן — ווילסטו אַרבעטן, יאָ צי ניין?

— יאָ.

— שטעל דיך אין דער זייט! און וואָס איז דער מער מיט דיר? — האָט ער אַ פרעג געטאָן דעם דריטן און דעם פערטן און אַזוי קעסיידער.

קריסטאָפער איז געוואָרן שטאַרק אומרואיק. ער האָט געקאָנט זען, אַז דער מענטש טוט דאָ עפּעס אָפּ אַ געמיין שטיקל אַרבעט; וואָס — איז אים נאָך ניט געווען קלאָר, אָבער געפילט האָט ער, אַז דאָס איז געצילט קעגן אים. ער האָט עס געקאָנט זען דערפון, וואָס ער מיידט אים קעסיידער אויס, כאַפּט אַלץ אַנדערע. איינער האָט אים געפרעגט: „צו וואָס טוסטו עס, הענק?" און ער האָט אַ ברום געטאָן, אַז ער וועט אים שפּעטער צושטעלן אַ רעפּאָרט, און גלייך דערויף אַ פרעג געטאָן: „ווילסטו אַרבעטן?" ער האָט עס געמאַכט שנעל, מיט אימפּעט; איינעם נאָך איינעם. אַ פראַגע, אַן ענטפער און אַ שטעל איבער אין דער זייט. אין צוויי מינוט זיינען אַלע געווען איבערגרופּירט אַף אַ שפּאַן ווייטער. קריסטאָפער איז געבליבן שטיין אַליין. עס האָט זיך אים אַראָפּגעזעצט דאָס האַרץ...

הענק האַרלי האָט פאַררוקט די הענט אונטער די אויבערהויזן און אַ זאָג געטאָן:

— נו, ביסט געבליבן אַליין?... כ'האָב ראַכמאָנעס אַף דיר... וואָס דענקסטו צו טאָן?

קריסטאָפער האָט פּאַמעלעך אָפּגעשנאַלט די רימענדלעך פון לעדערנעם פּאַס און אים אַראָפּגענומען פון גאַרטל און האַלטנדיק אַזוי אין דער האַנט די שווערע זאַך מיט די שטריק, האָט ער אַ טריט געטאָן צו הענק האַרלין:

— לומפּ! וואָס איך דענק צו טאָן? אָט וואָס איך דענק צו טאָן! —

אַ מעכטיקער זעץ פון זיין דאַרער, אייזערנער פויסט האָט אַ פּלי געטאָן הענק האָרלין גלייך אונטער דער גאָמבע. הענק האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם קאָפּ אַף צוריק און ווי אַ טיגער זיך אַ וואָרף געטאָן אַף קריסטאָפער. אַ קלינג פון די אייזערנע רינגען — און די לעדערנע זאַך מיט די שטריק האָט ווי אַ צעשויבערטע גריווע פון אַ כייע זיך אַ טרייסל געטאָן אינדערהויך. אַלע ווי איינער האָבן ווי אַ בליץ זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און זיי פּאַנאַנדערגענומען. קריסטאָפער האָט קוים געאָטעמט. ער האָט געבליצט מיט די אויגן פון אונטער די ברילן ווי מיט צוויי שפּיזן. ער האָט זיך געבעטן מען זאָל אים אָפּלאָזן.

— האָסט ניט אין דיר קיין מענטשלעך בלוט — האָט ער געזאָגט — האָסט וואַסער. האָסט געל בלוט אין דיר! איצט בין איך מיט דיר פּאַרטיק.

ער האָט אַראָפּגעלייגט דעם לעדערנעם פּאַס מיט די שטריק אַף די פּלאַנקען און אַ זאָג געטאָן:

— גיב מיר אַ קוויטל צום וועכטער באַם טויער ער זאָל מיך אַרויסלאָזן. דאָס אַלץ וואָס איך דאַרף איצט. נאָר איך וועל עס קריגן אָן דיר — באַם נאַכט־פּאַרוואַלטער. איך וויל ניט דו זאָלסט מיר טאָן אַ טויווע...

מ'האָט אים אָפּגעלאָזט און ער איז אַוועק איבער די פּלאַנקען אַראָפּ צו די טרעפּ.

בעאייס ער איז אַרויסגעקומען פון טויער אַף דער גאַס, איז ער געווען נאַס פון שווייס און דערשיטערט פון דער אויפרעגונג. ער איז צוריק געווען איבערגעטאָן אין זיינע געוויינלעכע מאַלבושים; אַפּן קאָפּ — דאָס צוזאַמענגעקוועטשטע קאַפּעליושל. אונטערן אָרעם — די צונויפגעפּאַקטע אויבערהויזן, אין דער האַנט — דאָס שפּייז־קעסטעלע. ער איז אַ ווײלע געשטאַנען אומבאַוועגלעך. דאָס ליכט פון גרויסן עלעקטרישן לאָמפּ

האָט אויסגעצויגן זיין שאָטן אַף דער לענג פון טראָטואַר. די פּאַר־טאָגעדיקע קעלט האָט אים דורכגענומען. ער האָט געציטערט.

דאַן האָט ער אַן אָטעם געטאָן ווי ער וואָלט וועלן פון זיך אַרויסהויבן עפּעס אַ שווערע זאַך און זיך געלאָזט גיין צום שטאָטישן טראַמוואַי. לאַנג האָט ער געפּרירט און ענדלעך האָט אַ ליידיקער טראַמוואַי אים אַריינגעפירט אינמיטן שטאָט און ער האָט זיך געזעגנט אין געדאַנק מיטן פעלד איבער וועלכן עס האָט געהויערט דער פּאַרטאָג, מיט די פיר קוימען־שאָטנס, אַף וועלכע עס האָבן געלויכטן די עלעקטרישע בוכשטאַבן: ‘Pacific Boiler & F’dry Co.’ מיטן שטיק געדיכטע פינצטערניש, וואָס איז געהאַנגען איבערן פאַבריק, ווייל די פייער־פלאַמען פון די שמעלץ־אויוונס זיינען געווען איינגעלאָשן. ליידיקע, באַלויכטענע גאַסן האָבן זיך אים געדרייט פאַר די אויגן. ער האָט געפילט: ער איז קראַנק. די אויפרעגונג, די אָנשטרענגונג פון דער נאַכט און דער שלאָף האָט אים געהאַמערט אין די שלייפן.

ענדלעך האָט דער טראַמווײַ אים אַראָפּגעלאָזט אַפן ראָג פון אַ שמאָלער גאַס און ער האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים. ער האָט אונטער־געהאָפּקעט אין גאַנג און פאַרריסן די אויגן צום ברעג פון האָריזאָנט צווישן די צוויי רייען גוט־באַקאַנטע הייזלעך, פון וואַנען עס האָט שוין אָנגעהויבן אויפברעכן דער טאָג. אַ העלער פּאַס האָט זיך דאָרט געעפנט און עס האָט זיך אַרויסגעגאָסן דאָס ליכט, וואָס האָט שוין גרויער געמאַכט די טונקלקייט איבער די דעכער, וועלכע האָבן געגלאַנצט מיט פּראַסטיקן טוי. דאָס ליכט פון די גאַסן־לאָמפּן האָט שוין אָנגעהויבן ווערן מאַטער. קריסטאָפער האָט זיך עפּעס געוואונ־דערט און פאַרוועבט איז אים געווען דער געדאַנק מיט אַ שווערן שפּין־געוועב . . .

פון צווישן צוויי הייזער איז אַרויסגעשוואומען אַ קענטלעכע געשטאַלט און זיך דערנענטערט צום ראָג. קריסטאָפער האָט דער־קענט זיין שאָכן דזשימי דזשאַנסאָן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ וואַרעמען סוועטער און געריכערט אַ ליולקעלע.

— גוט־מאָרגן, אַדאַמס.

— גוט־מאָרגן, דזשים.

— פונוואַנען אַזוי פרי?

— פון דער אַרבעט.
— יאָ, איך זע דו טראָגסט דאָס לערע שפּייז־קעסטעלע.
— און וואו גייסטו, דזשים ?
— צו דער אַרבעט. אָבער איך מיין : מיר לייקענעןביידע עפּעס... עס איז עפּשער ניט צו־פרי צו גיין צו דער אַרבעט, אָבער עס איז זיכער צו־פרי צו גיין פון דער אַרבעט... דער עמעס איז : מיר קאָנען ניט שלאָפן... מיר טראָגן אַ צו־שווערן אָל אין דער היינטיקער צייט, העי?...
— יאָ, דאָס איז עמעס...
— נעכטן האָט מען צעטיילט בלעטלעך באַ די פּאַסיפיק באַי־לער... יעזוס. איך קער ערגעץ האָבן איינס... אין א קעשענע וואו... זיי זאָגן : אַלע זאָלן קומען, מען וועט פאָדערן : צוריק עפענען די גאַנצע פאַבריק.
— און זיי זיינען פאַרדאַמט גערעכט ! און קיינער דאַרף ניט זיצן אין דער היים ! אַלע דאַרפן מיר זיין דאָרט !
— איך מיין אויך אַזוי, קריסט. אָבער יעזוס... טיילמאָל ווייזט זיך מיר אויס, אַז דאָס איז אַן אייסעק פאַר „וואָפּס" און נעגערס.
— און איך מיין, אַז יעדער איינער אַרבעט פאַרדאַמט שווער דאָ אין לאַנד !...
— עפּשער ביסטו גערעכט, קריסט. איך האָב זיך נאָך ניט גוט פאַנאַנדערגעטומען אין די זאַכן. דאָס איז דער עמעס... נו, לאָז געריסן דאָרט דיינע. זיי וויסן נאָך דערוויל גאָרניט... אַ גוטן, קריסט.
— אַ גוטן...
קריסטאָפער האָט איצט געשפּאַנט ווי אַף אָנגעליטן שטיין. ער איז אַרויף אַפן גאַניקל און ווי אַ ניט־דערוואַרטער דונער זיך אַריינ־געבראָכן אין דער טיר און פאַרשלונגען געוואָרן אין דעם קליי־נעם הייזל מיטן אויסגעקרומטן, צעבויגענעם דאַך אַף וואָס עס איז שוין געפאַלן דאָס קוים־מערקלעכע, גרוי־געוואָרענע ליכט פון אויפ־גייענדיקן טאָג...

ערשטע הילף־סטאַנציע 6

עס איז ערשט געווען אינגאַנצן בע־ערעך פינף־זעקס מינוט, ניט מער, זינט דזשיימס פּאַרקער האָט אויפגעמאַכט די ערשטע הילף־סטאַנציע. ער האָט נאָך אַפילע ניט געהאַט ליכטיק געמאַכט און זיך אַזוי איבערגעטאָן באַם טונקעלן שיין וואָס איז אַריינגעפאַלן דורך די צוויי גרויסע פענצטער און באַם בלאָלעכן עלעקטרישן ליכט, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט דורכן שפּאַלט פון דער עטוואָס אָפּן־געלאָזענער טיר פון די גרויסע מאַשין־אָפּטיילונגען. אין צימער האָט זיך געפילט אַ שווערע, ניט־ווענטילירטע לופט, אָנגעזאַפּט מיט דעם רייעך פון נעכטיקע, מיט בלוט־איינגעטרוקנטע באַנדאַזשן און פון יאָד, כלאָראָפאָרם און קארבאָל. דאָס איז ביסלעכווייז אָפּגעביטן געוואָרן מיט דער לופט און רייעך פון צעוואַרעמטן אויל פון מאָטאָרן און אַ שאַרפער גערוך פון אָפּגעלאָשענעם, צעגליטן שטאָל, באַגלייט פון אַן אימפּעטדיק גערויש פון די מאַשינען וואָס זיינען שוין געווען אין פולן שוואונג אין דער גאַנצער געביידע.

דזשיימס האָט, זיצנדיק אַף אַ שטול, פאַמעלעך אַרויפגעצויגן די ווייסע הויזן אַף די נאַקעטע פיס. זיין עמפּינדלעכע נאָז, וואָס האָט מיטגעבראַכט די קאַלטע פרישקייט פון דרויסן, האָט בעשום אויפן ניט געוואָלט צולאָזן די שווערע לופט פון צימער. ער האָט אַלע רעגע אַ בלאָז געטאָן, אָבער ער האָט גערן געהאַט דעם רייעך פון די מאַשין־אָפּטיילונגען . . . דאָרט האָט ער אַליין אָפּגעאַרבעט אַ היבשע עטלעכע יאָר, ביז ער איז מיט אַ צייט צוריק פאַרקריפּלט געוואָרן באַ אַ שטאַמס אַףביידע הענט און דאַן באַקומען דאָ דעם פּאָסטן ווי דר. העברי וואַלטאָנס געהילף. ער האָט מיט פאַרדרוס אַ

טראַכט געטאָן פון דעם ווייטיק וואָס די קאַלטע מאָרגן־לופט האָט אים פאַרשאַרפט אין די צעבויגענע פינגער־גלידער און פון דעם וואָס ער האָט פאַרגעסן, איידער ער איז אוועק פון הויז, אַראָפּצולויפן אין קעלער אַ קוק טאָן צי זיין שוואָגער, פרעדעריק לאַנגוואוד, האָט אַריינגעשאָטן אין אויוון גענוג קוילן, קעדיי ניט פאַרפרוירן צו ווערן. פרעד אַרבעט אין די דאָזיקע מאַשין־אָפּטיילונגען און ער האָט געקאָנט, דורכלויפנדיק צו אים צו, אַ פרעג טאָן, פאַרשטייט זיך, אויב מר. סאַליוואָן, דער הויפּט־פאַרוואַלטער פון דער געביידע „ק" איז גראָד ניטאָ אָפּן אונטערשטן עטאַזש, אָבער ער האָט עס גראָד ניט גע־דענקט. דאָס האָט אים פאַרדראָסן און ער האָט עפּעס אויפגעהויבן די אויגן צו דער אויפגעעפנטער טיר. עפּעס האָט ער געפילט גוט אין דער רעגע וואָס ער איז דאָ איצט זיין אייגענער באַלעבאָס און האָט ניט דעם אָל פון יאָגן מיט די אַלע זאַכן... אַף דער מאָטער שויב וואו עס האָט דורכגעלויכטן דאָס רויטע ציילעמל מיט די ווערטער: „ערשטע־הילף סטאַנציע 6", האָבן זיך פלוצלונג אַ באַוועג געטאָן עט־לעכע צעשוואומענע שאָטנס; די טיר האָט זיך ראַשיק אָן עפן געטאָן און דריי מענער מיט נאַקעטע אָרעמס האָבן אַריינגעטראָגן אַ פאַר־וואונדעטן. אין פלוג איז אים, פאַרשטייט זיך, ניט איינגעפאַלן ווער דאָס איז, אָבער ער איז שנעל אויפגעשטאַנען פון אָרט און צוהאַלטנדיק מיט איין האַנט די נאָך־ניט־פאַרשפּיליעטע הויזן, האָט ער מיט דער צווייטער אָפּערגעפירט פון אונטערן ליילעך דאָס לייווענטענע בעטל אַף רעדלעך אַף וועלכן די מענטשן האָבן אַוועקגעזעצט דעם פאַרוואונ־דעטן. ער האָט שנעל ליכטיק געמאַכט און אַף זיך געכאַפּט דאָס ווייסע סאַניטאַר־רעקל. ער האָט נאָך צייט געהאַט צו באַמערקן, ווי די נאַכט האָט זיך צוריק אַוועקגעלייגט אַף די פענצטער, אָבער אין דער רעגע איז שנעל אַריין וואַלטער קעין, דער אויפזעער פון „קרענק־שעפט"־אָפּטיילונג מיט אַ געלן בלאַנק פאַפּיר צווישן זיינע פאַראוילטע פינגער. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

—דזשים, קום אַהער, ער איז שטאַרק פאַרוואונדעט.

דזשיימס פאַרקער איז שנעל צוגעגאַנגען. דאָס לענגלעכע פּאָנים זיינס האָט זיך אויסגעצויגן טאָפּלט לאַנג. ער איז זייער בלייך גע־וואָרן און מיט ברייט־אויפגעריסענע אויגן אַ קוק געטאָן אַף וואַלטער קעין און אַרויסגעזוונגען מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם:

— ס'איז דאָך פּרעד! אָא, ס'איז דאָך פּרעד!

— יאָ, ס'איז פּרעד.

— מיין שוואָגער... — האָט ער געזאָגט שטאַרק צעטראָגן,

— מיין שוועסטערס מאַן... דייזיס מאַן...

—יאָ, כ'ווייס, — האָט קעין אַ זאָג געטאָן, אַפּאַנים קעדיי אים צו באַרואיקן.

ער האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן נעענטער צום פאַרוואונדעטן. די מענטשן האָבן שווער־סאָפּנדיק זיך אָפּגערוקט.

— יעזוס! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, און די אויגן זיינען אים שיר־ניט אַרויסגעשפּרונגען פון קאָפּ. ער האָט דערזען אַ שרעקלעכע זאַך: דעם רעכטן אָרעם האָט ער ניט געהאַט. ער איז געזעסן מאַמעש נאַקעט. די קליידער אָפּגעריסן ביז אין לייב. פון דער בלוזע — עטלעכע העגנגענדיקע לאַקשן. זיין זייט האָט געבלוטיקט. געדיכטע ריטשקעלעך זיינען שנעל געלאָפן איבער גאַלע ריפּן־ביינער, ווי בא אַן אָפּגעשונדענעם קאַלב.

— יעזוס! — האָט ער נאָכאַמאָל אַ געשריי געטאָן און מיט־אַמאָל אַרויסגערעדט שטיל: „ער איז ניט באַם זין...״

— פּרעד, — האָט ער זיך צו אים געווענדט, — פּרעדי, וואָס איז מיט דיר געשען?... זאָג מיר... רייד צו מיר... ער איז ניט באַם זין, — האָט ער איבערגעכאַזערט, — האַלט אים צו... האַלט אים צו, איך בעט אייך... וואַרט... לייגט אים אום... כ'וועל עפּשער אונטערלייגן וואַטע...

— הער, דזשים, — האָט זיך אָנגערופן וואַלטער קעין, — דו ביסט איצט צו נערוועז. דער יונג גייט אָפּ מיט בלוט.

— וואָס זאָל איך טאָן? — האָט ער געקוקט אַף וואַלטער קעין אומבאַהאָלפן.

— די בעסטע זאַך: רוף צו דר. וואַלטאָן.

— כ'ווייס ניט, צי ער וועט קומען, קעין, — האָט ער אַ קרום געטאָן דאָס פּאָנים ווי אַ זעקס־יעריק אינגל צום וויינען.

— ווען קומט ער אין אָפּיס?

— זיין צייט איז פון צען ביז צוועלף און פון צוויי ביז פיר.

— יעזוס קריסטוס, וואָס־זשע טוסטו אין אַן ערנסטן פאַל?

— ער איז מעכויעוו צו קומען ווען מען רופט אים, אָבער ער קומט ניט. ער האָט צופיל אייסאָקים: „ריעל־עסטייט״־געשעפטן און אַנדערע זאַכן.

ער האָט זיך פונדעסטוועגן שנעל צוגעזעצט צום שרייב־טיש. די צעבויגענע פינגער זיינע זיינען געווען ווייס, ווי די אַרבל פון זיין רעקל און האָבן שטאַרק געציטערט. ער האָט עס, קענטיק, ניט באַמערקט. ער האָט אַ נעם געטאָן מיט די ציטערדיקע פינגער דאָס טרייבל פון טעלעפאָן און גערופן דר. וואלטאָן. וואָלטער קעין האָט אומגעקערט זיין קאָפּ צו די טונקעלע פענצטער און געזאָגט: „איצט קאָן ער נאָך זיין אין דער היים״. דזשיימס האָט אויפגעהויבן די אויגן און אים אָנגעקוקט. ער האָט, קענטיק, ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער זאָגט. אין מויעך האָט ער געפילט אַ שטאַרקן פלאָנטער. זיינע אַלע כושים זיינען געווען אין דעם קליינינקן טרייבל, וואָס זיינע ציטערדיקע פינגער האָבן געדריקט צום אויער. ער האָט גאָרניט געהערט, נאָר אַ לאַנג, שוידערלעך־לאַנג ווידערהאָלנדיק קלינגען. ענדלעך האָט ער דערהערט עמיצן צוקומען צום טעלעפאָן — עס האָט אויפגעהערט קלינגען. ער האָט דערהערט א פרויען־שטים, אירע, די דאָקטאָרשעס. „העלאָ! העלאָ!״ — האָט זי געזאָגט. ער האָט איר אַלץ דערציילט. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ שלוכץ צו טאָן אין טעלעפאָן אַריין. די דאָקטאָרשע האָט געענטפערט מיט באַדויערן, אַז דער דאָקטאָר איז אַרויסגערופן צו אַ קינפעטאָרן און אַז זי וועט אים לאָזן וויסן אַזוי שנעל, ווי זי וועט מיט אים קומען אין קאָנטאַקט. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז ניט עמעס. דאָס זעלביקע זאָגט זי אַלע מאָל. און ער ווייסט, אַז ער פאָרט באַזאָרגן זיינע „ריעל־עסטייט״־געשעפטן. אָבער איצט איז דאָך נאָך צו פרי. יעזוס, איצט איז דאָך נאָך פרי...

ער איז אויפגעשטאַנען פון אָרט און שנעל צו צום פאַרוואונדעטן. ער האָט דערפילט דעם ווייטיק פון אַ פּאַראַליזירטן, וואָס וויל באַוועגן מיט די אייוורים און קאָן ניט. אַ ספּאַזמישער קראַמף האָט אים אַ כאַפּ געטאָן אין האַלדז. ער האָט דערזען, ווי די טיר פאַרמאַכט זיך און אַף דער רעגע פאַרשטאַנען, אַז קעין האָט אַרויסגעשיקט זיינע מענטשן. ער איז צוריק צו צום טעלעפאָן אַנטשלאָסן.

ער האָט גערעדט אין טרייבל ענערגיש און צודרינגלעך:

— ער גייט אָפּ מיט בלוט... — האָט ער געזאָגט.

די דאָקטאָרשעס שטים האָט אים געקלונגען אין אויער, אים געדרילעוועט טיף אונטערן מאַרך מיט אַ קוויטשל:

— יאָ... אָבער דזשימי... ער איז דאָך ניטאָ אינדערהיים!

— ער גייט אָפּ מיט בלוט, — האָט ער ניט אָפּגעלאָזט, אָטעמדיק שווער, — יעזוס...

עס האָט אים באַשלאָגן אַן אַנגסט און די דאָקטאָרשע האָט אַלץ־אין־איינעם איבערגעכאַזערט:

— אָבער דזשים, דזשימי, ער איז דאָך ניט אינדערהיים.

— אַ ראַכמאָנעס, אַ ראַכמאָנעס אָף אַ מענטשן...

— יאָ, ריכטיק, איך אַליין קאָן דאָך גאָרנישט טאָן.

— אַ מענטשנס לעבן איז אין קאָן!

עמיצער האָט איבערגענומען דעם טעלעפאָן. ער האָט דער־הערט אַ מידע, מענלעכע שטים:

— כ׳האָב אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק, דזשים. באַגרייף... יאָ... יאָ... ריכטיק... ריכטיק... איך פיל מיט דיר... ס׳איז נאָך קיין צוואַנציק מינוט ניט, אז איך בין אַריין אין בעט. מיר האָבן געהאַט אַ באַנקעט פאַר מיסטער דזשיימס קענעדי וואָס האָט דעם היינטיקן יאָר געמאַכט אַ פאַרמעגן אין „ריעל־עסטייט". איך וועל דעם כוילע טאָן מער שאָדן. בעסער רוף אָפּ דאָקטאָר מאָנטגאָמערי דזשעפערסאָן פון דער צענטראַלער ערשטער־הילף־סטאַנציע אין דער געביידע „א". ער איז איצט אין אָפּיס. גוט, דזשים, איך אַליין וועל אים צורופן פאַר דיר.

דזשיימס איז אויפגעשטאַנען פון אָרט מיט אַ צוקנדיק מויל פון יעסורים. ער האָט געזאָגט וואָלטער קעין, אַז דר. דזשעפערסאָן פון דער צענטראַלער ערשטער־הילף־סטאַנציע וועט באַלד דאָ זיין. וואָל־טער קעין האָט זיך געכידעשט, וואָס עס איז אים באַלד ניט איינגעפאַלן אים צו רופן. דערביי האָט ער אָוועקגעלייגט דעם בלאַנק פאַפיר, אַ זאָג טוענדיק ער זאָל אים אויספילן — די איינצלהייטן וועט ער אים געבן שפּעטער, ווייל איצט דאַרף ער אַריין דאָרט אין פאַבריק.

דזשיימס האָט נערוועז זיך אַ נעם געטאָן מיט די צעבויגענע פינגער פאַרן פּאָנים. ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו די פענצטער; די

שויבן זיינען שוין געווען העל. ער האָט זיך מיטאַמאָל אומגעקערט צום פאַרוואונדעטן:

— פרעד... — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — פרעד...

ער האָט ווילד אַ לויף געטאָן אין מיטן צימער און געוואָלט אַרויסכאַפּן דעם מאַנטל פון שראַנק און אַליין לויפן אין דער צענט־ראַלער ערשטער־הילף־סטאַנציע. אין דער רעגע האָט זיך גראָד אָן עפן געטאָן די טיר און עס איז אַריינגעקומען אַ מענטש מיט פאַרקאַ־טשעטע נאַקעטע אָרעמס און מיט אַ בלוטנדיקן פינגער. טייקעף נאָכדעם האָט זיך געעפנט די טיר און עס איז נאָכגעקומען אַ צווייטער מיט אַ פאַרבונדענער האַנט. עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן די טעג־לעכע פּראָצעדורע ווען דער צימער ווערט אַמאָל אין צוויי מינוט אָנגעפילט מיט פאַרוואונדעטע.

עפּעס איינער וואָס ער האָט לאַכלוטין ניט געזען פון וואַנען ער האָט זיך דאָ דערנומען, איז מיטאַמאָל צו אים צוגעשטאַנען ער זאָל אים געבן אַ צושריפט צו זיין אויפזעער ער זאָל אים אַהיימלאָזן, ווייל ער איז קראַנק. ער האָט לעכאַטכילע ניט פאַרשטאַנען וואָס ער פאַרלאַנגט און נאָכדעם אַף אים אַ קוק געטאָן און געזאָגט: „איך קאָן דיר אַזאַ צושריפט ניט געבן. כ׳דאַרף דיר נעמען די טעמפּע־ראַטור פריער״, — און ער האָט אַ קלער געטאָן וואו די טערמאָמע־טערס שטייען. יענער האָט דערווייל נאָכאַמאָל איבערגעכאַזערט זיין באַקאָשע, צוגעבנדיק מיט אַ ראַכמאָנעסדיקן פּאָנים: — כ׳בין קראַנק, דאָקטאָר. ער האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז ער איז ניט קיין „דאָקטאָר״, אָבער ער האָט בלויז אַ צי געטאָן מיטן מויל און אַרויסגערעדט מיט אַ שווערן אָטעם:

— כ׳בין איצט אַליין קראַנק, דזשעק.

ער איז מיטאַמאָל צו צום אייזערנעם שראַנק און אַרויסגענומען זיין מאַנטל. אינמיטן צימער האָט ער זיך געוואָלט אומקערן. אַ טאָפּלטער געדאַנק האָט אים אַ באַוועג געטאָן. נאָר פּלוצלונג האָט ער אָן אָנטשלאָסענעם שפּאַן געטאָן צו דער טיר.

אַקוראַט אין דער מינוט האָט זיך אַ דריי געטאָן דאָס הענטל. אַ מאַטער שאָטן האָט זיך אַ באַוועג געטאָן אַף דער שויב. די טיר האָט זיך אָן עפן געטאָן און עס איז אַריין אים אַנטקעגן אַ מיטל־וואוקסיקער מענטש אין די הויכע פערציקער, אין אַ טונקעלן מאַנטל,

ווי זײנער, און אין ווײסע הויזן, ווי זײנע; אַ מענטש מיט אַ צעבויגענעם קאַפּעליוש און בלעכענע אויסגעבויגענע ליניעס אַפן פּנים, מיט אויסגעבויגענע, ברוינע וואָנצן און קײלעכיקע פיש־אויגן. ער האָט אַ זאָג געטאָן בײז:

— איך בין דאָקטאָר דזשעפערסאָן!

דער טאָג האָט זיך אַף דזשיימסן אַרויפגעצויגן שווער און אומדערטרעגלעך. דער צימער איז געווען אָנגעפילט מיט טאָג־ליכט. די זון האָט געבלאַנקט אַף די שויבן. דער ברודיקער שנײ פון הויף האָט אַרײַנגעקוקט דורך די פענצטער.

ער האָט שוין געהאַט קלאָרע אינפאָרמאַציע פון דער צענטראַלער ערשטער־הילף־סטאַנציע: פרעדן האָט מען אָפּגעשיקט אין „סט. פּאָלס" האָספּיטאַל; זײַן לאַגע איז געווען אַן ערנסטע.

זײַן גאַנצער קערפּער האָט געווייטיקט מיט דעם ווייטיק פון זײַנע צעבויגענע פינגער־גלידער, אין דעם פרימאָרגן. ער האָט נאָך ניט באַנומען די סיבעס פון די אַלע פּאַסירונגען, אָבער אַ וואָרים האָט אים שוין געטאָטשעט אין האַרץ און פאַרזייט אַ קערנדל פון ספּיקעס אין דער דורכאויסיקער נויטיקייט פון דער קלײנער אינסטיטוציע אין דעם ווינקל פון דער געביידע מיטן ווײסן מעבל און רויטן צײלעמל אַפן גלאָז פון דער טיר און אין אים אַליין דאָ, אין די ווײסע קלײדער זײנע, וואָס האָבן אים געמאַכט קוקן אַף זיך מיט דעם ערנסט ווי אַף אַ שעליעך, וואָס ברענגט שנעלע הילף די צופעליק־געליטענע. עס האָט אין אים געבראַכן אַן ראַכמנעס אָט דער באַגריף און ער האָט געהאַט צאַר דערפון. די דערשיטערונג איז פאַר אים אין דעם מאָמענט געווען צו טיף און זײַן קאָפּ, וואָס איז ניט געוואוינט געווען קיין סאַך צו טראַכטן — צו צעטומלט, ער זאָל אַף דער מינוט דאָס אַלץ קאָנען באַנעמען קלאָר. און אָט דאָס אַלץ איז אַרומגעוועבט און פאַרשלונגען געוואָרן אין נעפּל פון זײַנע יעסורים, פון זײַן שרעק און פון ראַכמאָנעס צו זיך אַליין, צו דעם יונג פרעדי און צו זײַן שוועסטער דייזי.

ער האָט געפּיבערט און געטאָן זײַן אַרבעט מאַשינאַל. עס האָבן זיך געדרייט פאַרוואונדעטע אַרײַן און אַרויס און ער האָט אָפּגעפאַר־

טיקט יעדן איינעם געדולדיק, שווייגנדיק, רואיק און שטיל, ווי גאָר־נישט. נאָר טיף אינעווייניק אין האַרץ האָט עפּעס געזאָדן און דער קאָפּ האָט אים געטראָגן, ווי אין אוילעם־האַטויהו. ער האָט לעגאַמרע ניט באַמערקט בעאייס דר. וואַלטאַן איז אַריינגעקומען, האַגעם ער איז געווען אַן אָנזעענדיקער מענטש, גרויס און ברייט, מיט אַ ברייטן מאַנטל און אַ אידישן אויסזען. ער האָט אים ערשט באַמערקט בעאייס ער איז שוין געשטאַנען באַם שראַנק אָן הוט און אויסגעטאָן דעם מאַנטל. ער האָט אים שטיל געגריסט און דער דאָקטאָר האָט אים פריינט־לעך געענטפערט. ער האָט אויסגעדריקט זיין האָפענונג, אַז דער דאָק־טאָר פילט איצט בעסער, אַף וואָס דער דאָקטאָר האָט מאַסקים געווען און אים געפרעגט ווי ע ר פילט. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק און דער דאָקטאָר האָט אים געראָטן צו נעמען „קאַסאַקראַ קווייניך". ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און געפרעגט: „האָסט דו גענומען, דאָקטאָר?" און דער דאָקטאָר האָט געענטפערט: „ניין, מיר איז אַזוי בעסער געוואָרן".

ער האָט דעם גאַנצן טאָג זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק אין קאָפּ: וואָס וועט ער זאָגן דייזין, ווען ער וועט אַהיימקומען? אָבער בעאייס ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער דייזין ניט געטראָפן אינדערהיים. ער האָט זיך אַ טראָג געטאָן אַ פּאָר מאָל אַרום הויז און פאַרריסן דעם קאָפּ צו זיינע פענצטער. דער אָוונט איז שוין געהאָט צוגעפאַלן און אין די פענצטער איז געווען פינצטער. אין קאָפּ האָט אים נאָך געשומט דער פאַרגאַנגענער טאָג. ער האָט ניט גע־קאָנט באַגרייפן פאַרוואָס עס זאָל אויבן נאָך איצט זיין פינצטער: מייבל דאַרף דאָך איצט פאַר אים צוגרייטן עסן. וואו־זשע זיינען די קינדער? אויך אונטן באַ דייזין איז דאָך פינצטער. געלויכטן האָט זיך בלויז אין פאַרנטדיקן צימער. זען ווער ס'איז דאָ, האָט ער ניט געקאָנט: ביידע שטאָרן זיינען אַראָפּגעצויגן. ער האָט דערהערט די צוויי אינגלעך זיינע, יודזשין און פאַלן. אַהאַ, דאָ זיינען זיי, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. ער האָט אויך דערהערט דעם קליינעם טאָמין, פרעדס דריי־יאָריק אינגעלע, לאַכן. דער עלטערער, יודזשין, האָט אים געעפנט די טיר בעאייס ער האָט אַ קלונג געטאָן און דער קלענערער, פאַל, איז שנעל אויפגעשטאַנען פון דיל וואו ער האָט זיך געשפּילט מיטן קליינעם טאָמין און ביידע צוזאַמען האָבן אים דער־

ציילט אַז פרעד איז פאַרוואונדעט געוואָרן באַ דער אַרבעט און ער איז אין סט. פּאָלס האָספּיטאַל, און אַז די מאַמע און טאַנטע דייזי זיינען אַוועק אים זען. די אויגן האָבן אים אַ זעץ געטאָן פון קאָפּ. „ווער האָט זיי דאָס געזאָגט?“ — האָט ער געפרעגט, און אַ בעט געטאָן די אינגלעך זיי זאָלן זיין גוט און אַכטונג געבן אַפן קליינעם טאָמין און ער איז שנעל אַוועק.

דריי אַזייגער פאַרטאָג איז פרעד געשטאָרבן. אינדערפרי האָט מען אים אַהיים געבראַכט און שפּעטער האָבן זיך שוין אויפגעקליבן קרויווים און פריינט. ס׳איז געווען שאַבעס און שפּעט נאָכמיטאָג זיינען אַסאַך פריי געווען פון דער אַרבעט. מען האָט זיך גענומען באַזאָרגן אַלץ וואָס ס׳איז נויטיק געווען. מיד און צעבראָכן פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט איז דזשיימס אַריינגעפאַלן אין אַ מין הינערפּלעט: ער איז קעסיידער געזעסן איינגעקאָרטשעט אין אַ ווינקל אַף דער סאָפע און גלייכגילטיק זיך צוגעקוקט צו אַלץ וואָס מ׳טוט.

אין שטוב איז אָנגעגאַנגען אַ וויקיעד וואָס אָנצוטאָן דעם מעס. מען האָט געעפנט דעם קליידער־אַלמער און אַרויסגעלייגט אַף אַ שטול דעם פאַרשטאָרבענעמס מאַלבושים. צווישן די אָנווענדיקע איז אויך געווען פיט האַרפער, אַ מילכאָמע־אינוואַליד אָן פיס, זיינער דזשיימסעס און פרעדס אַ יוגנט־פריינט, מיט וועמען פרעד איז צוזאַמען אַריבער דעם אָקעאַן זיך שלאָגן מיט די דייטשן. זיין האַנט האָט באַרירט דעם דיל, ווי אַ וועסלע דעם וואַסער ווען ער האָט זיך אומגעשיפּט אַף זיין וועגעלע. ער האָט אַ פאָר־געטאָן צום שטול און אַ ווייז־טוענדיק אַף פרעדס זעלנערשן אוניפאָרם מיטן אייזערנעם העלמעט, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „דאָס דאַרף מען אים אָנטאָן! עס וועט זיין אַ נאַציאָנאַלע ערע“... עפּעס עמיצער איז געווען דאַקעגן, מאַכמעס ער איז ניט געפאַלן אַפן שלאַכטפעלד, נאָר באַ דער אַרבעט, און דעריבער פאָרגעשלאָגן אים אָנצוטאָן זיינע אַרבעט־קליידער. דזשיימס האָט לעכאַטכילע געמיינט, אַז דאָס איז אַל גאָנטשעס, צום סאָף האָט ער געזען, אַז ס׳איז דער הויכער פרענק. עפּעס עמיצער האָט אַ ברום געטאָן מיט קאַעס, אַז ער האָט ניט קיין סייכל צו פאַרשטיין, אַז

דאָס איז אַן אומקאָוועד פאַר אַ מעס. לעסאָף האָט ער געהערט, ווי אַלע האָבן מאַסקים געווען אים אָנצוטאָן דעם זונטיקדיקן גאַרניטור.

דאָס אַלץ האָט זיך אים אַוועקגעלייגט שווער אַפן קאָפּ און אים געדריקט. דערווייל איז צוגעפאַלן די נאַכט און מען האָט ליכטיק געמאַכט אין שטוב. און בעאייס מען האָט איבערגערוקט דעם טיש מיט די שטולן און געמאַכט פּלאַץ פאַרן אָרן, האָט זיך אויפגעהויבן אַזאַ ראַש ווי מען וואָלט אים געפאָרן איבערן מויעד.

נאָכדעם זיינען די מענער געזעסן באַם טיש שווייגנדיק, מיט טרויער און באַדויערן אַף זייערע פּענימער. פּעטריק פין האָט אים געבעטן ער זאָל צוגיין צום טיש און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט: „גיין, צו וואָס, — האָט ער געזאָגט, — ס'איז מיר גוט דאָ“...

עפּעס איינער האָט זיך אָנגערופן:

— אַזאַ יונג — נאָכאַלעם אַ גאָט־פאַרדאַמטע זאַך... מען גייט אַריין אין פאַבריק — נאָכאַלעם גייט מען דאָך ניט אין שלאַכט! מען גייט אַריין אין פאַבריק און מען ווייסט ניט צי מען וועט צוריק אַרויסגיין.

און נאָך איינער האָט געזאָגט:

— און פון שלאַכטפעלד איז ער גראָד צוריקגעקומען אַ געזונ־טער. און מאַזלדיק איז ער געווען: פון זיין רעגימענט זיינען צוריק־געקומען געציילטע און — ער צווישן זיי.

און נאָך איינער האָט געזאָגט:

— און ער איז דאָ אומגעקומען! וואָס־זשע איז דער אונטער־שייד?

און אַלע האָבן מאַסקים געווען:

— יאָ, דאָס איז זייער ריכטיק.

צומאָרגנס, זונטיק אינדערפרי, איז געווען די לעווייע. מען האָט פרעדין מעקאַבער געווען לויט ווי עס פּירט זיך באַ קריסטן. אַלע זיינען געווען אַף דער לעווייע, אַכוץ פּיט האַר־פּער, וועלכער איז וואַרשיינלעך אַראָפּ אַף אָקלאַנד עוועניו, וואו ער רוקט זיך אָפּט אום אַף זיין וועגעלע מיטן קליינעם הינטל זיינעם וואָס טראָגט צוגעשפּיליעט צום רוקן אַ בלעכן קעסטעלע אין וועלכן גוט־

האַרציקע פאַרבייגייער וואַרפן אַריין קליינע מאַטבייעס. מאַנטיק איז דזשיימס שוין צוריק געווען בא דער אַרבעט. אינדערפרי איז ער געווען שטאַרק פאַרנומען, נאָר נאָכמיטאָג האָט ער זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט צוויי פאַרוואונדעטע און איז אַ ווײַלע געבליבן אין צימער אַליין. ער האָט זיך צוגעזעצט צום שרײַב־טיש.

ער האָט אַרײַנגענומען זיין קאָפּ אין די דלאָניעס, ווי ער וואָלט אַרײַנגעלייגט זיין טאַכלעס און דעם זין פון זיין לעבן אין די דאָזיקע צוויי פאַרקריפּלטע הענט זיינע און געטראַכט, געטראַכט: —

עס איז געווען אַ גרויסער, אַן אומענדלעכער פּלאָנטער פון וואָס ער האָט ניט געקאָנט אַרויס.

עס איז אים נאָר קלאָר געווען:

— איצט וועט דייזי דאַרפן גיין אַרבעטן. און וואו וועט זי קריגן אַרבעט? און בא וואָס?

— אין מילכאָמע־צייט האָט זי געאַרבעט אין די מאַשין־אָפּטיילונגען. איצט שטעלט מען דאָך ניט אַן קיין פרויען.

און נאָך אַ זאַך:

— און וואָס וועט זי טאָן מיט טאָמין? טאָמין וועט האַלטן מייבל.

און נאָך עפּעס:

— וואָס וועט ער טאָן מיטן הויז? ער וועט דאָך ניט קאָנען צאָלן דעם היפּאָטעק.

און נאָך עפּעס, און נאָך עפּעס, און נאָך און נאָך, — עפּעס שווערס: אַ קנויל אין מויעך, אַן ענגערער — אונטערן האַרצן...

ער האָט זיך אויפגעשטעלט; עס איז אים ענג געוואָרן אין צימער.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, זי געעפנט:

דער אימפּעטדיקער גערויש פון די מאַשינען האָט זיך אים אַ טראָג געטאָן צו די אויערן. שלאַנגען־קאָנווייערס האָבן זיך גערוקט פון אַלע זייטן. אַן אומענדלעך קריכן פון שטאָלענע קייטן. אַ פּאַטשן פון רימענס. אַ וואַלד מיט רימענס! עס האָבן געדונערט מעכטיקע האַמער־קלעפּ איבער דער גאַנצער געביידע. אַ גיגאַנטיש שטויסן פון אויטאָמאַטישע שטאַמסן. די געביידע איז געווען איבערגעשפּאָלטן אין צווייען און די אויבערשטע עטאַזשן — אָפּענע, ווי ריזיקע גאַלעריס. אין דערמיט זיינען אַריינגעקומען פּראַכט־צוגן, וואָס זיינען אויסגע־

לאָדן געוואָרן פון אַ גרויסער „קריין" וואָס האָט זיך באַוואויגן הויך, אונטער אַ גלעזערנעם דאַך. עלעקטרישע וועגעלעך זיינען אומגעלאָפן אין אַלע זייטן מיט אַ פּייפעריי און גרילצעריי מען זאָל זיי אָפּטרעטן דעם וועג. די געביידע איז געווען אין שוואונג פון אַרבעט. מענטשן, מענטשן אויסגעטאָנענע, מיט נאַקעטע אָרעמס באַ די רעדלעך. געשריי, געלאַרם. דער טומל — סאַקאָנעסדיק. עס האָט אים אַ כאַפּ געטאָן, אַ הויב געטאָן, זיין יעדן נערוו אָנגעשפּיצט און ער האָט זיך אַ לאָז געגעבן צווישן די מאַשינען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָרט וואו פרעד האָט געאַרבעט. ער האָט אַ ווײַלע אַריבערגעקוקט דורכן „קאָנווייער" און אַ זאָג געטאָן:

— העלאָ, קעין!

— העלאָ, דזשימי!

— קיינער אַרבעט נאָך ניט אַף דער מאַשין, הע?

— אָ, ווער זאָגט עס? דאָס איז די מאַשין.

— דאָס איז זי?

— יאָ.

— יעזוס...

ער איז אַרונטער אונטערן „קאָנווייער".

— דו ביסט ניט געווען דערביי ווען דאָס האָט געטראָפן, הע? ווי האָט עס געטראָפן?

עס איז צוגעקומען טאָמאַס פּאָוערס, דער געהילף־פאַרוואַלטער פון דער געביידע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן „קאָנווייער". דער ברוינער סוועטער אונטער זיין טונקעלן רעקל, האָט פאַרשטעלט אַ העלפט פון זיין ווייסן קראַגן און אים געמאַכט אויסזען ווי אַ גייסט־לעכן. זיין רעכטע באַק איז געווען אויפגעשוואָלן פון דעם קיי־טאַבאַק, וואָס ער האָט געהאַלטן אין מויל. דער שוואַרצער פעפער באַם מויל איז אים אָפּגעשטאַנען האַרט און שטייף. ער האָט דורכגעקוקט דורכן „קאָנווייער" און געפרעגט:

— וואָס טוסטו דאָ, דזשים?

— אָ, איך פרעג קעינען ווי דאָס האָט געטראָפן. מיין שוואָגער איז דאָ אַנומלט דערהאַרגעט געוואָרן...

פּאָוערס האָט אַרויסגעשטעלט זיינע געלע ציין. ער האָט גע־שמייכלט:

— וועסט נאָך איינריכטן דיין ווייסן גאַרניטור דאָ... זע, דיינע ווייסע שיך שטייען אין אויל...

עס איז מיטאַמאָל צוגעקומען מר. סאָליוואַן. זיין מעכטיקע פי־גור האָט אַריבערגעשטעקט איבערן „קאַנווייער“. זיינע פליישיקע באַקן האָבן שיר ניט אויפגעפּלאַצט. זיין רויטער קאַרק וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון ווייסן קראַגן, האָט געשפּראָצט מיט בלוט. זיינע גרויע אויגן האָבן געשאָסן מיט פייער. ער האָט ווילד אַ קוק געטאָן אַף דזשיימסן און אַף מר. פּאַוערס.

— וואָס איז דאָ? — האָט ער געפרעגט.

פּאַוערס האָט ווידער אַרויסגעשטעלט זיינע געל ציין:

— דזשימי זוכט אונטער אַן אומגליקס־פּאַל...

מר. סאָליוואַן האָט שווער געאָטעמט. דזשיימס איז שנעל אָפּער פון אונטערן „קאַנווייער“. מר. סאָליוואַן האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט זיין שטרענגן קוק פון קאָפּ ביז די פיס און אַ ווייז געטאָן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט:

— דאָרט איז דיין פּלאַץ! און — היט דיין ברויט!!!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין צימער איז אַריינגעקומען ביל

דאַטש, דער אויפזעער פון דער גיסעריי. ער איז געווען גרויס ווי מר. סאָליוואַן, נאָר איינגאַנצן צעוירן; מיט צוויי לויז־אַראָפּגעהאַנגענע באַקן פון אַ קרענקלעכן קאָליר. ער האָט געטראָגן אַ פּראָסט אַרבעט־העמד, ברייט צעשפּיליעט, מיטן הויכן האָריקן האַרץ אין דרויסן. ער האָט אַ גרילץ געטאָן:

— העלאָ, פּאַרקער!

— העלאָ, ביל.

— טו נאָר אַ קוק, פּאַרקער, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — כ׳האָב מיר צעריסן די האַנט באַ אַ גאָט־פאַרדאַמטן, לויזיקן מאָטאָר. — און ער האָט אים אַ ווייז געטאָן די ריזיקע, איינגעשמוצטע האַנט מיט אַ פינגער וואָס האָט שטאַרק געבלוטיקט.

דזשיימס האָט אים געהייסן אָפּוואַשן דעם שמוץ באַם באַסיין און אים דערלאַנגט אַ פּאַפּירן האַנטוכל. ער האָט איינגעטונקען דאָס

ברוינע פענזילקל אין יאַר און אים אַ שמיר געטאָן אָפן פינגער. ביל דאַטש האָט אַ כאַפּ געטאָן די האַנט און אַ געשריי געטאָן:

— יעזוס, ס׳ברענט — אַ פייער!

דזשיימס האָט אים אָנגעקוקט און באַ אים צוריקגענומען די האַנט:

— ס׳איז גאָרנישט, — האָט ער געזאָגט, — עס ברענט אויס דעם גיפט... — ער האָט ווידער געשמירט, זאָגנדיק: — מיין שוואָגער איז דערהאַרגעט געוואָרן. האָסט געהערט?

— דיין שוואָגער?

— יאָ.

— ווען?

— אַנומלט. לאַנגוואוד... האָסט אים געקאָנט? פרעד...

— וואו?

— דאָ, אין „קרענק־שעפט“ אָפּטיילונג.

— אין „קרענק־שעפט“ אָפּטיילונג?

— יאָ.

— יעזוס...

ער האָט אַרויפגעלייגט אַ שטיקל גאַזע וואָס איז טייקעף דורכגעזאַפּט געוואָרן מיט דער ברוינער פליסיקייט, אַרומגעוויקלט מיטן ווייסן באַנדאַזש, דורכגעשטאָכן דאָס שערעלע און שנעל פאַרבונדן, אַ זאָג טוענדיק: „גיב מיר דיין „בעדזש“־נומער. ער האָט אים איינגעשריבן אין בוך, זאָגנדיק:

— מר. סאָליוואַן האָט מיך פריער געסטראַשעט צו פאַרלירן מיין ברויט...

— דיך?

— יאָ. איך בין אַריינגעגאַנגען פרעגן וואָלטער קעין ווי עס האָט געטראָפן דער אומגליק.

— פאַר אים דאַרפסטו זיך היטן.

— איך האָב געמיינט: איך האָב דאָ אַ זיכערן פּאָסטן...

ער האָט זיך אַזש געטרייסלט פון אויפרעגונג:

— מיך, וואָס איך בין דאָ פאַרקריפּלט געוואָרן אָףביידע הענט...

— ביסטו דאָ פאַרקריפּלט געוואָרן?

— וואו דען ? דו ווייסט עס ניט ?

— כ׳ווייס, אַז דו ביסט פאַרקריפּלט, אָבער איך ווייס ניט וואו דו האָסט זיך עס געטאָן.

— זיכער דאָ. איך האָב דאָן געאַרבעט אין דער געביידע „סי״. די געביידע „קיי״ איז נאָך דאָן ניט געווען.

— יעזוס, ס׳האָט געמוזט זיין לאַנג צוריק.

— אין מילכאָמע־צייט. האָסט דו שוין דעמאָלט דאָ געאַרבעט ? מ׳האָט דאָן אויסגעאַרבעט צוועלף־צאָליקע קאַנאָנען־קוילן. גאָט, אַלע הויפן זיינען געווען פאַרלייגט מיט די קוילן. מענער זיינען אין לאַנד ניט געווען גענוג און קוילן האָט מען באַדאַרפט האָבן אַסאַך. דעמאָלט האָבן זיי איינגעפירט דעם לויזיקן „קאָנווייער״. און איך בין געווען אַ גאָט־פאַרדאַמטער נאַר און געוואָלט נאָכהאַלטן דעם אימפּעט פון שטאָמס... מיין ווייב איז דאָן געלעגן אין קינפּעט...

דר. וואָלטאָן איז שנעל אַריינגעקומען. ער האָט טייקעף אויס־געטאָן דעם הוט און האַלטנדיק אים אין דער האַנט, האָט ער גע־פרעגט, מיט אַ דעליקאַט שמייכעלע :

— וועגן וואָס, אייגנטלעך, איז די אויפרעגונג ?

— מיין שוואָגער האָט דאָ פאַרלוירן זיין לעבן, איך האָב דאָ פאַרלוירן מיינע הענט און איצט וועל איך פאַרלירן מיין פאָסטן...

— האָסט ניט פאַרלוירן דיינע הענט און וועסט ניט פאַרלירן דיין פאָסטן. וואָס מאַכסטו זיך צו נאַר, דזשים.

דזשיימס האָט אַרויסגעצויגן זיין ווייס טאַשן־טיכל, זיך גוט אויס־געשנייצט די נאָז און אויסגעווישט די אויגן.

דער דאָקטאָר האָט אַף אים פאָטערלעך אַרויפגעלייגט די האַנט :

— נאָ, לאָז זיין גענוג, דזשים. ביסט נאָך אַלעם אַ אינגל...

— אַזאַ גאָט־פאַרדאַמטער לויז !...

— נו, באַרואיק דיך...

ביל דאָטש איז אַוועק און דר. וואָלטאָן האָט אַריינגעהאַנגען זיין מאַנטל אין שראַנק, זאָגנדיק :

— איך ווייס דאָך גאָרנישט וואָס דאָ איז געווען.

—מר. סאָליוואַן האָט מיך געסטראַשעט צו פאַרלירן מיין ברויט.

— נאָ, נעם עס ניט ערנסט.

דער דאָקטאָר האָט אָנגעטאָן דאָס ווייסע סאַניטאַר־רעקל, זאָגנ־דיק:

— אַלץ פּאַסירט ווען איך בין ניטאָ. ווען איך קום איז שוין אַלץ פאַריבער.

דזשיימס האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט אָפן שטול:

— איך בין שוין אַנטוישט פון אַלץ־מיט־אַנאַנדער...

— דו דאַרפסט ניט זיין אַנטוישט. דערוויל האָט דאָך נאָך גאָרנישט פּאַסירט.

דער דאָקטאָר איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַרויסגעקוקט. ער האָט פאַרשטעקט די הענט אין די אונטערשטע הויזן־קעשענעס, פאַרשאַרצנדיק דאָס ווייסע סאַניטאַר־רעקל אַזוי, אַז ער איז אויסגעקומען צו דזשיימסן אין ניט קיין פיינער פּאָזע, אָבער דזשיימס האָט זיך, ערשטנס, ניט געמאַכט דערויס, צווייטנס, געפירט די אויגן איבער די ווענט.

— איך וואונדער זיך ווי זיי מאַכן די אילוסטראַציעס, — האָט ער געזאָגט.

— וועלכע אילוסטראַציעס?

— די דאָ אָף די ווענט. מען שטייט דאָך נישט גרייט מיט אַ פאָטאָגראַפישן מאַשין ווען עס טרעפט אַן אומגליק.

— ניין, זיכער ניט. עס ווערט געמאַכט לויט דעם ווי עס ווערט איינגעשריבן אין די רעקאָרדס.

— וואָרנונגען, וואָרנונגען: היט זיך! היט זיך! וואו דו ווערסט גיין, דאָקטאָר, אין אַלע געביידעס, זיינען זיי צעהאַנגען. און קיינער וויל דאָך ניט דערהאַרגעט, אָדער פאַרקריפּלט ווערן.

— ניין, ווילן וויל עס קיינער ניט, אָבער יעדער איינער טראַכט: מיך וועט עס ניט טרעפן.

— יעזוס, איך וואָלט ניט וועלן זען זיי זאָלן אַרויסהענגען אַן אילוסטראַציע פון פרעדן.

— זיי מאַכן ניט פון יעדן פאַל אַן אילוסטראַציע.

— זע, דאָקטאָר: אַ מענטש טראָגט אַ לייטער. אַ צווייטער לויפט אַן אָף די אייזערנע שפּיצן און נעמט זיך אַרויס די אויגן... צי דאָס — טו אַ קוק, דאָקטאָר: מ׳הויבט אויף אַ מאַשין אָף קייטן. די קייטן לאָזן זיך אויף און די מאַשין צעדריקט מענטשן...

—דאָס איז ניט קיינעמס שולד.

— די אילוסטראַציעס ווייזן קיינמאָל ניט די שולד, אָבער איך ווייס זי. איך בין דאָך אַליין אַ קאָרבן דערפון. זע מיינע הענט, דאָקטאָר!

— איך ווייס, אַז דו ביסט פאַרקריפּלט.

— פון וואָס? האָב איך געוואָלט ווערן פאַרקריפּלט? ווער קאָן נאָכהאַלטן דעם טעמפּ וואָס מען האָט איינגעפירט אין מילכאָמע־צייט און מען האַלט אַזוי אָן, היינט נאָך עפּשער מער ווי דעמאָלט?

— מיר לעבן אין אַ גרויסער צייט, דזשימי. ווער עס קאָן ניט נאָכהאַלטן דעם טעמפּ פון דער צייט, דאַרף אָפּטרעטן דעם וועג. דאָס איז אַ געזעץ. איצט ווערן געטאָן גרויסע זאַכן. אַמאָל האָט זיך גע־שלאָגן אַ פאָלק מיט אַ פאָלק, איצט שלאָגט זיך אַ וועלט! צו וואָס האָט מען באַדאַרפט די מילכאָמע־פּראָדוקציע? — כאָרעוו צו מאַכן אייראָפּע. צו וואָס דאַרף מען די נאָך־מילכאָמע פּראָדוקציע? — צוריק אויפצובויען אייראָפּע. ס'איז דאָך די זעלביקע זאַך. מיר גע־פינען זיך אין אַ גרויסאַרטיקער פּאָזיציע: מיר שטייען אַף דער זייט אָקעאַן און באַזאָרגן די זאַך דאָרט! דאָס איז דאָך אַ זעלטענע געלעגנ־הייט. און געלעגנהייטן, מיין אינגל, ווידערהאָלן זיך ניט אַזוי אָפּט... עס טרעפן אומגליקן, יאָ, אָבער דאָס איז דאָך אומפאַרמיידלעך. באַ אַזאַ גרויסער פּאַסירונג מוז עס דאָך טרעפן.

— אָבער דאָקטאָר, איך האָב, לעמאָשל, געקויפט אַ הויז; מיט נאָך איינעם... בעשותפעס... יענער איז איצט ניטאָ מער... איז דערהאַרגעט געוואָרן... איך וועל אַליין ניט קאָנען אָנהאַלטן דאָס הויז.

— נו, דאָס איז דיין זאַך.

— אָבער איך וועל דאָך ניט קאָנען צאָלן.

— נאַטירלעך וועט קיינער ניט צאָלן פאַר דיר.

— גייט דאָס הויז צוריק איבער צום פריערדיקן אייגנטימער?

— גאַנץ געוויס.

— און דאָס געלט וואָס איך האָב איינגעצאָלט?

— דאָס איז, נאַטירלעך, רייוועך פון דער „ריעל־עסטייט"־קאָמ־פּאַני.

די טיר האָט זיך האַסטיק אָן עפן געטאָן און דריי מענטשן האָבן אַריינגעטראָגן אַ פּאַרוואונדעטן. דאָס בילד האָט אַזאַ בליץ געטאָן דזשיימסן אין מויעך, אַז ער איז שיר ניט אַראָפּגעפאַלן פון שטול. ער האָט זיך געוואָלט אַ הויב טאָן פון אָרט, נאָר דער דאָקטאָר האָט זיך שנעל אומגעקערט אַ זאָג טוענדיק:

—דו זיץ. ביסט אויפגערעגט. איך בין דאָך איצט דאָ אין אָפּיס.

דער דאָקטאָר האָט אָפּערגעפירט פון אונטערן ליילעך דאָס בעטל, אַף וואָס די מענטשן האָבן אַראָפּגעלאָזט דעם פּאַרוואונדעטן. דזשיימס האָט אים ניט געקאָנט זען: די מענטשן האָבן אים פאַר־שטעלט. ער האָט אים נאָר געזען, ווען זיי האָבן אים אַראָפּגעלאָזט אָפן בעטל: די נאָז, דער שטערן און דער גרעסטער טייל פון פּאָנים איז געווען פאַרגאָסן מיט בלוט. דער דאָקטאָר האָט פאַנאַנדערגענומען זיינע האָר און זיך שטאַרק איינגעקוקט. ער האָט איינגענעצט אַ שטיקל גאַזע אין אַ פליסיקייט און עס צוגעלייגט צו דעם פלאָץ, פרעגנדיק ווי דאָס האָט געטראָפן. די מענטשן האָבן אים דערציילט אַלץ אַף אַמאָל. זיי זיינען געווען שטאַרק אויפגערעגט; גערעדט האַסטיק, אין אַ שפּראַך וואָס איז שווערלעך געווען צו פאַרשטיין, מיט ברייטע זשעסטיקולאַציעס, ווייזנדיק עפּעס אַרויף. דער דאָקטאָר האָט אַ כאַפּ געטאָן די אויגן אינדערהויך ווי ער וואָלט דערזען פליען אַ פויגל, אָדער ווי ער וואָלט וועלן כאַפּן וואָס. זיי זאָגן, אָבער ער האָט עס, קענטיק, ניט פאַרשטאַנען אַקוראַט. דזשיימס האָט גענוי פאַרשטאַנען: די „קריין" האָט אַרויפגעטראָגן מאַטעריאַלן צו די העכערע עטאַזשן; אַ רעלס האָט זיך אַרויסגעגליטשט און אַראָפּגעפאַלן. דער דאָקטאָר האָט אַרויסגענומען אַ בריטווע און אַוועקגעגאָלט באַ דעם פאַרוואונ־דעטן די האָר אָפן קאָפּ. ער האָט צעוויקלט אַ באַנדאַזש, צולייגנדיק בעאייס־מייסע אָן אויער צום פאַרוואונדעטנס ברוסט און באַ אים אַ נעם געטאָן דעם פּולס. ער איז מיטאַמאָל געבליבן שטיין שטיל, קנאַקנדיק מיטן צונג. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם באַנדאַזש אַ זאָג טוענדיק:

— שיקט אַריין אייער אויפזעער.

די מענטשן זיינען אַוועק. דער דאָקטאָר האָט אַרונטערגעפירט דעם „ווהילער" אונטערן ליילעך. ער איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן

און געדופן די צענטראַלע ערשטע־הילף־סטאַנציע.

דזשיימס האָט דאָס אַלץ געזען. זיין האַרץ האָט זיך באַוואויגן האַסטיק. ער האָט שווער געאָטעמט.

יענעמס אויפזעער איז אַריינגעקומען. דער דאָקטאָר האָט אים אויסגעפרעגט און אַלץ פאַרשריבן. דער מענטש האָט ניט אראָפּגענומען די אויגן פון דאָקטאָרס פּנים, וואו ער האָט זי אַ פּיר געטאָן האָט ער מיטגעפירט די אויגן; אַ ווייז געטאָן צום ליילעך, האָט ער זיי אַ קער געטאָן צום ליילעך.

נאָכדעם איז דער מענטש אַוועק. דער דאָקטאָר האָט זיך אויפגעשטעלט און צוריקגעגאַנגען אַפן פריערדיקן פּלאַץ — צום פענצטער; ווי פריער פאַרשטעקט די הענט אין די אונטערשטע הויזן־קעשענעס, פאַרשאַרצנדיק דאָס ווייסע סאַניטאַר־רעקל און ווידער אַרויסגעקוקט אַפן הויף. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען שטיל און נאָכדעם זיך שטיל אונטערגעזונגען. ס׳איז געווען דאָס לידל „דזשאַני, אָ, דזשאַני, דזשאַני״. ער האָט לייכט צוגעקלאַפּט מיט אַ פוס.

— איך וואָלט דיר געקאָנט אויסבייטן, דזשימי, דיין הויז אַף אַ קלענערס, וואָס האָסטו? — אַ צוויי־פאַמיליע־הויז?

— כ׳האָב אַ קאָפּ־ווייטיק, יעזוס.

— מיט דיין קאָפּ־ווייטיק קאָן איך גאַרנישט טאָן. ווילסט ניט נעמען „קאַסאַקראַ קוויניך״, וועל איך דיר מאַכן אַ סאָדע, הע?

— ניין, כ׳דאַנק דיר, דאָקטאָר.

עס זיינען אַריינגעקומען צוויי מענטשן פון דער צענטראַלער ערשטער־הילף־סטאַנציע. דער דאָקטאָר האָט פאַרשאַרצט דאָס ליילעך און די מענטשן האָבן אַפּערגעפירט דאָס בעטל, וואָס איז שוין געווען איבערגעדעקט מיט אַ גרויען געוואַנט. דער דאָקטאָר האָט זיי באַגלייט ביז דער טיר און געבעטן זיי זאָלן צוריקברענגען דאָס בעטל. איינער האָט אָנגעוויזן, אַז עס שטייט אין ווינקל נאָך איינס און דער דאָקטאָר האָט געזאָגט: „יאָ, כ׳ווייס, מיר האָבן אַלעמאָל געהאַט צוויי״.

דזשיימס איז אויפגעשטאַנען פון אָרט און געפרעגט:

— ווען גייסטו אַוועק, דאָקטאָר?

— ווי אַלע מאָל — פיר אַזייגער. וואָס איז?

— יעזוס, כ׳פיל פּאַסקודנע...

דער דאָקטאָר האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן און געפרעגט:

— ווילסט אַהיימגיין?
— כ׳וואָלט געוואָלט... יאָ...
— וואַרט, לאָמיך נאָכדענקען, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר,
— כ׳מיין, כ׳קאָן דאָ בלייבן נאָך אַ שאָ. גוט, גיי.

דזשיימס האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבער דער גאַס. ער האָט געהאַט אַ היבשן מעהאַלעך אַהיים, אָבער ער האָט אַפילע ניט אַ טראַכט געטאָן אַרויפצוזעצן זיך אָפן טראַמוואַי.

די גאַס איז געווען פאַרגאָסן מיט זון. ער האָט זיך גלייך אַ פאַרנעם געטאָן אַף גאַרלאַנד עוועניו, וואָס שניידט זיך דורך דורך דער גאַנצער שטאָט, שניידט זיך אַריין אין האַרץ פון האַנדל־צענטער. דאָ אָבער איז געווען שטיל. אַף ביידע זייטן האָבן זיך געצויגן קליינע הייזלעך ווי זומער־ווילעס: מאַנכע געמויערטע, מאַנכע האָלצערנע, אָבער אַלע שיינע, מיט ברייטע וועראַנדעס, מיט ברייטע לאַנגע און בוימער און זייטיקע אַריינפאָרן פאַר אויטאָמאָבילן צו קליינע גאַראַדזשן. דאָ וואוינען געשעפטס־לייט, רייכע אַגענטן און „ריעל־עסטייט־בראָקערס“. די גאַס איז ברייט און ראַכוועסדיק. אינמיטן לויפט דער טראַמוואַי. די דראָטן רוישן. די דעכלעך זיינען באַדעקט מיט שניי, די לאַנגען זיינען באַדעקט מיט שניי, די בוימער זיינען באַדעקט מיט שניי — אַלץ איז ווייס. וואו־ניט־וואו נאָר זעען זיך סימאָנים פון פויגל און קראָען. די זון בלענדט איבער דער גאַנצער לענג פון דער גאַס.

— וויפל דוירעס, וויפל דוירעס זיינען שוין אַוועק אַזוי? — האָט ער געטראַכט, וויפל דוירעס, אָ, יעזוס...

ער האָט עפּעס געהאַט אַ שוואונג אין געדאַנק, אָבער ער האָט ניט געקאָנט דורכעגבערן דאָס, וואָס ער האָט געגאַרט און זיך באַגאָסן מיט שוויס...

ענדלעך איז ער אָנגעקומען אַהיים. ער איז צוערשט אַריין אונטן צו דייזין זען וואָס זי טוט. ער איז אַריין דורך דער היגטערשטער טיר און געטראָפן אַלעמען אין קיך. די אינגלעך זיינען שוין געהאַט צוריקגעקומען פון שול. דייזי איז געזעסן באַם טיש אַ מאַרעשכוירעדיקע, אָנגעלענט אָפן עלנבויגן מיט אַ צעבאַרשטן קאָפּ. מייבל איז נעבן איר געשטאַנען אַן אָנגעטאָנענע אין ווינטערדיקן מאַנטל. יודזשין,

נאָך אין טולופּל מיטן שאָפּענעם קאָלנער ,האָט איר געמאָלקן באַם אַרבל: אַ ניקל.

— אָ, וואָס ביסטו געקומען אַהיים אַזוי פרי? — האָט מייבל געפרעגט מיט שרעק.

— ס'איז גאָרנישט, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — כ'האָב געהאַט אַ קאָפּ־ווייטיק.

ער האָט אַ פאָרש געטאָן מיט די אויגן אין אַלע ווינקלען און אַריין אין צווייטן צימער. דאָ איז נאָך געלעגן די שווערקייט פון די פאַר־גאַנגענע צוויי מעסלעס: דער טעפּיך צעוואָרפן, די שטולן — צע־רוקט. דער קליינער טאָמי איז אומגעפאָרן אַפן רייט־וועגעלע און אָנ־געמאַכט אַ טומל מיטן גלעקל. אַפן טעפּיך זיינען נאָך געלעגן די ברעקלעך פון טרויער־מאָלצייט, אָבער די זון האָט געבלאַנקט אַף יעדע פענצטער. דזשיימס האָט זיך אומגעקערט אין קיך. ער האָט עפּעס דערפילט, אַז ער איז איצט דער טאַטע און דער אָפּעקון איבער דעם אַלעם, איבערן הויז, איבער אַלץ. און ער האָט אַ צעפיר געטאָן די צוויי פאַרקריפּלטע הענט, אַ זאָג טוענדיק גערירט:

— קינדער! קומט אַרויס אין דרויסן! טוט נאָר אַ קוק: וויפל ליכט, וויפל זון־שיין... קומט אַרויס!...

פאָטער און זון

די סירענע פון דער „האָרווי מעק־
ווין שטאָל־קאָרפּאָראַציע״ האָט געריווועט ווי אַ זונקנדיקע שיף...

אין גאָס האָט אַ ציטער געטאָן דער אימפּעט פון דער מיטאָג־שאָ.
דער גרויסער פאַבריק־טויער איז שוין געשטאַנען צעעפנט. עס זיי־
נען שוין געהאַט אַריינגעפאָרן די מילך־וועגעלעך און די וועגעלעך
מיט די איינגעפּאַקטע, אין קאַרטאָנענע קעסטעלעך צוגעגרייטע, פּופצן־
סענטיקע מאָלצייטן און מיט די הייסע פלעשער קאַווע. די אַנטקעגנדיקע
קאַווע־הייזלעך האָבן שוין צעשיקט אין גאָס די רייכעס פון עסן. די
קרעמער אין די דערבייאיקע ביידלעך האָבן זיך שוין געגרייט פאַר
דער איינציקער האַלבער שאָ; אַרויסגעהאַנגען אויבערהויזן, בלוזעס,
אַרבעט־האַנטשן און גומי־שטיוול. עס זיינען שוין געשטאַנען גע־
שטעלן מיט געטראַנקען און פרוכט. די גאָס האָט אַ הילך געטאָן מיט
קוילעס אַקוראַט ווי אין אַ מאַרק־פּלאַץ.

דזשאָן לאַרקין האָט זיך שנעל איבערגעווישט דאָס פּאָנים פון
דעם דינעם טוי־שטויב, וואָס דער דאַמף פון דער סירענע האָט אַראָפּ־
געבראַכט אין גאָס, דורכגעקאַלערט די דיקע וואָנצן דורכן פינגער און
באַפעלעריש אָנגעוואונקען צו זיינע צוויי געהילפן באַם טויער, פּערסי
היגס און דעם הינקענדיקן העגרי, זיי זאָלן האַלטן וואַך.

אַליין האָט ער זיך אויסגעשטרעקט באַם עק פון טראָטואַר אַנט־
קעגנאיבערן טויער. דאָס איז אַ ריז — זעקס פוס הויך. אַ רויטער
קאַרק און אַ ברוינלעך־רויט געזיכט דורכגעשפּרענקלט מיט דינע
בלוט־אָדערלעך, און די גרויסע, בלאָלעך־גרויע אויגן קוקן אַרויס פון
אונטער זיינע געדיכטע ברעמען שטרענג און מיט ווירדע.

פון טויער זיינען שוין געלאָפן די מענטשן. צוערשט איינציקע, ווי די ערשטע שוואַלבן, נאָכדעם גרעסערע גרופּן און באַלד אַ געדיכטע מענגע, וואָס האָט אָנגעפּילט דעם גאַנצן ברייט פון טויער. עס זיינען געלאָפן נאָך און נאָך. מאַנכע מיט אַנטבלויזטע העלזער און אָרעמס ווי אַטלעטן; העלע אָרעמס, ברוינע אָרעמס, טאַטואירטע אָרעמס. מאַנכע אין אַרבעט־העמדלעך מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל; אַנדערע אין אויבערהויזן מיט שלייקעס. פענימער העלע, פענימער טונקעלע; פאַרשמירטע מיט אויל און פאַרשמירטע מיט אייזן־שטויב. צעעפנטע, האַריקע הערצער, פלאַמענדיקע אויגן, צעשויבערטע גריי־וועס; קעפּס, קעפּס, היטעלעך, גלאַנציקע דאַשקעס, צעבויגענע דאַש־קעס; גרויס־געוויקסיקע, קליינע, דאַרע, בראַנדז־שוואַרצע פענימער פון נעגערס — אַ שטראָם פון מענטשן.

דזשאָן האָט זיך איינגעגעסן מיט זיין בליק אין דער דאַזיקער לויפנדיקער מאַסע. זיין ריזיקער ברוסט־קאַסטן האָט זיך הויך געהויבן. ער איז אין איין מינוט איבערוועלטיקט געוואָרן מיט געפילן פון צאָרן, וויטיק און פרייד. ער האָט אין האַרצן ניט געקאָנט מוחל זיין זון דעניעלס, רייד אין דער היים, אַז די רעדער אין די פאַראייניקטע שטאַטן זשאַווערן. „יאָ", — זאָגט ער, — „זיי זשאַווערן, אַלטער"... אָט דער שטראָם פון מענטשן איז פאַר אים געווען אַ לאַכלוטלענדיקע אָפּלייקענונג פון זונס רייד. ער האָט אָבער געוואוסט דעם עמעס אַז די פאַבריק אַרבעט איצט ניט אויס מער ווי אַ דריט־כיילעק פון איר נאָרמאַלער פראָדוקציע, אַז טויזנטער און טויזנטער מענטשן זיינען שוין אַוועקגעשיקט פון אָט דער פאַבריק אַליין, און אָט דאָס האָט ער אין זיך געוואָלט פאַרשרייען: — „איך שטיי באַם טויער פון אַ פאַבריק, און מיר קאָנסטו דאָס ניט זאָגן! איך שטיי שוין ניינצן יאָר באַ אַ טויער פון אַ פאַבריק!" — „זיבעצן מיליאָן געזונטע מענטשן", — זאָגט ער, — „וואָס ווילן אַרבעטן קריגן אין אַמעריקע קיין אַר־בעט ניט". „אָבער דו דאַרפסט ניט זיין צווישן זיי! דו ביסט גרויס און געזונט, האָסט שוין אַ ווייב מיט אַ קינד; איך האַלט דיך אין הויז, — גוט, איך טרייב דיך ניט — שטיי!"

אָט דאָס אַלץ איז אים דורכגעשפּרונגען דורכן מויעך אין אייז־איינציקער מינוט, און זיין ריזיקער קערפּער איז פול געוואָרן מיט שטאָל און גלוט. אַ היץ האָט אים אַ טרייב געטאָן דורכן גאַנצן גוף

זיינעם. ער האָט אַזש אַ יאָג געטאָן דורך דער נאָז דעם גערוך פון דעם קיי־טאַבאַק, וואָס ער האָט געהאַלטן אין מויל, און די גרוילעכע הערעלעך אַף די ברוינע וואָנצן אונטער דער נאָז האָבן געציטערט. איינער פון די אַרויסלויפנדיקע האָט זיך אַ גליטש געטאָן און געהאַלטן באַ פאַלן. ער האָט גרויסמוטיק אים אַ שטרעק געטאָן די האַנט: — אָ, אָ, זיי פּאָרזיכטיק... — האָט ער אַ ברום געטאָן, מער דורך דער נאָז, ווי דורכן מויל, און אים אונטערגעכאַפּט. אָט דער קליינער אינצידענט און דער געדאַנק, אַז די האַלבע שאָ מיטאָג־צייט איז אַ וויכטיקער מאָמענט אין זיין טעגלעכער דינסט, ווען ער דאַרף דאָ האַלטן אָפן ביידע אויגן, האָבן אים פריי ניט געלאָזט טראַכטן. ער האָט אָבער געפילט אַ ביטערקייט אין האַרצן, און אָט דער שווערער געפיל האָט זיך אין דער רעגע אַ הויב געטאָן אַף אַ הויכן פּונקט. באַזונדערס ביטער איז אים געוואָרן אַפן האַרצן, ווען דער שטראָם פון מענטשן האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעלאָזט. די גאַס האָט אַ ווימל געטאָן פון די, וואָס האָבן זיך צעשאָטן באַם וואַנט אַפן טראָטואַר אין שאָטן פון דער געביידע, און פון יענע, וואָס זיינען אַריבער אין די אַנטקעגנדיקע קאַווע־הייזלעך. דאָס האָט געדויערט אַ מינוט. טייקעף האָט דער לאַנגער בלויז אין גאַס זיך אַן עפן געטאָן ווי אַ פליגל. דער טויער און דער הויף זיינען געבליבן לער ווי אַן אויסגעליידיקטע פלאַש...

איצט איז דער עמעס פון זיין זונס רייד פאַר אים געשטאַנען אַנטפּלעקט באַקעט! ניט געווען מער יענע פאַרפּלייצונג פון מענטשן, וואָס האָט אין דער מיטאָג־שאָ, אין די פריערדיקע צייטן דאָ געראָיעט ווי אַ קאָלאָסאַלער מוראַשניק. דאָס האָט אים אַ רייץ געטאָן און אים ווילד געמאַכט: ער האָט ווילנדיק־ניט־ווילנדיק געמוזט אַ טראַכט טאָן פון יונג. ער האָט געפילט אַז זיין אייגן לעבן איז איצטער קיין סאַך ניט ווערט, אַז ער האָט אָפּגעלעבט אַסאַך יאָרן נאַריש, און אַז זיין אייגענער זון איז אַוועק אַף פאַסקודנע וועגן: געהערט איצט אָן צו עטלעכע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, לאָזט אַ יונגע פרוי מיט אַ קינד ביז שפּעט אין די אָוונטן אַליין, וואַרטן אַף אים אין איינזאַמקייט, און טוט ערגעץ אומווירדיקע אַרבעט, וואָס פּאַסט ניט פאַר קיין אַמעריקאַנער באָכער. פאַרוואָס היט ער ניט די טראַדיציעס פון די אור־עלטערן? וואו האָט ער דאָס געלערנט? איז ער ניט געגאַנגען אין פאָלקס־שול? טראָגט זיין זיידנס נאָמען... „דיין זיידע האָט זיך

געשלאָגן אין בירגער־קריג, דו גרויסער אָקס!״...

ער האָט אַ שפּיי געטאָן אין דער זייט דעם ברוינעם זאַפט פון קיי־טאַבאַק. דער הינקענדיקער העברי האָט צו אים געשריען:

— אַ פיינער טאָג היינט, דזשאָן, הע?

— אָ, יאָ, — האָט ער געזאָגט אַ הויב־טוענדיק די אויגן אין דער לופטן. ער האָט געפילט זייער ביטער: דער זאַפט פון קיי־טאַבאַק אין מויל — וואָסערדיק. ער האָט אומגעדולדיק צוגעדריקט אין דער האַנט די פּאַלירטע דעמבענע קאַלבע, וואָס ער האָט געהאַלטן מיט אַ רימענדל אָנגעטאָן אַפן געלענק. ער האָט געגאַרט אַ זופּ טאָן עפּעס שאַרפס און ביטערס, וואָס זאָל אים אַ ברען טאָן אין די גערערים...

פון הויף זיינען אָנגעקומען דריי העכערע אָנגעשטעלטע מיט ווייסע אויבערהעמדער און ווייסע קראַגנס. דער מיטלסטער איז גע־ווען מר. וואַטסוואָירט, אַ טעכנישער אינזשינער פון עקספּערימענטאַלן אָפּטייל. ער האָט זיך פאַרקוקט אַף מר. וואַטסוואָירט, וואָס איז געווען העכער פון די אַנדערע צוויי, און א טראַכט געטאָן, אַז אויך אַ סאַך פון די דאָזיקע אָנגעשטעלטע זעט מען שוין ניט אין פאַבריק. בעאייס זיי זיינען ארויסגעגאַנגען פון טויער, האָבן אַלע דריי אים געגריסט. וואַטסוואָירט האָט אַ געשריי געטאָן:

— וואָס האָסטו עפּעס צו זאָגן, דו גרויסער מענטש?

— לאַכלוטן גאָרניט! — האָט ער אַ זאָג געגעבן און ווידער געוואָלט אַ שפּיי טאָן, אָבער ער האָט זיך טייקעף צוריקגעהאַלטן, מאַכ־מעס יענער האָט ווייטער געפרעגט:

— דו שטייסט דאָך דאָ אין גאַס און דו דאַרפסט וויסן אַ סאַך זאַכן?

— אָ, גאָט, כ'וויים פאַרדאַמט ווייניק! — האָט ער געזאָגט.

ער האָט נאָכגעקוקט די אָנגעשטעלטע, און בעאייס ער האָט געהאַלטן אַף זיי אַזוי אָנגעשטעלט די אויגן, איז ער מיטאָמאָל געוואָרן זייער אויפמערקזאַם: אין גאַס זיינען אָנגעקומען צוויי יונגע פרויען, וואָס האָבן זיך דערנעענטערט אַפן טראָטואַר. דאָס האָט אים אַ ריר געטאָן פון אָרט און ער האָט זיך גענומען דערנעענטערן צו זיי. ער האָט געפילט ווי עס שטייגט אין אים אויף אַ שרעקלעכער קאָעס: די דאָזיקע פרויען קריכן אים אין די ביינער, גאָנוועגען זיך דאָ אַריין מיטאָג־צייט, אין דער פרי און ווען זיי קאָנען, און פאַרשמוצן די גאַס מיט מיעסע צירקולאַרן, און די מויעכס פון די מענטשן — מיט

פאַסקודנע אידייען. „אַרויס פון דאַנען! אַרויס! איר האָט דאָ גאָר־ניט וואָס צו טאָן!" ער איז פול געוואָרן מיט רישעס, וואָס ער האָט געדורשט צו לעשן פאַר זיינע ווייטיקן. ער האָט געפילט, אַז ער ווערט איצט זיין גראָב און אַכזאָריעסדיק, אָבער ווען ער איז צוגעקומען נעענ־טער, האָט אים דורכגעבליצט אין מויעך ער זאָל ניט פאַרלירן דעם קאָפּ בעאייס ער רעדט צו פרויען. אָף זיכער ווער זיי זיינען ווייסט ער ניט... ער האָט זיי אָבער פאַרשטעלט דעם וועג און גענוג שטרענג אַ פרעג געטאָן:

— וואוהין איז? —

די פרויען האָבן אָף דער ערשטער מינוט זיך פאַרלוירן, אָבער די קלענערע, וואָס איז געווען די מוטיקערע, האָט טייקעף אָנגעוויזן אָף דער אַנדערער, אַ זאָג־טוענדיק:

— איר ברודער אַרבעט דאָ אין פאַבריק, און זי וויל אים זען.

— גייט דאָרט אין אָפּיס! — האָט ער זיי באַפוילן רואיק, אָנ־צילנדיק די קאָלבע צום עק גאַס.

די פרויען אָבער האָבן ניט קיין כיישעק געהאַט צו פאָלגן. די גרעסערע האָט זיך אָנגערופן:

— מיטאָג־צייט קער ער דאָ זיין אין גאַס. מיר דאַכט: איך זע אים דאָרט. קוק, איז עס ניט ער?

— איר זעט ניט קיינעם. גייט דאָרט אין אָפּיס! — האָט ער איבערגעכאַזערט זיינע ווערטער קאַלט ווי אַ גאַזלען.

די פרויען זיינען געוואָרן אומגעדולדיק. זיי האָבן אַ טומל געטאָן:

— דו קאָנסט דאָ קיינעם ניט פאַרשטעלן דעם וועג. דאָ איז אַ גאַס — פריי פאַר אַלע!...

זיינע נאָז־פליגלען האָבן אַ ציטער געטאָן. די גרוילעכע הערעלעך אָף די דיקע וואָנצן אונטער דער נאָז האָבן זיך באַוואויגן פון דעם האַסטיקן אָטעם דורך די נאָז־לעכער. ער האָט צאָרנדיק אַרויסגע־רעדט:

— איר זיינט צו יונג מיך צו לערנען געזעצן. איך גיב אייך אַ גוטע אייצע, און — פאָלגט: גייט דאָרט אין אָפּיס!

די פרויען זיינען געווען אויסער זיך. בעאייס זיי האָבן זיך שוין דערווייטערט, איז ער נאָך אַלץ געשטאַנען ווי אַ

גרויסע סטאַטוע, אַנגעצילעוועט מיט דער קאַלבע צום עק גאַס און זיי נאָכגעפאָלגט מיט די בליקן. די קלענערע האָט אומגעקערט דעם קאָפּ און צו אים אויסגעשריען, אַז כאָטש ער איז אַזוי גרויס און שוין אַלט, האָט ער נאָך פונדעסטוועגן אַלץ ניט קיין סייכל ווי צו ריידן צו מענטשן. ער האָט זיי נאָכגעפאָלגט מיט די גרויסע, גרויע אויגן וואָס זיינען געווען פאַרלאָפן מיט אַ פייכט־לעכן גלאַנץ, און געפילט, אַז ערגעץ אינעווייניק ציטערט אים אַ נערוו... ער האָט זיך אַף אַ מינוט געפילט געקילט.

אין דער רעגע האָט אַ קלונג געטאָן אין גאַס אַ געזונטע שטים, אין אַ קלאָרער דייטלעכער שפּראַך. בעאייס ער האָט זיך אומגעקערט, איז אַף אַ קליינער פּלאַטפאָרמע, פּונקט קעגן טויער, געשטאַנען אַ יונגער באָכער אין אַ בלוי העמד און גערעדט. די קלאַנגען פון זיין שטים האָבן זיך צעטראָגן אין גאַס און געצויגן אַלעמענס אויפמערק־זאַמקייט. אַרום האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אויפקלייבן די מיטאָג־עסער.

אַ ווילדער צאָרן האָט אים אַ ברען געטאָן אין האַרצן: ער האָט דערפילט אַז מען האָט אים אָפּגענאַרט, אַז די דאָזיקע פּרויען זיינען געווען צוויי שיידים, אַנגעשיקט דאָ גלייך פון געהענעם; מיעס, שענדלעך אָפּגענאַרט; אים, דזשאָן לאַרקין, אום־הום, דאָס איז עס געווען... וואו האָט ער געהאַט זיינע אויגן? און — דעם קאָפּ זיינעם?... זיין רויטער קאַרק האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט פון ווייטיק און שאַנד. ער האָט דערפילט, אַז זיין ניינצן־יאָריקע רעפּו־טאַציע אַלס גוטער וואַכמאַן גייט איצט צוגרונט... ער האָט אַ שפּיי געגעבן דעם ברוינעם זאַפט פון קיי־טאַבאַק, אַרויסשיקנדיק פון אונטער די וואָנצן אַ ביטערע קלאָלע און זיך געלאָזט גיין צו דער פּלאַט־פאָרמע.

גלייך נאָכן צווייטן שפּאַן איז ער אָבער אַריין אין סאָפעק; דער באָכער האָט געלאָזט וויסן אין גאַס, אַז ער גרייט זיך פאַרקויפן עפּעס אַן אַרטיקל. דער קאָעס האָט אים טייקעף אָנגעהויבן אָפּגיין און ער האָט פאַרלאַנגזאַמט זיין גאַנג.

בעאייס ער איז צוגעקומען צום טויער, האָבן די צוויי געהילפן זיינע זיך דורכגערעדט אָפּן קאָל. פּערסי היגס האָט צונויגעפּאַטשט זיינע הענט מיט קוראַזש און זיי איינגעריבן ווי אין אַ פראָסט, אַ זאָג־טוענדיק צום הינקענדיקן הענרי:

— אַ, אינגל, אַ, אינגל, די גוטע צייטן הויבן זיך שוין אָן אומ־קערן! — און ער האָט אויסגערופן: — הע, וואָס זאָגסטו, דזשאָן?

דזשאָן האָט ברויגעז און אָן כיישעק אַרויסגעברומט:

— איך ווייס גאָרנישט...

הענרי האָט אָנגעקלאַפּט זיין האַלצערנעם פוס אָפּן טראָטואַר און געפרעגט זיין שאָכן פון וואָס ער נעמט עס.

— מיין גאָט! — האָט היגס אַ זאָג געטאָן מיט דער זעלבער היס־פּיילעס — די פייגל אַף די דעכער שרייען דאָך שוין דערפון! האָסט דאָ קיינמאָל פריער ניט געזען אַריינקומען אין גאַס אַזוי פיל הענדלער ווי איצט. בין איך גערעכט, דזשאָן, צי ניט?

דזשאָן האָט אַ רעגע געשוויגן און ווידער אַרויסגעברומט:

— איך ווייס גאָרנישט...

ער האָט באַגריפן פּערסי היגס׳ קאַוואָנע: ער האָט אים גע־וואָלט אַריינציען אין שמועס קעדיי צוצערייבן די צייט שנעלער. אָבער ער האָט לאַכלוטן ניט קיין כיישעק געהאַט אים צוליב צו טאָן...

דזשאָנס געדאַנק איז געווען פאַרנומען מיט דעם באָכער אַף דער פּלאַטפאָרמע. עס איז אים נאָך פאַרבליבן אַ קערנדל פון ספּייקעס אין האַרץ. עפּעס האָבן זיך אים אַרויסגעפּלאָנטערט, דעם באָכער, ווערטער פון מויל וואָס ער האָט ניט פאַרשטאַנען אַקוראַט. ער האָט אָפּגעצויגן די וואָנצן אַף ביידע זייטן און זיך גוט איינגעהערט.

— אָפּטמאָל, מיטאָג־צייט באַווייזן זיך דאָ אַלערליי רעטער, וואָס באָטן אייך אָן רעפועס פאַר אַלע אייערע ווייטיקן: פאַר געשוואָלענע פיס, פאַר מאַזאַליעס, פאַר רעוומאַטיזם, פאַר האַרץ־ווייטיק, פאַר קאָפּ־ווייטיק — קורץ, פאַר אַלץ. ווי בינען צו האָניק לאָזן זיי זיך דאָ אַראָפּ צו אייך און מיט קונציקע רײדעלעך פאַנגען זיי אייערע מויכעס און הערצער, און בעאייס איר באַוואונדערט זייערע געשליפענע צינגעלעך, פאַרקריכן זיי דערווייל אַזוי פאַמעלעך, פאַמעלעך מיט זייערע גליטשיקע פינגער אין אייערע קעשענעס און ציען פון דאָרט אַרויס אייערע ניקלס און דיימס, אייערע קוואָדערס און האַלבע דאָלאַרס. אָט־אַזוי־אָ — די דאָזיקע שווינדלער...

ער האָט עס באַוויזן מיט אַזעלכע קונציקע און פלינקע פינגער־זשעסטיקולאַציעס, וואָס האָט אַ ריר געטאָן דעם אוילעם פון אָרט און אַרויסגערופן באַ אַלעמען אַ האַרציק געלעכטער.

דזשאַן האָט אַן אָטעם געטאָן מיט זיין ריזיקן ברוסט־קאַסטן. ער האָט אַ דערלייכטערטער זיך אַ קער געטאָן צו זיינע געהילפן. איצט האָט ער זיי געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ביידנס אויפמערקזאַמקייט איז געווען געפאַנגען פון רעדנער.

— אַרבעטער! ווען איר וועט דערפילן פרעמדע פינגער אין אייערע קעשענעס, וועט איר זיי אָנכאַפּן. אונטערן היפּנאָטיזם פון זייערע גלאַטע צינגעלעך שטעקט איר אָבער אייערע אייגענע הענט אין אייערע קעשענעס און איר גיט זיי אַוועק אייערע בלוטיקע, אין שווייס־אויסגעהאָרעוועטע סענטן. די אַלע פּילן און שמירעכצן וואָס זיי פאַרקויפן אייך דאָ, וועלן ניט לינדערן אייערע ווייטיקן. מיר וועלן אייך פאַרקויפן אַ מיטל — אַ ווירקזאַמען! קיין געלט פאַרלאַנגען מיר ניט. אין נוצן דעם מיטל גופא ליגט שוין אונדזער לוין. דער וואָס וועט אייך פאַרקויפן דעם אַרטיקל, געפינט זיך דאָ מיט אונדז. איך האָב דעם קאָוועד פאַר אייך פאַרצושטעלן — דען לאַרקין!

אַף דער פּלאַטפאָרמע האָט זיך אויפגעהויבן אַ באָכער מיט צוויי מעכטיקע אַקסלען און אַ גרויסן קאָפּ מיט אַ טונקעלער קופּער־קאָליר־טער טשופּרינע, וואָס איז אים אַראָפּגעהאַנגען אַפן שטערן, אין אַ לייכטן כאַקי־אויבערהעמדל מיט קורצע אַרבל, פאַרנט צעשפּילעט, פון וואָס עס האָט זיך אַרויסגעזען אַביסל זיין האָריק האַרץ. ער האָט געהאַט צוויי גרויסע טונקל־בלויע אויגן און אַ טונקעלן איינדרוקס־פולן פּאָנים. פון אונטערן העמדל האָבן אַפּגעשפּאַרט צוויי שטאַרקע ברוסטן. בעאייס ער האָט זיך אויפגעשטעלט גלייך, האָט ער אויסגע־זען ווי אַ סטאַטוע. דאָס איז געווען דעניעל, לאַרקינס זון, אין וואוקס אַביסל נידעריקער פון טאַטן.

ווען דזשאַן האָט אים דערזען, האָט ער אויפגעהערט אָטעמען. אַ רעגע האָט ער פאַרלוירן יעדן געדאַנק פון קאָפּ. ער האָט שטייפער צוגעדריקט די קאָלבע אין דער האַנט. די גרויסע גאָמבע האָט אים קראַמפּהאַפט אַ ציק געטאָן עטלעכע מאָל דורכאַנאַנד און די אונטערש־טע ליפּ אונטער די וואָנצן האָט געציטערט. זיין אויפרירנדיקער כאַ־ראַקטער איז געטראָפן געוואָרן ווי פון אַ דונער.

„הע, אָט דאָס האָסטו מיר אָפּגעטאָן, זון מיינער... און וואָס ווערסטו דענקען, אַז איך וועל צוגיין און דיר זאָגן דו זאָלסט זיך פאַרנעמען פון דאַנען, האַ?... דיך אַרט שוין ניט אַפילו דיין

איגענער טאַטע. דיך אַרט שוין ניט אַפילו דאָס וואָס איך שטיי דאָ. דיך אַרט שוין גאָרנישט, נאָר דיינע אייגענע מעשוגאַסן... אַ, דו יונג איינער, טו אַ קוק צו מיר אין האַרץ און זע וואָס דאָ טוט זיך איצט... — — — — ווערט... — — — —"

אַ מעכטיקער שטראָם האָט אין אים אַ שטייג געטאָן און אים איבערפליצט ביז אַרויף אין האַלדז. זיינע אַלע וויטיקן, די שאַנד דערפון, וואָס ער האָט זיך געלאָזט אָפּנאַרן פון די צוויי פרויען, און דאָס, וואָס דער יונג זיינער איז דאָ געשטאַנען פאַר זיינע אויגן, האָבן אים אַ וואָרג געטאָן, ווי אימיצער וואָלט אים מיטאַמאָל אַ כאַפּ געגעבן מיט אַ שטריק אַרום האַלדז און געצויגן מיט גוואַרע... אָבער דער יונג האָט ניט געקוקט צום טאַטן. ער האָט אויפגעהויבן די שוואַרצאַפּלען אין די גרויסע ווייסלען פון זיינע אויגן, אַ בליק געטאָן איבער די קעפּ פון דעם געזעמל און מיטאַמאָל אַ דונער געטאָן: „כאַווירים אַרבעטער!" זיין קאָל איז געווען אַ טיף־ברוסטיקער, וואָס האָט יעדן איינעם עפּעס אַ ריר געטאָן אין האַרצן... ער האָט אַרויסגעצויגן אַ טאַשנטיכל און זיך אָפּגעווישט קליינע שוויס־טראָפּנס פון פּאָנים און דער אויבערשטער ליפּ, בעטנדיק בעאייס־מייסע אַלע־מען צוצוקומען נעענטער.

דזשאַן האָט אַ קוק געטאָן אַף דער לענג פון דער גאַס. אין שאָטן באַ דער וואַנט פון דער געביידע האָט מען זיך אָנגעהויבן אויפ־שטעלן פון די ערטער, לאָזנדיק אָפּן טראָטואַר די אויסגעליידיקטע קאַרטאָנענע קעסטעלעך פון עסן און די אויסגעליידיקטע פלעשער פון מילך און קאַווע. עס איז געוואָרן שטיל. עס האָט זיך מער ניט גע־הערט ווי די אויסרופן פון די קרעמער. אַרום איז געוואָרן זייער ענג און די גאַס אַרויפצוצו איז געבליבן קימאַט לער. דזשאַנס צאָרן האָט זיך פאַרטאָפּלט: וואָס וועט עס זיין צו הערן? און — ווע־מען... ער האָט מיט פאַראַכטונג אויסגעשפּיגן דעם ביטערן זאַפט פון קיי־טאַבאַק און אַ טראַכט געטאָן, אַז די פאַבריק־אַדמיניסטראַציע וועט אים דאָס ניט שווייגן... צו וואָס האָט ער עס דערלאָזן גאָר לעכאַטכילע? אַצינד וועט ער דאָ קיין סאַך סימפּאַטיע ניט געפינען. דאָס איז זיכער...

ער איז געווען אַזוי פאַרביטערט, אַז ער האָט ניט אָנגעהויבן הערן ווען דער יונג האָט אָנגעהויבן רײדן. עס האָט מיטאַמאָל אַ רויש גע־

טאָן אַ שטאַרקע האַנט־קלאַפּעריי. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם קאָפּ אין דער הויך און דערזען דעם יונג. ער האָט געאַרבעט מיטן מויל און זיך אַרויסגעהאָלפן מיט די הענט. זיין שטים האָט געהילכט אַף דער גאַס מיט אַ שווערן עכאָ, וואָס איז צוריקגעשליידערט געוואָרן פון פאַבריק־הויף דורכן אָפענעם טויער:

— ווען הואווער איז געזעסן אין ווייסן־הויז, האָט ער פאַרדאַמט אָפנהאַרציק געזאָגט: איך קאָן פאַר אייך גאָרניט טאָן! איצט זיצט דאָרט רוזוועלט. דער ערשטער איז אַ לומפּ, דער צווייטער — אַ דעמאַגאָג!

„ווער עס זאָל ניט זיצן אין ווייסן־הויז, זון מיינער, וועט עס דיר ניט געפעלן"... — האָט דזשאָן אַ טראַכט געטאָן. שווער זיינען אים געוועזן זיינע רייד, שווערער נאָך — די היספּיילעס פון די מענטשן, אַ פּאָר צענדליק גוט־באַוואָפנטע מיליציאַנטן וואָלטן זיי שנעל צוריקגעבראַכט דעם אַמעריקאַנער גייסט און זיי דערמאָנט, וואָס זיי האָבן אַמאָל געלערנט אין פאָלקס־שול...

ער איז געשטאַנען הילפלאָז. זיין מאַכט — פאַראַליזירט. זיין האַרץ — צעבראָכן. אין זיינע גרויסע אויגן — אַ פּייכטלעכער גלאַנץ. די קאָלבע האָט זיך אים געפּלאָנטערט צווישן די פינגער אָן איבעריקע...

ער האָט זי געוואָרנט: „אַלטע, דער יונג גייט אין געהענעם"...

— לאָז אים צורו, — זאָגט זי, — דעם יונג איז שלעכט. ער אַרבעט ניט. גוט...

— זיינע רייד אַף דער ראַדיאָ, — האָט דער באָכער געהילכט, — זיינען זיס ווי צוקער, און מיר הערן ניט אויף אַראָפּצושלינגען דעם ביטערן פיל פון נויט, פון ליידן, פון הונגער, פון בלייבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. — — —

דזשאָן האָט געקוקט אַפן זון. ער האָט געזען דעם ביטערן אויס־דרוק אַף זיין פּאָנים. „ניין, גוט איז אים ניט"... — האָט ער גע־טראַכט. ער האָט זיך צוגעהערט.

— זיי פאַרשרייען די וועלט, אַז עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן בעסערן אַלץ, און ראָטן אונדז אָנצוהויבן קויפן איצט און ניט שפּאָרן קיין געלט. קויפט, כאַווײרים, קויפט א י צ ט און — ש פּ אָ ר ט נ י ט ק י י ן ג ע ל ט!

עס האָט אויסגעבראָכן אַ גרויס געלעכטער.

— אויב ניט, אויב ניט, — האָט ער פאַרגעזעצט אין איין אָטעם, — וועט מען ניט קאָנען אָנשטעלן נאָך אַרבעטער אין די פאַבריקן און איר וועט אָפּהאַלטן די שעפע אין לאַנד... דאָס האָט מען די כוצפּע צו זאָגן, ווען אַסאָך פון אייך ווייסן, אַז ערשט די פאַרגאַנגענע וואָך האָט מען דאָ, באַ אייך אין פאַבריק, אַוועקגעשיקט נייע פינף טויזנט אַרבעטער.

דער שווייס האָט אים גערונען פון פּאָנים. ער האָט אַרויסגעצויגן דאָס טאַשנטיכל.

דזשאָנען האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ גוליע אין האַלדז. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס וואָס דער יונג זאָגט איז דער עמעס. ער האָט ניט פאַרשטאַנען פון וואַנען ער ווייסט עס: דאָס איז ניט געווען אין ערגעץ אין קיין צייטונג.

דער יונג האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און ווייטער גענומען אַרבעטן מיט זיין לייבן־שטים. זיין פעסטע ברוסט האָט זיך באַוואויגן מיט גוואורע, זיך געכוואַליעט אויף און אָפּ, אַרויסשליידנדיק דורך זיין קעל אַן אומאויפהערלעכן שטראָם פון קאָכיקער ווערטער־לאַווע. די האַלב־אויסגעטאָענע מיטאָג־עסער זיינען געשטאַנען ענג־צונויפגעפּאַקט אין אַן אומבאַוועגלעכער מאַסע, אונטער אַ ברענענדיקער היץ פון דער זון, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אַריינגעריסן אין גאַס און אָפּגעשטופּט דעם שאָטן נאָענט צום טראָטואַר; געשטאַנען מיט פאַר־הויבענע קעפּ, מיט אָפענע מיילער, מיט פלאַמענדיקע אויגן און אים געקוקט אין מויל אַריין. ער האָט אַ צעוויקל געטאָן אַ פּאַפּיר מיטן בלויען אָדלער און אויסגערופן: — אָט, איז דער עמבלעם און סימ־באָל פון דער גרעסטער טראַגי־קאָמעדיע אין די פאַראייניקטע שטאַטן!
— ער האָט אָנגעוויזן אָף דער לאַזונג אונטערן אָדלער און אויסגע־רופן: — דער איינציקער ביילעק, וואָס עס טראָגן צו אַלע די, וואָס האָבן אַרויסגעהאָנגען די שילד און אָף זיך גענומען דעם כויוו צוריק־צושטעלן דאָס לאַנד אָף די פיס, איז דאָס, וואָס זיי האָבן אונטער זיינע פליגלען זיך אַראָפּגעלאָזט ווי אַ מאַכנע קאָרשונס אָף די אויסגעמאַטערטע גופים פון די אַרבעטער. ווי די מערדער אַרויפגע־צויגן די פרייזן אָף אַלץ וואָס מיר דאַרפן צום לעבן! — זיינע רייד האָבן רעגע־ווייז אַרויסגערופן הילכיקן געלעכטער, רעגע־ווייז — אָנגעגריפן ביי די הערצער און אַרויסגערופן באַ מאַנכע טרערן אין

די אויגן. די לופט איז געווען אָנגעגליט, די אויגן האָבן געפלאַמט — אַ וואַלד האָט געברענט! און ער, דזשאַן, איז געשטאַנען אָפּגע־זונדערט, איינער — אַ דעמב מיט אַ דיקער קאָרע, וואָס האָט ניט צוגעלאָזט די פונקען. אָבער אויך ער איז שוין ניט איינגעשטאַנען אַף אַן אָרט. די ערד אונטער זיינע פיס האָט געגליט: ער האָט נאָך דענען ניט געזען אַזוי־אָ, נאָך קיינמאָל אים ניט געהערט אַזוי־אָ, און עס האָט אים עפּעס אַ ריר געטאָן אינעווייניק...

אין גאַס זיינען אַריינגעריטן זיבן פּאָליציאַנטן אַף פערד. עס האָבן זיך מיטאַמאָל דערהערט די קלעפּ פון אַכט־און־צוואַנציק טלאָען.

דזשאַן האָט אַ כאַפּ געגעבן דעם קאָפּ אין דער הויך. ער האָט עפּעס אַן אָטעם געטאָן ווי אַ באַפרייטער: — אַאַ, איצט וועט עס נעמען אַ סאָף. גוט...

אַ רעגע אָבער איז ער צעטומלט געוואָרן. אין אַן אויגנבליק האָט אים, אַליין ניט־וויסנדיק פאַרוואָס, אַ שפּרונג געטאָן אין קאָפּ דאָס אייניקל, וואָס ער העלפט אין די אָוונטן דער יונגער פרוי אַרויפנעמען מיטן קינדער־וועגעלע אַפן גאַניקל. דאָס איז אָבער שנעל אַוועק. אין מויעך איז אים נאָר פאַרבליבן: פונוואַנען האָבן זיי זיך דאָ איצט דער־נומען? אַהאַ, אַהאַ. די פאַבריק־אַדמיניסטראַציע האָט זיי געלאָזט וויסן. יאָ. יאָ... אָבער פאַרוואָס איז מען ניט אַראָפּגעקומען צו אים? א בלייערנע שווערקייט האָט אים אָנגעהויבן פאַרנאַנדערגיין אי־בערן גרויסן גוף. אין מויעך האָט אים עפּעס אַ דריי געטאָן ווי אַ רעדל, אין האַרץ — אַ קאָך געטאָן, און דאָך האָט ער עפּעס געפילט אַ צופרידנקייט. ער האָט אַ לאָז געגעבן די קאָלבע פריי אַפן רימענדל, בעאייס ער האָט אַ שפּאַן געטאָן פון אָרט איז זי לעבעדיק צוריקגע־כאַפּט אין דער האַנט. ער האָט זיך טייקעף אָפּגעשטעלט און ווידער אַ פאַרהויב געטאָן דעם קאָפּ: די רייטער האָבן זיך דערנעענטערט טריט באַ טריט אין אַ גלייכער ריי איבער דער גאַנצער ברייט פון גאַס, וויגנדיק זיך אַף און אָפּ אַף זייערע זאָטלען. פון די הערבן, קנעפּ, און מעש־באַפּוצטע ציימלעך פון די פערד, האָבן רעגע־ווייז אַ שפּריץ געטאָן גאָלדענע שפּיזעלעך קעגן דער זון. ער האָט אומ־רואיק אַ קער געטאָן דעם קאָפּ און געכאַפּט אַ בליק אַף דעם זון. „איצט וועסטו זיך דאַרפן פאַרטיידיקן, דו געזונטער יונג... וועסט נאָך היינט זיצן אין טפיסע אויך"... אָבער דער יונג, פונקט ווי

אַלע אַנדערע, האָט שוין געהאַט געזען ווער עס קומט און האָט זיך איצט מער ניט אומגעקוקט. זיין קאָל איז געוואָרן נאָך פעסטער און זיכערער ווי פריער. פון פּאָנים איז אים געראָנען דער שווייס. דער קלאַנג פון זיין שטים איז צוריקגעקומען דורכן אָפענעם טויער פונעם גרויסן פאַבריק־הויף מיט אַ צווייפאַכן עכאָ.

— אונדזערע אורעלטערן האָבן דאָ, אַף דעם קאָנטינענט, גע־קעמפט פאַר דער פרייהייט. זיי האָבן נאָך ניט פאַרשטאַנען ווי זי צו קריגן, אָבער האָבן שוין געהאַט דאָס געפיל דערפאַר מיט דוירעס צוריק. כאַוויירים! מענער פון אַמעריקע! מען האָט צו אונדז אימ־פּאָרטירט אַ פרעמדן פּראָדוקט: מוסאָליניס און היטלערס אַ געוויקס און זיך אים געגומען פאַרפלאַנצן אַף אונדזער באָדן. וועט איר, אייניקלעך פון די פּיאָנערן, איצט, אין יאָר 1933, זיך לאָזן שענדלעך פאַרשקלאַפן?

— ניי—יי—ןן!!! — האָט אַ הילך געטאָן פון טויזנטער העלדזער אַף אַמאָל! — ניי—יי—ןן!!!

צו דזשאַנען האָבן זיך אָנגעהויבן אַריבערכאַפּן די פונקען. ער האָט שנעל געקעמפט, זיי דערשטיקט און ניט געלאָזט פאַנאַנדער־ברענען...

— באַ—שי—צט דעם רעד—נער!!! — האָט עמיצער אַ דונער געטאָן.

— באַ—ש—י—צט דעם רעד—נער!!! — האָט זיך אי־בערגעכאַזערט פון אַ צווייטער זייט.

אונטער דזשאַנס פיס האָט שוין געברענט דער באָדן:

— גיי אַראָפּ פון דאָרט, דו גרויסער אָקס, זיי וועלן דיך מיי־מיסן!... — האָט ער אַ בריל געטאָן צו זיך אונטער די וואָנצן און דערלאַנגט אַ שפּיי אין דער זייט דעם זאַפט פון קיי־טאַבאַק. ער איז געווען אַזוי אויפגעקאָכט, אַז ער האָט ניט אָנגעהויבן קוקן וואוהין ער שפּייט און געטראָפן אַ באָכער אָפן אָקסל. ער איז שנעל אַראָפּ פון טראָטואַר און זיך געכאַפּט אים אָפּווישן, אַ ברום טוענדיק:

— אָאָאָ, אַנטשולדיק, אַנטשולדיק...

דער באָכער אַ נידעריקער, אָבער קרעפטיקער קערל, האָט אַזש אַ ציטער געטאָן פאַר קאַעס, נאָר דערזעענדיק אים, דזשאַנען, האָט ער בלויז אַף אים אַ פינקל געטאָן מיט די צוויי רישעסדיקע פייערלעך

אין די אויגן און געכאַפּט אַ בליק ווי דאָס העמדל זיינס האָט זיך אים צוגעקלעפּט צום נאַקעטן אַקסל.

דזשאָן האָט זיך שנעל אומגעקערט אַפן טראָטואַר. בעאיס ער האָט זיך צוריקגעשטעלט אין דער פריערדיקער פּאָזע, האָבן שוין די פערד דערגרייכט די מאַסע. די, וואָס זיינען געווען נאָענט צו די פערד, האָבן זיך אָנגעהויבן שטופּן צוריק, די וואָס זיינען געווען ווייט האָבן זיך גענומען שפּאַרן נעענטער; די גאַנצע מאַסע האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט.

דער מיטלסטער רייטער, מיט גאָלדיקע בענדעלעך אַפן אָרעם, איז אַרויס פון דער ריי און אַ טרייב געטאָן זיין פערד צווישן דער געדיכט־צונויפגעפּאַקטער מאַסע. עס האָט אים באַגעגנט אַ צאָרנדיקער „בו־ו־ו", וואָס האָט דורכגעבראָכן ווי אַ דונער די לופט. ווילד, מיט אַ פּאָנים רויט, פאַרגאָסן פון רעציכע, האָט ער זיך אַ ריס געטאָן צום יונג מיט אַ פאַרהויבענער קאָלבע. דער באַכער האָט רואיק אַ גריך געטאָן די קאָלבע און ניט איבערגעריסן זיינע רייד אַף קיין איין מינוט.

דזשאָנען האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם. אַ צווייטער רייטער איז אַריין אין געזעמל און ווי יענער אַ פאַרהויב געטאָן די קאָלבע איבערן יונגס קאָפּ, אָבער זיין גורל איז געווען דער זעלביקער: ביידנס קאָל־בעס זיינען געבליבן פאַרקלאַמערט אין זיינע הענט.

— גוט... — האָט דזשאָן אַ ברום געטאָן, — נו און איצט? איצט ביסטו גוט אין דר'ערד, זון... איצט ביסטו געפאַנגען פון דייך אייגענער גוואורע... אַנו, באַווייז עפּעס! ביסט הילפלאָז — דו גרויסער העלד...

דער געדאַנק איז פאַר אים געווען מוירעדיק. ער האָט ניט געוואָלט קוקן צו זען דעם סאָף. עס איז אָבער געווען אַ שווערער ניסאָיען.

— אָט, זע!... — האָט ער זיך אַ קער געטאָן אַן אויפגערעג־טער, בעאיס אַ דריטער רייטער האָט זיך אַ טראָג געטאָן מיט דער ברייט פון פערד, וואָרפנדיק און טרעטנדיק מענטשן. אומאויפהער־לעכע „בו־ו־וס" האָבן עקספּלאָדירט פון טויזנטער העלדזער. די טויזנטער־קעפּיקע מאַסע האָט זיך באַוואויגן ווי די אויפגעברויזטע כוואַליעס אַף אַ שטורעמדיקן יאַם... דעם יונגס שטים איז פאַר־

שלונגען געוואָרן אין מאַבעל פון קוילעס. זיינע אַקסלען האָבן זיך געהויבן, זיין ברוסט האָט זיך געכוואַליעט, זיינע אָדערן אַפן האַלדז האָבן זיך אָנגעצויגן ווי שטריק, פון פּאָנים, איז אים גערונען דער שווייס, זיינע אויגן האָבן אַרויסגעשפּאַרט פון קאָפּ...

באַם רייטער האָבן געבליאַסקעט די קנעפּ און דער הערב; באַם פערד — די אויסגעשטשירעטע ציינער; און באַ ביידן, באַם פערד ווי באַם רייטער, האָט געזעצט אַ שוים פון מויל. אויפגעשטעלט אין די פוס־רינגען פון זאָטל, האָט ער גערעוועט:

— אַראָפּ פון דאָרט!!!

נאָר דער יונג האָט ניט געהערט. זיין שטים האָט זיך דאָן דורכ־געריסן דורכן יאָם פון קוילעס:

— ניטאָ קיין קראַפט שטאַרקער ווי די פאַראייניקטע מאַכט פון אַרבעטער־קלאַס! מיט בלוט־רויטע בוכשטאַבן האָט ער עס פאַר־צייכנט אַף אַ זעקסט־ביילעק פון דער ערד וואו ער האָט אויפגעשטעלט זיין מאַכט! כאַווירים!!! מענער פון אַמער — — —

ער האָט ניט פאַרענדיקט. אַ שוואונג פון רייטערס קאָלבע האָט אים פאַרשטומט. אַ צענדליק הענט האָבן אים אונטערגעכאַפּט, בעאייס פון אונטער דער קופער־קאָלירטער טשופרינע האָט אַ זעץ געטאָן אַ רויטע לענטע, וואָס איז שנעל געפלאָסן צום אויג.

דזשאָן איז מער ניט איינגעשטאַנען אַפן אָרט. נאָך אַ מינוט פריער האָט אין אים אויפגעקנוילט פאַרשטיקטער רויך, און איצט האָט אין אים אויפגעשאָסן אַ פלאַם — דער דעמב האָט שוין געברענט צוגלייך מיט אַלע! „ווער האָט עס געשיקט די מערדער? איז ער ניט קיין אַמעריקאַנער פּונקט ווי זיי? וואו איז די פרייהייט וועגן וואָס ער האָט געלערנט אין פּאָלקס־שול?“ אַ מעכטיקער בלוט־שטראָם האָט אים אַ שפּאַר געטאָן צום האַרץ און מיט איינמאָל האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון טראָטואַר, זיך אָפּגעריסן ווי אַ שיף פון אַנקער אין אַ שטורעם, אָפּגעריסן פון פאַבריק, אָפּגעריסן פון זיין געטריי־שאַפט און לאָיאַליטעט, אָפּגעריסן פון זיין מאָרגן, אָפּגעריסן פון זיין טראַדיציע, אָפּגעריסן פון זיינע פיר־און־פופציק יאָר לעבן, אָפּגעריסן פון אַלץ צו וואָס ער איז געווען פאַראַנקערט ביז אין דער דאָ־זיקער מינוט און ווי אַ לייב אַ שפּרונג געטאָן אין דער מאַסע, מיט

דער קאָלבע אין דער הויך, מיט אַ בלוט־פּאַרלאָפענעם קאָרק, מיט בלוט־פאַרגאָסענע אויגן און גערעוועט ווילד:

—אַלע נאָך מיר! אַלע נאָך מיר!

ער איז אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין אַ ווילדן געדראַנג. אַ שרעק האָט זיך צעגאָסן אין גאַס ווי קאָכנדיקער בליי פון אַ געפּלאַצטן קעסל. געוואַלדן און אַנגסט פון הילפלאָז־לויפנדיקע מענטשן אין אַלע זייטן, ווי מעשוגע־געוואָרענע שניטער האָבן די רייטער געהאַקט איבער די קעפּ. נאָר אין איין רעגע האָט מען אויפגעכאַפּט זיין געשריי און זיך אַנגעהויבן אומקערן. פריער איינציקע, נאָכדעם מער און מער און טייקעף — צוויי שנעל־צונויפלויפנדיקע שטראָמען, אויפהויבנדיק זיינע ווערטער אין אַ מעכטיקן געשריי, וואָס האָט אויפגעציטערט די גאַס. עס איז געוועזן בלוטיקע אַרגיע און אָטעם־פאַרכאַפּנדיקער קאַמף. עס האָבן זיך איבערגעקערט געשטעלן מיט געטראַנקען און פּרוכט. עס זיינען זיך צעשפּרונגען אין גאַס מאַראַנצן, גלאָז און צעשניטענע לימענעס. עס האָט זיך אָפּגעריסן באַ אַ קראָם אַ שטאַנג מיט אויבערהויזן. די מאַסע האָט זיך געשפּאַרט נעענטער, נעענטער, פאַרביסן, אַקשאַנעסדיק, איבער די צונויפגעכוואַליעטע קעפּ, אויפגעהויבענע פויסטן. אָט, אַ וואַנט פאַלט איין! „גיט זיי אַהער, די בעסטיעס!“ — האָבן זיך געטראָגן צאָרנדיקע געשרייען. אַ קרעמער איז אַרויסגעלאָפן מיט צוויי אויסגעשפּרייטע הענט. די מאַסע האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן. דער קרעמער איז אַנטלאָפן. זעץ! אַריין אין דער טיר ווי אַ שטורעמווינט, מיט אַ פערד און מיט אַ רייטער. געבראַזג פון גלאָז, געברוך פון האָלץ. אַ סטיכישע קראַפט, גוואורע — אַ דאַמבע האָט זיך איבערגעריסן. די לופט האָט געציטערט ווי מען וואָלט געשליידערט טאָנען קאָכנדיקן שטאָל אין קאַלטן יאַם, געציטערט... געציטערט...

עס איז שטיל געוואָרן, די גאַס האָט אויסגעזען ווי אַ קריגס־לאַגער — ביידע עקן געשלאָסן.

פון גאַס איז אַרויסגעפאָרן אַ פּאָליציי־וואָגן מיט אַ יאַרגאָזן — דורכגעלעכערט די לופט מיט אַ יעלאָלעדיקן קוויטש.

דזשאָן איז געשטאַנען אָפן עק פון טראָטואַר. ביידע אָרעמס פון

ראַק אויפגעפלאַצט. דאָס העמד האָט אים געקלעפּט צום לייב. דאָס רויטע פּאָנים — פאַרשוויצט. זיין ריזיקער ברוסט־קאַסטן האָט זיך הויך געהויבן. ער האָט פּאַמעלעך אַראָפּגעשפּיגן אָפן אַספאַלט — ניט דעם זאַפט פון קיי־טאַבאַק — אַ רויז־רויטלעכן שוים, וואָס ער האָט געגאָגט פון די פינגער, האַלטנדיק זיי אונטער די וואָנצן. די פינגער פון ביידע הענט זיינען אים געווען שטאַרק צעקלאַפּט.

דער אַספאַלט איז געווען פאַרגאָסן מיט בלוט. אַנטקעגנאיבערן טויער האָט זיך געצויגן אַ שנירעלע צום טראָטואַר. אָף עטלעכע פלעצער זיינען געווען צעטראָטענע פלעקן מיט צעטראָגענע פוס־סליאַדן אָף אַלע זייטן.

אַרויפצוצו איז געשטאַנען אַן אַמבולאַנס. מען האָט אַרויפגע־טראָגן אַ מאַטלאַזן מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ.

פּערסי היגס האָט געשפּריצט די גאַס. די האַלבע וואַסער־רייף האָט געפינקלט אין דער זון ווי אַ רעגנבויגן, און דער שטראָם האָט מיט קראַפט צעוויקט קאַרטאָנען־קעסטעלעך און אַראָפּגעשווייינקט אין די זייטן מאַראַנצן־שאָלעכץ, ציגאַרעטן־ברעקלעך, פלוימען־קערן און — דאָס בלוט. ער האָט געשלעפּט די שווערע וואַסער־קישקע אָפן טראָטואַר, ווי אַן איינגעשפּאַנטער פערד און געשריען פונדער־ווייטנס:

— דזשאָן! דיינע פינגער זיינען שטאַרק פאַרוואונדעט!

דזשאָן האָט ניט געענטפערט. דער הינקענדיקער העברי איז צוגעגאַנגען אָפּציילנדיק עטלעכע האַרטע קלעפּ מיטן הילצענעם פוס אָפן טראָטואַר און אַרויסגערעדט מיט דערעך־ערעץ:

— ער זאָגט: דיינע פינגער זיינען שטאַרק פאַרוואונדעט, דזשאָן.

דזשאָן איז געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך ווי פריער און געשפּיגן דעם רויז־רויטלעכן זאַפט אין דעם אָפּלויפנדיקן וואַסער באַם ראַנד פון טראָטואַר. ער האָט באַקוקט די פינגער פון איין האַנט, וואָס זיינען ערטערווייז בלוי געווען און געציטערט. ער האָט נאָך אַלץ געשוויגן און נאָכדעם אַרויסגערעדט:

— די וואונדן פון מיינע פינגער וועלן זיך שנעל אויסהיילן...

די פאַבריק שליסט זיך

פון די נייך־און־פערציק מענטשן, מיט אים אַליין פופציק, איז ראַלף בון איצט פאַרבליבן מיט זעקס, ס׳הייסט מיט איר צוזאַמען — זיבן. בעאייס מר. פיל אָ׳גירי, דער געהילף־פאַרוואַלטער, איז צו אים צוגעקומען שאַבעס אָוונט, ווען ער האָט פאַרענדיקט מיט זיינע מענטשן די צוויי־וואָכעדיקע אָוונט־וואַכטע און אים איבערגעגעבן די פאַראָרדענונג פון מר. סוואַן, דעם הויפּט־פאַרוואַלטער, אַז עס ווערן פון דער דאָזיקער וואַכטע אַוועקגעשיקט צוויי טויזנט מענטשן און אַף זיין אָפּטיילונג וועט אויסקומען צוועלף, האָט ראַלף אַפן אָרט אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס הייסט פונקט צוויי מאָל אַזויפיל ווי מיט וויפל ער וועט פאַרבלייבן. און דאָך האָט ער עס אויפגענומען קאַלט, מיט דער אַבזיכט עס דורכצופירן פינקטלעך, ווי יעדע פאַראָרדענונג פון דער העכערער מאַכט אין פאַבריק, פונקט ווי ער האָט די זעלביקע פאַראָרדענונג דורכגעפירט אין די פאַרגאַנגענע כאַדאָשים.

ווען מען האָט אָפּגעשטעלט די אַרבעט, — צוואַנציק מינוט פאַר דער געוויינלעכער צייט און גענומען צוראַמען דעם אָפּטיילונג, אויסרייניקן און אָפּפּוצן די מאַשינען, ווי עס פירט זיך יעדן סאָף־וואָך, לויט די קלאָלים פון פאַבריק — איז דער גורל פון די צוועלף מענטשן שוין געווען פאַרכאַסמעט.

און אָט דעם גורל פון יעדן איינציקן פון די צוועלף, האָט ראַלף בון געטראָגן באַ זיך אין האַרצן און אונטערן מויעך האָט זיך אים עפּעס געהויבן, מאַכמעס ער האָט ניט אָנגעהויבן באַגרייפן די גאַנצע ווירטשאַפט דאָ, אָבער קיין איינער פון די מענטשן האָט גאָרנישט ניט פאַרדעכטיקט. מען האָט ווי אַלע מאָל זיך פריילעך דורכגעוואָרפן מיט די נאָסע, אין אויל און אין מאַשין־וואַסער איינגעזאַפּטע

שמאַטעס, מיט וועלכע מען האָט געריייניקט די מאַשינען, אַקוראַט ווי שול־אינגלעך אין דער צייט פון אַ פּאַוזע און גוטמוטיק אויפגענומען ראַלפס מוסער־רייד, פילנדיק מיסטאָמע, אַז אויך ער איז דאָ ניט מער ווי אַ שקלאַף פון ווּעמען עס איז איצטער, פּונקט ווי פון זיי, אַף אַ ווײַלע אַראָפּגענומען די שווערע פאַבריק־דיסציפּלין, און אין ווּעמענס אָנגעשטרענגטן געמיט עס האָט, פּונקט ווי אין זייערע, אויפ־געלויכטן אַ ליכט־שטראַל פון אַ זונטיקדיקן טאָג און אַ פרייע נאַכט. זיי האָבן זיך זאָרגלאָז צוגעפייפט, זיך דורכגעוואָרפן מיט שפּאַסן אַפן קאָל און אַפילע געזונגען.

נאָר ווען ראַלף האָט דורכגעשפּאַצירט פאַר דער ריי גרויסע בויער־מאַשינען און א זאָג געטאָן צו די דריי באַכערים, וואָס האָבן געריייניקט די דאָזיקע מאַשינען, זיי זאָלן אַרויסנעמען זייערע בויערס און זיי אומקערן אין געצייג־ביידל, איז די זאַך געוואָרן אויפ־פאַלנדיק. דאָס האָט זיך טייקעף צעטראָגן דורכן גאַנצן אָפּטייל און עס איז שטיל געוואָרן באַ יעדער מאַשין. עפּעס אימיצער האָט זיך דורכגעכאַפּט צום זייגער און צוריקגעבראַכט די בשורע, אַז עס פעלן אַסאַך צייט־קאַרטעס אין שענקעלע. איינער האָט אַ זאָג געטאָן מיט גאַל, אַז „די קראַנקהייט" איז נאָך ניט אַריבער און דאָס מאָל וועט זי שוין אַ פּאַק טאָן און גאָט ווייסט ווּעמען נאָך... אַן אַנדערער האָט אַ זאָג געטאָן: „ער גייט אין געוועט, אַז מען וועט פאַרמאַכן די גאַנצע פאַבריק אין דר'ערד אַריין"... אַ דריטער האָט אויסגעדריקט די זיכערקייט, אַז אַ האַלבע אָפּטיילונג וועט איצט אויסרוען די ביינער אַף אַ לאַנגער וואַקאַציע... דער אַלטער טים פאַרקינס, אַ גרייז־גרויער, אויסגעטריקנטער מענטשל, האָט דערשנאַפּט, אַז זיין צייט־קאַרט איז מער ניטאָ אין שענקעלע, איז ער, איינגאַנצן אַ ציטערדיקער, צו צו ראַלף בון, אַ פאַרהויב געטאָן דעם קאָפּ, אַ בלישטש געבנדיק מיט די צוויי גלעזלעך פון זיינע ברילן קעגן בלאָען, עלעקטרישן שטראָם, וואָס איז געפלאָסן דורכן לאַנגן גלעזערנעם רערל איבער זיין קאָפּ, אַ צוק געטאָן מיט די גרויע, צוגעשוירענע וואָנצעלעך און מיט יעדן נערוו אַף זיין מאָגער פּאָנים, און די מוסקולן אונטער דער גאָמבע, ווי דער גאַנצער האַלדז זיינער, איז אין דער רעגע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין עטלעכע שטייף־אָנגעצויגענע שנירעלעך. ער האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ פייף דורך דער נאָז:

— מיסטער בון! עס קאָן זיין, אַז איך בין שוין אַלט, כ'וועל זיך ניט שפּאָרן דעריבער. אָבער גרוי געוואָרן בין איך ערשט אָט דאָ! אין די אַכט יאָר וואָס איך אַרבעט דאָ... די קויכעס וואָס איך האָב געהאַט איידער איך בין אַהער געקומען, האָב איך איצטער ניט. איך האָב אַ קליין הויז מיט אַ קליין שטיקל לאַנד. איך ווייס: איך וועל עס איצטער פאַרלירן. כ'וועל עס זיכער פאַרלירן... — האָט ער געזאָגט אַן אויפגערעגטער.

ראַלף בון האָט אים באַרואיקט, דערקלערט, אַז ער אַליין איז דאָ ניט מער ווי אַן אָנגעשטעלטער און מוז טאָן וואָס מען הייסט אים. אָבער באַ זיך אין האַרצן האָט ער באַדויערט דעם אַלטנס גורל און געפילט, אַז עפּעס וואָלט ער באַדאַרפט טאָן פאַר אָט דעם מענטש. „ער איז שוין אַלט. יאָ ער איז אַלט"... — האָט ער געטראַכט. נאָר אַליין האָט ער געפילט אַ שווערקייט אָפּן קאָפּ, אַ מידקייט אין די גלידער און אַ דרוק אַף די ברעמען, וואָס האָט אים געדאַכט קומט פון בלאָען ליכט, וואָס שטראָמט אין די לאַנגע גלעזלעך און פון דעם קאַלטן בלישטש פון די אָפּגעפּוצטע מאַשינען און ער האָט געגאַרט שוין צו זיין אין דער היים, באַפרייט פון אָט דעם אַלעם און פון אַלץ־מיט־אַנאַנדער...

מאַנטיק איז ער געקומען גאַנץ פרי.

אין די פאַרגאַנגענע צוויי מעסלעס האָט זיין געמיט קיין סאַך רו ניט געפונען. דערצו איז נאָך צוגעקומען די שטענדיקע אָנוועזנקייט פון דעם שכיינעסדיקן הויז, וואָס איז דאָ געשטאַנען פאַרלאָזט שוין ניין כאַדאָשים. ער האָט אַפילע ניט געוואוסט וואו די פאַמיליע קאָלינס, וואָס איז אַרויסגעזעצט געוואָרן דורך דער „סטייט ריעלטי קאָמפּ.", איז אַהינגעקומען, האָגעם ער האָט זיך שוין געגנוג אָנגעהערט, וועגן וואָס ער האָט אַפילע ניט געוואָלט דערציילן זיין דזשוליען. ער האָט בלינד געזוכט אין עפּעס אַ טרייסט. ער איז פון אַ צייט שוין ניט געהאַט געווען אין קירך און ווען דזשוליע האָט זונטיק אינדערפרי אים פאַרגעשלאָגן מיט איר מיטצוגיין אין „סט. פּעטריקס" קירך, האָט ער עס גערן אָנגענומען. די רייד פון מר .קליפּטאָן דייוויס האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין זיין האַרץ. מר. דייוויס איז אַ מיטליעריקער, פּייאיקער

מענטש מיט אַ טיפֿער, פּאַטערלעכער שטימע. אין זיינע גאַלכישע קליידער אַפֿן אַלטאַר, אין דער קירכלעכער אומגעבונג, האָט ער גע־שפּילט אַף די הערצער פֿון זיינע צוהערער ווי אַ געאיבטער ווירטואָז. ראַלף איז אַ רעגע דורכגעדרונגען געוועזן פֿון זיינע רייד. באַזונדערס אין דער מינוט ווען ער האָט אין אַ טיף־איינגעהאַלטענעם פּאַטאָס פֿאַר־ענדיקט זיין דראָשע, זאָגנדיק:

„דער גאַנג פֿון דער וועלט איז אייביק! ס'איז אַ פֿאַרקישעפֿטער ראָד, וואָס דרייט זיך אָן אַן אָפּשטעל! דער פֿויגל פּיקט אויס דעם וואָרעם פֿון דער ערד, דער לעמפּערט פֿאַרצוקט דעם הירש און דער העכט פֿאַרשלינגט דעם שלייען אין וואַסער. אַזוי איז געוועזן און אַזוי וועט זיין. אָמיין!"

דאַן איז ער אַרויסגעגאַנגען צעוואַרימט, אַרומגענומען מיט דער וואַרימער לופֿט פֿון אַרויסגייענדיקן אוילעם, באַגלייט פֿון די קירכ־לעכע גלאָקן־קלאַנגען און נאָך דעם געגעסן אין דער היים זיין יאָנטעווּ־דיקן מאָלצייט געשמאַקער.

און איצט האָט ער מיטגעבראַכט פֿון דער היים אָט יענעם פֿייער־לעכן רויש און זיך געפֿילט עפּעס ווי ער וואָלט געוועזן באַרירט פֿון דעם הייליקן גייסט. די ריעאַלקייט, קאַלטקייט און וואָכעדיקייט, וואָס האָט אַף אים אַ ווייע געטאָן פֿון דער אָנגעפֿילטער געביידע מיט די שטום־שטייענדיקע, אָפּגעפּוצטע גלאַנציקע מאַשינען, האָט אין אים דורכגעוואָרפֿן אַ לייכטן ציטער, ווי אַן אָוול, וואָס כאַלעמט, אַז עס האָט גאַרנישט פּאַסירט, און ער וואַכט פּלוצלונג אויף און דערזעט דעם עמעס... און דאָך האָט זיין הויכע פֿיגור זיך נאָך אַלץ שטאָלץ באַ־וואויגן צווישן די שאָטנס פֿון די מאַשינען, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעקלונגען באַם זייגער זיין צייט־קאַרט, אַוועקגעשטעלט זיין שפּייז־קעסטעלע און אַוועקגעהאַנגען זיין ראָק, האָגעם ער האָט שוין געזען פֿאַר די אויגן, קלאָר ווי אין אַ האַלוצינאַציע, דעם אַלטן טים פֿאַר־קינס, בעאייס ער האָט אַ גלאַנץ געגעבן מיט די גלעזלעך פֿון זיינע ברילן קעגן בלאָען, עלעקטרישן ליכט איבער זיין קאָפּ און אַ זאָג געטאָן: — „מיסטער בון!" אָבער ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט געהערט נעכטן: „דער העכט פֿאַרשלינגט דעם שלייען אין וואַ־סער"... און די כוואַליע איז טייקעף צוריקגעשליידערט געוואָרן: — „אָבער, יעזוס, און ער אַליין וועט דאָך איינגעשלונגען ווערן פֿון

אַ גרעסערן פּיש! עס האַלט דאָך שוין דערבײַ״... — און יעדער געדאַנק אין זײַן קאָפּ און יעדער טראָפּן בלוט אין זײַן לײַב איז מאָמענטאַל געבליבן שטײן שטיל...

ער האָט אָפּגעקלאַפּט די בײַנדלעך אין אײַזערנעם קעסטל אָפּן געמויערטן זײַל לעבן זײַן דעסקל, און בעת די עלעקטרישע פּלעמלעך האָבן זיך דורכגעכאַפּט דורך די גלעזערנע רערלעך און די רײ בויער־מאַשינען האָבן אויפגעגלאַנצט אין בלאָען, קינסטלעכן „טאָג־ליכט״, האָט ער זיך אומגעקערט צו דעם דעסקל און געעפנט דאָס קלײנע ליכט אונטער דער גרינער שײַן, און דאַן האָט ער קאַלט, מיט אַ מינע פון ביטל, דורכגעקוקט עטלעכע פּאַפּירלעך, וואָס ער האָט טײקעף אָפּגעשאַרט אָן אַ זײַט. ער האָט נאָך אַלץ אײַנגעהאַלטן עפּעס פון דעם יאָנטעוודיקן שטאָלץ אין זײַנע באַוועגונגען, און ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אָפּן בענקל, האָט ער מיט אַ ניכטערן בליק אַרומגענומען די גרויס און ברייט פון דעם דאָזיקן קאָלאָסאַלן ביניען, אַרומגענומען מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט דאָס אַלץ ערשט געזען דאָס ערשטע מאָל.

עס איז נאָך געווען טונקל אומעטום. זעלטן־וואו אַ ליכט. בלויז דער בלאָסער, באַגינענדיקער שײַן איז אַרײַנגעפאַלן דורך דער רײ פענצטער און אָפּגעגלאַנצט אַף די מאַשינען. עס האָט זיך זעלטן קוים געהערט וואו־ניט־וואו אַ באַוועגונג, אַ צופעליקער קלאַפּ, אָדער דאָס גײן פון אַן אײנציק־אָנקומענדיקן ערגעץ אין אַ דורכגאַנג צווישן די מאַשינען. אָ, גאָט, פאַרוואָס איז ער געקומען אַזוי פרי? אונטער די גלעזערנע דאַך־טײלן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אָנטפּלעקן אין שאָטן די נעץ פון די לעדערנע רימענס. וויפיל פון די מאַשינען וועלן הײַנט זײַן אין גאַנג? זײַן האַרץ האָט זיך געקאַרטשעט און אַ שווערקײַט האָט אים געפרעסט, ווי ער וואָלט געפילט דעם דרוק פון דער מאַסע מאַשינען. אָפּן מויעך — אַ שאָטן און אַ פּלאָנטער, ווי די נעץ פון די רימענס. פאַרוואָס איז עס ניט קײן כאָלעם? נײן, ער האָט זיך ניט געקאָנט נאַרן. דאָס איז געווען די ווירקלעכקײַט!

אין מויעך האָט אים געקלאַפּט אַן אָדערל: ער איז איצט אַכט־און־דרײַסיק יאָר אַלט. און בא אַט די יאָרן איז ער שוין אַרויסגעשלאָגן פון די קויכעס: מיד און מאַט... ער האָט דאָך ניט אָפּגערוט קײן

אין וואָכנדיקן טאָג אין יאָר, און וואָס האָט ער? — זיין מאָרך איז אויסגעטריקנט. יעדעס ברעקל וויסן, יעדעס פּיצל דערפאַרונג אַריינגעלייגט אין אָט דעם לויזיגן שטאָל, און יעדער טראָפּן ווילן אויסגעזויגן פון אָט דעם טויטן שטאָל. ווען מר. סוואָן איז צו אים צוגעקומען מיט צען יאָר צוריק בעאייס ער האָט געאַרבעט אין געצייגאָפּטיילונג און אים געפרעגט, צי ער קאָן זיך אונטערנעמען צו זיין דער שעף אין „גיר"־אָפּטיילונג, האָט ער געזאָגט: „יונגערמאָן, פאַר דיר שטייט איצט אָפן אַ גרויסע וועלט!" אָפן אַ גרויסע וועלט. דאָס האָט ער געזאָגט. און אָט די אָפענע וועלט האָט דעמאָלט צו אים אַ שמייכל געטאָן מיט צען טויזנט שטראַלן אַף אַמאָל — פאַרוואָס־זשע איז איצט אַזוי פינצטער? פאַרוואָס אַזוי פינצטער?...

ער האָט געקנייטשט דעם שטערן און געוואָלט צושאַרן זיין צייטונג, וואָס איז באַ אים געלעגן אין דער זייט, אָבער ער האָט אים טייקעף אָפּגעשטופּט מיטן עלנבויגן. ער האָט זיך מער נישט געקאָנט טרייסטן מיט דער פאַלשער טרייסט, אַז עס וועט באַלד אַלץ בעסער ווערן. אַף דער צווייטער וואָך וועט מען מיסטאָמע צונויפגיסן די אָוונט־ און די טאָג־וואַכטע און ער וועט בלייבן אָן אַ פּאָסטן. דאָס וועט זיין דער לוין פאַר אַזויפיל יאָרן מי. איצט גייט ער אין דעם אַלטן טים פאַרקינס שיך. יאָ...

עס איז ליכטיק געוואָרן קימאַט אין אַלע טיילן פון דער געביידע און ער האָט עס ניט געזען. די אָנקומענדיקע האָבן זיך שוין באַוועגט צווישן די מאַשינען אין גרעסערע גרופּן, ער האָט עס ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט. זיינע אייגענע מענטשן זיינען אָנגעקומען און איבערגעטאָנענע שוין אין זייערע אַרבעט־קליידער אַף אים געוואָרט אין דער טונקלקייט פון דעם נאָך־ניט באַלויכטענעם טייל פון דער אָפּטיילונג, און ער האָט זיך ניט אומגעקוקט.

ערשט ווען עס האָט זיך דורכגעטראָגן דורך דער געביידע דער מעטאַלענער געשריי פון די עלעקטרישע גלעקלעך, וואָס איז געקומען פון אַלע אָפּטיילונגען אַף אַמאָל, גלייכצייטיק באַגליים פון דער סירענע אין דרויסן, האָט ער זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט. דאָס קראַפט־הויז שטייט דאָ אין שכיינעס מיט דער געביידע און דער דאַמף, וואָס ווערט אַרויסגעיאָגט פון רערל, רייסט דאָ אויף די לופט מיט אַ מוירעדיקער קראַפט, וואָס מאַכט ציטערן די צענדליקער שייבלעך אין דער ריי פענצ־

טער. דאָס האָט אים ווי אַראָפּגעשווינקט פון בענקל און ער האָט זיך אַ צי געגעבן אין דער גאַנצער לענג. אַלע גלידער אין גוף האָבן אים אַ קנאַק געטאָן.

עס איז אים דורכגעלאָפן אַ לייכטער ציטער, דערפילנדיק בעי־איס־מייסע אַן אָנגענעמען געפיל, אַקוראַט ווי ער וואָלט אויפגעוואַכט פון שלאָף און אַנדעקט, אַז אַלץ וואָס עס איז געווען ביז איצט, איז בעעמעס ניט געווען מער ווי אַ כאַלעם. ער האָט טייקעף ליכטיק געמאַכט דעם צווייטן טייל אָפּטיילונג. אין אָט דער רעגע האָט זיך שוין דורכגעטראָגן דורך דער געביידע דער געקוויטש פון די לעדערנע רימענס, וואָס זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן אָף די העכערע רעדלעך צו די טראַנסמיסיעס. און האַגעם דאָס האָט אים אַ ריס געטאָן אין מויער, דאָך האָט אים געדאַכט, ווי ער וואָלט געהערט דאָס פּישטשען פון מייז, אין פאַרגלייך מיט דעם געקוויטש, וואָס האָט זיך אין אָט דער רעגע דורכגעטראָגן דורך דער געביידע אין די פריערדיקע כאַדאָשים. ער האָט אַ גיי געטאָן צו זיינע מענטשן און געזאָגט מיט אַ געבראָכענער שטים:

— ס'טוט מיר בעעמעס לייד, באָכערים. גאָט אָדער דער טייוול ווייסט ווי מיר וועלן דאָ איינשטעלן די אַרבעט איצט...

ער האָט זיי ווי עס איז פאַנאַנדערגעטיילט און געשטעלט צו די מאַשינען. מיט אַ צונויפגעצויגענעם שטערן, קאָנצענטרירט דעם געדאַנק אָף דער העכסטער שאַרף, האָט ער עס באַשלאָסן פלוצלונג, מיט אַן ערנערגישן און אומגעדולדיקן קראַץ אין קאָפּ, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן זיין ברייטן קאַשקעט מיטן גרויסן דאַשיק אַף אַ זייט איבערן רעכטן אויג.

— קאָנט איר מיר עפשער זאָגן, ווי אַזוי מ'קאָן אויסאַרבעטן אַ „גיר", וואָס האָט זיבן אָפּעראַציעס, מיט זעקס מענטשן, הע? — האָט ער דערביי אַ פרעג געטאָן מיט אַ ביטערן סאַרקאַזם און בעאיס־מייסע אַ פיר געגעבן זיינע גרויסע אויגן אָף יעדן איינציקן פון די מענטשן — מר. סוואָן איז אַ גרויסער אינזשעניר, ניט אַזוי?

אין דער לעצטער פראַזע האָט אַ קלונג געטאָן דער גאַנצער ווייטיק, וואָס האָט זיך אין אים אָנגעזאַמלט. די מענטשן האָבן אונטערטעניק און ביטער געשמייכלט און אַ ווילע שפּעטער זיינען די עטלעכע מאַשינען אַוועק אין גאַנג...

די זון האָט אַ גלאַנץ געטאָן אַף די גלעזערנע דאַך־טיילן און אַף אַלע פענצטער און עס איז אָנגעקומען די מיטאָג־שאָ. די מענטשן זיינען געלאָפן אין אַלע זייטן אָפּצוקלינגען זייערע צייט־קאַרטעס, געכאַפּט זייערע פעקעלך עסן און געלאָפן אין דרויסן אַרויס. אייניקע זיינען פאַרבליבן אין דער געביידע און זיך צעשאָטן אין אַלע זייטן אין די ווינקלען. דער רויש האָט זיך איינגע־שטילט, די רעדער — אָפּגעשטעלט.

ראַלפס הויכע פיגור האָט זיך לאַנגזאַם באַוואויגן מיט זיין שפּייז־קעסטעלע אין דער האַנט. ער איז צוגעקומען צו זיין ביורקע און זיך אַוועקגעזעצט צו זיין מאָלצייט. בעאייס ער האָט צעפּאַקט די שפּייז און אָנגעפילט דאָס קליינע אַלומינום־שעלכל מיט דער קאַווע, האָט אַף אים אַ ווייע געטאָן מיט דער וואַרעמקייט פון דער היים און ער איז איבערוועלטיקט געוואָרן מיט אַ צאַרט, פאָטערלעך געפיל און ער האָט אָפּגעזיפצט. דער קאָפּ איז אים עפּעס ניט געווען קלאָר. עס איז אים קעסיידער געקראָכן דער אַלטער טים פּאַרקנס און זיין שאָכן קאָלינס. דער גאַנצער איניען וואָס ער, ראַלף בון, איז אַ שפּייזער פון אַ פאַמילע, האָט אים אויסגעזען מאָדנע. „ס'איז דאָך די גרעסטע נאַרישקייט. צו וואָסער שוואַרץ יאָר דאַרף מען כאַסענע האָבן גאָר איינגאַנצן, ווען דו ווייסט ניט צי היינט־מאָרגן גייסט דו ניט אַרויס נאַקעט ווי אָדעם און דו שטייסט אינמיטן אַ מידבער, וואו עס וואַקסט ניט קיין גרעזל אַפילע, און דו ביסט באַלאָדן מיט פליכטן צו אַ מיש־פּאָכע״...

אָט די געדאַנקען האָבן אים פאַרסאַמט דעם ביסן אין מויל. ער איז שנעל פאַרטיק געוואָרן און זיך אויפגעשטעלט.

עס האָט אַף אים געדריקט אַן אומדערטרעגלעכע לאַסט, וואָס ער האָט געפילט גרינגער צו מאַכן. ער האָט ניט געזען קיין איינ־ציקן מענטשן אין דער גאַנצער געביידע צו וועמען ער זאָל קאָנען צו־גיין ריידן עטלעכע ווערטער. ער האָט אַ טאַפּ געטאָן אין דער אונ־טערשטער הויזן־קעשענע דאָס ליולקעלע — די ליפּן האָבן אים אַ ביס געטאָן, אָבער אין דער געביידע איז ניט דערלויבט געווען צו רויכערן און אַרויסגיין אַפן הויף, האָט ער ניט קיין כיישעק געהאַט. דער ווילן צוצוגיין אין די פאַרבליבענע פרייע מינוטן צו עמיצן אַ רייד טאָן

עפּעס, האָט אים ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דזשימי פּורגעסאָן, וואָס איז בעעמעס אַ מענטש אָן גרויסע פּרעטענזיעס און ער האָט באַשלאָסן צו אים צוצוגיין.

דזשימי איז געווען דער אויפזעער אין צוזאַמענשטעל־אָפּטיילונג און ער האָט באַדאַרפט נעמען אַ שפּאַציר אין לינקן פליגל פון דער געביידע. ער האָט פונדערווייטנס דערזען שימערן עטלעכע בלויע פייערן און אין ליכט — באַם „קאָנווייער" — זיך באַוועגן עטלעכע מענטשן. און מאַכמעס די זון דורך די גלעזערנע דאַך־טיילן האָט אים אַ בלענד געטאָן אין די אויגן, האָט ער ניט געקאָנט זען אַקוראַט ווער דאָס איז, אָבער ער האָט עס פאַרשטאַנען סיי־ווי־סיי. דאָס זיינען געווען עטלעכע פון אַ גרויסער גרופּע רוסן, וואָס זיינען אַריבערגעקומען זיך קוואַליפיצירן אַף טראַקטאָרס און האָבן דאָ געגאָלטן ווי סטודענטן. אָט די מענטשן זיינען געווען צעוואָרפן איבער דער גאַנצער פאַבריק, פון וועלכער דער גרעסטער טייל האָט געאַרבעט אין צונויפשטעל־אָפּ־טיילונג, וואו דער טראַקטאָר ווערט פאַרענדיקט. ער האָט אַלעמאָל צו זיי געהאַט אַ ווידערגעפיל ווי צו רויע, האַלב־פּרימיטיווע און אומוויסנ־דיקע מענטשן, וואָס קומען פון אַ לאַנד אָן ציוויליזאַציע און וויסן ניט קיין גרעניץ ווען אָנצוהויבן און ווען אויסצולאָזן. „פאַרוואָס, צום שוואַרץ יאָר, גייען זיי ניט עסן איצט, אין דער האַלבער שאָ?" אָט די פראַגע האָט ער געשטעלט דזשימי פורגעסאָנען, נאָכדעם ווי ער האָט אים באַגריסט באַ זיין ביורקע. דזשימי האָט אַקוראַט פאַר־ענדיקט זיין מאָלצייט און צוזאַמענגענומען די פּאַפּירן.

— אָ־אָ, — האָט ער געזאָגט, — זיי זיינען צוגעוואוינט ניט צו עסן נאָך פון דער אַלטער היים... — און ער האָט זיך שטאַרק צע־לאַכט פון זיין איינפאַל.

די רוסן, אַ קליינע גרופּע פון פינף, אַלע אין כאַקי־אויבערהויזן, זיינען געשטאַנען באַם „קאָנווייער" איבער אַ פאַרטיקן טראַקטאָר, ווי אַ קאָנסוליום איבער אַ כוילע און עפּעס איינגעטיינעט. זיי האָבן דער־הערט דעם געלעכטער און זיך אומגעקוקט. ראַלף האָט זיי געפרעגט די זעלביקע פראַגע, נאָר אָנשטאָט אָן ענטפער, האָט זיך איינער שנעל אויסגעגלייכט און אַ געשריי געטאָן:

— אָט „דער" קאָן עס דערקלערן!

ראַלף איז עפּעס פאַראינטערעסירט געוואָרן און ניט ווילנדיק געמאַכט אַ שפּאַן נעענטער, קעדיי אויסצוהערן זייער באַקאָשע. עס איז באַ זיי געווען אַ געוואַלטיקער נייגיר צו וויסן, ווי עס קומט דער אויפּרייס וואָס ברענגט אין באַוועגונג דעם מאָטאָר. אין זייער אומ־באַהאָלפענער שפּראַך אין דעם אויסלענדישן אַקצענט, האָבן זיי אים דערקלערט זייער וואונטש. ער האָט עס געגוי פאַרשטאַנען, נאָר אַזאַ פראַגע פון דערוואַקסענע מענטשן, וואָס, דאַכט זיך, יעדעס שול־אינגל אין אַמעריקע ווייסט, האָט אין אים אַ וועק געטאָן עטלעכע פאַרשיי־דענע געפילן. ער איז אָבער גלייכצייטיק געווען גערירט פון זייער ווענדונג צו אים.

— ס'איז גאָרנישט... — האָט ער געזאָגט, און מיט אַ קוים־באַמערקבאַרן שמייכל אַף די ווינקל־ליפּן. האָט ער אָנגענומען דאָס דרעטל באַם קערוועער־ראָד און געפּרעגט צי זיי וויסן וואָס דאָס איז. דאָס האָט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט דעם איניען. אַלע האָבן עס געוואוסט. דאַן האָט ער געפּרעגט צי זיי וויסן צוליב וואָס מ'דאַרף דאָס הענטל באַם ראַדיאַטאָר. אויך דאָס האָבן זיי געוואוסט. אויב אַזוי, איז שוין די גאַנצע זאַך ניט שווער. און ער האָט אַרויסגעצויגן די בלייפעדער פון אויבערשטן וועסטל־קעשענקע און מיט עטלעכע קרייזן אין דער לופטן, אָנווייזנדיק עפּעס אינעווייניק אין מאָטאָר, פאַר זיי אויפגעקניפּט דאָס רעטעניש. באַ דער כעוורע האָבן אַזש אויפ־געפלאַמט די אויגן און ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָבן אַלע אַ געשריי געטאָן: — „אָה!" איינער האָט אַף אים אָנגעשטעלט צוויי אויגן, פול מיט קינע, און אַ פרעג געטאָן:

— דו ווייסט אַלץ וואָס טוט זיך דאָ אין מאָטאָר, ניט עמעס?

דער פריערדיקער שמייכל האָט זיך באַ אים ווידער פאַרגאַנוועט באַ די ווינקל־ליפּן: „איך ווייס אַלץ וואָס טוט זיך דאָ אין דער גע־ביידע"... — האָט ער געזאָגט. און מיט אַ געפיל פון שטאָלץ און דערלייכטערונג האָט ער זיך אומגעקערט צו זיין פריינט, אַ זאַג־טוענדיק:

— זיי זיינען ניט קיין שלעכטע באָכערים...

— ביין.

און בעאייס ער האָט עס געזאָגט, האָט איינער פון זיי אויס־געשריען: — „אָט, אַזעלכע דאַרף מען דאָרט!" אויסגעשריען

אין ענגליש, אַפּאַנעם ניט אָן אַ קיוון. ער האָט ניט־ווילנדיק אומ־געקערט דעם קאָפּ איבערפרעגנדיק: „וואו?"

— אָ, וואו? . . . — האָט דער באַכער אויפגעלעבט און ענער־גיש אויסגעשאַלט — באַ אונדז! . . . דאָרט, אַף יענער זייט! — און דערביי אַ שליידער געטאָן זיין העלע טשופּרינע אין דער ריכ־טונג, וואו ער האָט געוויזן.

דזשימי פורגעסאָן האָט אַ לאַך געטאָן:

— נו, פאָר אַהין! וואָס . . . צו אַלדי רוכעס!

ראַלף האָט ניט קיין כיישעק געהאַט צו ריידן דערפון, און נאָכ־דעם ווי ער האָט זיך מיט אים איבערגעוואָרפן מיט עטלעכע זייטיקע ווערטער, האָט ער אַ קוק געטאָן אַפן זייגער און זיך אומגעקערט אין צענטער פון דער געביידע.

אָבער

באַלד פון דער דאָזיקער מינוט האָט ער זיך דערפילט אויפגעטראָגן און דערשלאָגן. צוריק־געקומען אין דער אָפּטיילונג און זיך אומגעקוקט אין זיין „קעניג־רייך", האָט ער דערווישט אַזאַ שטילקייט, אַז עס האָט אים נאָכאַ־מאָל דורכגעשוידערט דורך אַלע גלידער. די מיטאָג־צייט האָט זיך שוין געהאַלטן אין ענדיקן, עס האָבן זיך שוין צוגערוקט די לעצטע מינוטן און קיין איינער פון די מענטשן האָט זיך נאָך ניט געהאַט אומגעקערט, ניט דאָ און ניט אין די אַנדערע אָפּטיילונגען.

עס איז אים געווען קלאָר: די דיסציפּלין איז געבראָכן. ניטאָ מער קיין אָל און באַ קיינעם קיין מאַכט. און אָט דאָס וואָס ער האָט איצט געהערט, אַז ערגעץ ווייט איבערן אָקעאַן, אַף אַן אַנדער קאָנ־טינענט, אין אַ האַלב־ציוויליזירט לאַנד, דאַרף מען האָבן אַזעלכע ווי ער, האָט אים געגעבן אַ לייכטן קראַמף אין אינגעווייד. און אַף דעם געלעכטער וואָס זיין פריינט דזשימי פורגעסאָן האָט אַ לאַך געטאָן, האָט ער לאַכלוטן ניט געזען קיין באַרעכטיקונג, וואָרים וואָס, צום שוואַרץ יאָר, איז דען דער אונטערשייד וואו מ'אַרבעט? דער קאָפּ איז אים בעעמעס געווען צו קליין צו באַנעמען די זאַך ווי גע־העריק. ער איז איבערפילט געוואָרן מיט אַ דורשט נאָכאַמאָל צו זען די רוסן. געפילט מיט זיי צו ריידן און ריידן. אָט דאָס וואָס

מענטשן קומען אַריבער פון אַזוי ווייט, טאָן זייער זאַך מיט אַזוי־
פיל כיישעק, אַז זיי געדענקען ניט צו עסן, האָט באַקומען אַ געוואַל־
טיקן רייץ אין זיין פאַנטאַזיע און ער האָט געפילט ווי עס שטעכט
אים יעדער טראָפן בלוט אין לייב פאַר אומגעדולד צו דערגיין וואָס
דאָ טוט זיך.

ער האָט, נאַטירלעך, ניט געקאָנט איבערלאָזן אין דעם מאָ־
מענט די אָפּטיילונג אַליין, אָבער ווען מען האָט זיך צוריקגעשטעלט
צו דער אַרבעט, און אַלע זיינען געווען אַף די ערטער, האָט ער נאָך
באַזאָרגט אַ פּאָר קליינינקייטן — אָנגעשריבן אַ פאַרלאַנג פאַר איינעם
פון די מענטשן נאָך שטאָל אַף „שניידערס״ פאַר זיין מאַשין, אַוועק־
געלייגט אַ פרישן „בליו־פּרינט״, וואָס ער האָט באַקומען פון אָפּיס
און איז אַוועק.

אין דער עמעסן איז ער געווען אין סאָפעק צי ער וועט זיי
טרעפן איצט. די כעוורע האָט דאָ געהאַט פּריווילעגיעס, וואָס קיי־
נער פון די לויז־שקלאַפן האָט ניט געהאַט, און עס האָט זייער גע־
קאָנט מעגלעך זיין זיי זאָלן האָבן אַוועק: פריער, צי שפּעטער —
עסן דאַרף מען דאָך. נאָר צו זיין איבערראַשונג, האָט ער זיי גראָד
יאָ געטראָפן. עמעס, ניט אַלע. פריער האָט ער דערזען צוויי,
נאָכדעם — אַ דריטן, און דער דריטער איז גראָד געווען דער, ווע־
מען ער האָט געוואָלט זען מער פון די אַנדערע, אָט יענער וואָס האָט
אויסגערופן: „אַזעלכע דאַרף מען דאָרט!״ אַפן אָרט פון יענע
צוויי, האָט שוין געהאַוועט אַ גרעסערע גרופּע. די אָפּטיילונג איז
שוין געווען אין מיטן דער אַרבעט. עטלעכע פּאַרטיקע טראַקטאָרס,
וואָס זיינען גראָד אַרויסגעפירט געוואָרן צו די פראַכט־וואַגאָנען,
האָבן אויפגעהויבן אַ געוואַלטיקן טומל, אָבער אין דער עמעסן האָט
דאָ גאָרניט אויסגעזען אַנדערש, ווי אומעטום אין דער געביידע. דער
„קאָנווייער״ האָט זיך אינגאַנצן ניט באַוואויגן, און די האַלבע טראַק־
טאָר סקעלעטן האָבן מאַמעש געלעכצט אָנגעקליידט צו ווערן אין
„בלוט־און־פלייש״, אָבער זיי האָבן, מיט די ווייניק מענטשן אין אָפּ־
טיילונג איצט, ניט געקאָנט דערוואַרטן זיך דערויף.

ראַלף איז צוגעגאַנגען צום רוס. דזשימי איז גראָד ניט געווען
אין אָפּטיילונג און ער האָט אים אַ פרעג געטאָן וואו ער איז. דער
באָכער האָט אויסגעזען צו זיין שטאַרק איבערראַשט פון זיין פּלוצ־

לונגן דערשיינונג דאָ. דאָס פּאָנעם מיט די מאָנגאָלישע באַקן־קנאָכן האָט זיך באַ אים אַ צענעם געטאָן אין דער ברייט און די העלע אויגן־אַפּלען האָבן זיך באַ אים אָנגעצונדן ווי צוויי לעמפּעלעך.

— אָ, ניין, מיסטער, ער איז נישטאָ . . . — האָט ער געזאָגט — ער איז אַרויס צו די פּראַכט־וואַגאָנען.

דער גאַזאָלין רויך פון די אַרויס־פאָרנדיקע טראַקטאָרס, וואָס האָט זיך צעלייגט איבערן פליגל, האָט אים געביסן אין האַלדז. ער האָט אָנגעוואונקען צום באָכער און ער איז מיט אים מיטגעגאַנגען. אייגנטלעך איז ער פאַרבליבן אַף דער אַנדערער זייט פון „קאָנווייער", אָבער דאָס האָט אים ניט גע־אַרט. ער האָט פּאַמעלעך, קורץ און קלאָר ווי מעגלעך, מיט אים אַ רעד געגעבן, און בעאייס ער האָט עס געטאָן, האָבן אַרום באָכער זיך אויפגעקליבן נאָך עטלעכע פון זיינע פריינט. זיך אָנגעשפּאַרט איינער אַפן צווייטן און צוגעהערט. ער האָט באַ זיי געפרעגט צי זיינען טאָקע פאַראַן דאָרט טראַקטאָר־פאַבריקן, זיך נאָכגעפרעגט וועגן הונגער און וועגן סטאַלינען. זיי האָבן אים דערקלערט, קלערער געמאַכט, מיט זאַכן מאַסקים געווען, אַנדערע — אָפּגעשטריטן. און ער האָט ניט געצווייפלט קיין איין מינוט אין זייער אויפריכטיקייט. זיי האָבן אויסגעזען אַ פיינע כעוורע. און ער איז געווען פונקט אַזוי אויפריכטיק ווי זיי, און דאָס האָט אים גראָד געאַרט: עס איז עפשער געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואָס ער האָט גע־רעדט אַזוי ערנסט מיט מענטשן פון אַן אַנדער שטאַנד, דערצו פאַר אים אינגאַנצן פרעמדע. כימאַט פון אַן אַנדער וועלט, מיט אַנדערע באַגריפן — מענטשן, וועמענס אויסשפּראַך און אויפן ריידן אפילע ער האָט שווערלעך באַנומען; ער איז געשטאַנען מיט אַ פוס אַפן „קאָנווייער", מיט אַן אויער אָנגענויגט צו די מענטשן, מיט אַן אויג געווענדט אין דער ווייט צי מען זעט ניט ערגעץ מר. סוואַן און פאַר זיינע אויגן האָבן געבליצט בילדער פון אַ גרויס לאַנד, פון ריזיקע שטרעקעס, פון טייכן און וועלדער, פון אָרימע אין יאַד, שפּעטער — באַ מאַשינען, פון אויסגעגלייכטע רוקנס, פון שטעט און פאַבריקן, פון מענטשן באַ אַרבעט און די לאַד אין האַרץ איז אים געוואָרן

טיפער, טיפער; ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און דאַן איז ער אַוועקגעגאַנגען.

ער איז אָבער נאָך געבליבן אומצופרידן. דאָס ערשטע מאָל אין זיין יאָרן־לאַנגער דינסט האָט ער דערפילט אין האַרצן אַ סינע צו זיין פליכט. ער האָט אייגענטלעך באַ דעם קליינעם פּערסאָנאַל געהאַט ווייניק־וואָס צו טאָן. ער האָט אָבער דאָך, צווישן די עט־לעכע קלייניקייטן וואָס ער האָט באַזאָרגט, זיך ווידער אָראָפּגעכאַפּט אין צוזאַמענשטעל־אָפּטיילונג.

דאָס מאָל האָט דער באָכער אים דערקלערט, אַז ער וואָלט עפּ־שער געקענט פאַרנעמען אַ גרויסן פּלאַץ דאָרט אין אַ פאַבריק. יאָ, ער האָט ניט געצווייפלט, צי אַזוי איז עס. אָבער ווי קומט מען אַהין? ס׳איז דאָך שרעקלעך ווייט. און ער האָט דאָך אַ פאַמיליע. יעזוס . . .

דער באָכער האָט אים אויפגעשריבן אַן אַדרעס פון אַן אָפּיס אין צענטער פון שטאָט, וואו ער קאָן אויסגעפינען אַ סאַך אינפאָרמאַ־ציע און אויב ער זאָל באַשליסן צו פאָרן, אים עפּשער העלפן אויס־שטאַטן די רייזע און, מעגלעך, אַפילו באַזאָרגן די פאַמיליע. ער האָט קוים געאָטעמט בעאייס ער האָט זיך אומגעקערט אין זיין אָפּטיילונג און צוגעדריקט דאָס צוזאַמענגעלייגטע שטיקל פּאַפּיר אין וועסטל־קעשענע . . .

איצט האָט ער דערפילט אַ סינע צו דער פאַבריק־אַדמיניסטראַ־ציע, פון וועלכער ער האָט זיך ביז איצט שיר־נישט באַטראַכט פאַר אַ טייל. ער האָט אָבער פאַרט כיישעק געהאַט נאָכאַמאָל צו זען דעם באָכער און ווען ער האָט זיך פאַרנומען צו גיין ,איז פּלוצלונג אָנגעקומען מר. סוואָן און אַ געשריי געטאָן:

— העי!

ער האָט זיך שנעל אומגעקערט. מר. סוואָן האָט געוואָלט וויסן ווי ער האָט איינגעשטעלט די אָפּטיילונג. ער האָט אים דערקלערט, אַז די בויער־מאַשינען אָפּערירן ניט היינט. מר. סוואָן האָט געוואָלט וויסן די סיבע. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט דערווייל גענוג אויס־געבויערטע „גירס" און ווען ער וועט האָבן גענוג פון אַן אַנדער אָפּעראַציע, וועט ער איינעם פון די מענטשן שטעלן צו די בויער־מאַשינען. מר. סוואָן האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און איז אַוועק.

איצט איז ער מיטאמאל אויפגעבראכט געוואָרן אַף דעם אויפן ווי ער האָט אים אַ רוף געטאָן. בעאייס מר. סוואַנס מעכטיקע פיגור האָט זיך פאַרנומען אונטער דער ריי בויער־מאַשינען, האָט ער אים נאָכגעשיקט אַ צאָרנדיקן בליק:

— „היי" איז פאַר פערד!

ער האָט זיך גלייך באַרואיקט און באַשלאָסן מער ניט צו גיין אינערגיץ. ער האָט זיך גענומען באַזאָרגן זאַכן: אויסגעשריבן פאַרלאַנגען — איינעם נאָך רויע „גירס" פון דער גיסעריי, אַ צווייטן — ווידער נאָך שטאָל פאַר „שניידערס", אַליין אָפילע צוגעשאַרפט אַ שטיקל געצייג אָפן עלעקטרישן שאַרף־שטיין פאַר איינעם פון די מענטשן, וואָס האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי עס צו טאָן, אָבער באַוועגט האָט ער זיך אַלץ ווי אין אַ פאַרנעפּלטער וועלט, פול מיט שטרייטנדיקע געפילן, מיט קעגנגעזעצטע געדאַנקען, מיט צווייפל און האָפענונג. אַזוי האָט ער פאַרענדיקט דעם טאָג.

פאַרנאַכט

האָט ער אַרויסגעטראָגן אַן עמערל וואַסער און אָנגעפילט דעם ראַדיאַטאָר פון זיין אויטאָ. בעאייס ער האָט עס געטאָן, האָט אַף די רייען אויטאָמאָבילן פון די אָנגעשטעלטע שוין אָפּגעגלאַנצט דאָס רויטלעכע ליכט פון דער נידעריקער זון, וואָס האָט ווי צעשמאָלצענער גאָלד געפלאָמט צווישן די וואַסער־טאַנקען, קוימענס און שטאַנגען. דאָס עמערעל האָט ער, אַרויספאָרנדיק דערלאַנגט פאַדדי דזשענינגס, דעם וועכטער באַ דער אָפצוימונג, און ווען יענער האָט צו אים אַ געשריי געטאָן: „גוטע נאַכט!" האָט ער שוין קוים געהערט דעם עכאָ דערפון. ער האָט זיך אַ טראָג געטאָן צום שליאַך אין פולער אימפעט און אין אַ וואָסערע עטלעכע מינוט געווען אין שטאָט; דורכגעשניטן עטלעכע גאַסן און באַלד געווען אין רוישיקן האַנדלס־צענטער. דער טומל און געדרענג און דאָס אָפטע אָפשטעלן זיך אַף די ראָגן צוליב דעם קעסיידערדיקן בייטן פון די פאַרקער־סיגנאַלן, האָט אים אַביסל דענערווירט, אָבער ער האָט זיך טייקעף דורכגעשלאָגן אַ וועג און זיך גענומען אַרויס אַפן גרויסן וואַשינגטאָן בולוואַרד. אָט דאָ, אַף דער דאָזיקער גאַס, וואָס נעמט אַרום ווי אַ רינג דעם ריזיקן שטעטל פון שטאָט, האָט אים טאָמיד געמאַכט פילן עפּעס גוט. די סאַף־סעפּטעמבער

לופט איז געווען ריין. דער טייל פון לאַנד איז באַזונדערס פּרעכטיק אין דער צייט פון יאָר. די האַרבסטיקע בלעטלעך אויף די שפּיצן פון די בוימער צווישן די צוויי גלאַט־געפּלאַסטערטע וועגן האָבן מאַיעסטעטיש אָפּגעגלאַנצט אין דעם דאַזיקן ביין־האַשמאַשעס. די גאַסן־לאָמפּן האָבן שוין געלויכטן, כאָטש עס איז נאָך געווען גוט ליכטיק. זיין געדאַנק האָט זיך אַ טראָג געטאָן פריי, ווי זיין אויטאָ־מאָביל. די לאַגע איז פאַר אים געלעגן קלאָר ווי דער געפּלאַסטער־טער וועג:

ער, ראַלף בון, אַן אור־אייניקל פון דעניעל בון, וואָס האָט גע־האָלפן לייגן דעם ווינקלשטיין פאַרן אישעוו אין דער וועסט, וועט זיך עפּשער איצט דאַרפן שיידן דאָ, איבערלאָזן אַ פאַמיליע און אַוועק ערגעץ אין אַ ווייט און פרעמד לאַנד, וואו ער קאָן ניט די מענטשן, ווייסט ניט די מינהאָגים, פאַרשטייט ניט די שפּראַך, אַ לאַנד, וואָס ער האָט אין דער עמעסן פיינט, פיינט, מיט דער גאַנצער אָרדענונג, אָבער ער איז גרייט צו פאָרן אפילו אויף דער לעוואָנע, אַבי ניט צוקומען צו דער לאַגע פון זיין שאַכן טאָם קאַלינס. זיין געדאַנק האָט זיך דורכגעבויערט דורך יענער ווייטער צייט צו זיין שוירעש, און ער איז געזעסן שטאָלץ. די זאַך איז איבער אים נאָך געהאַנגען בלינד ווי זיין גוירל און ער איז אַראָפּגעפאַלן פון יענער הויך. זיין קאָפּ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט קלייניקייטן, ניט־וויכטיקע ברעקלעך, אין וועלכע ער האָט זיך פאַרלוירן קימאַט ביז צו פאַרגעסנהייט.

אינדערהיים האָט ער געטראָפן מר. ניוטאָן פון דער „סטייט ריעל־טי קאָמפּאַני". ער האָט אין די פאַרגאַנגענע טעג באַדאַרפט צאָלן דעם מאָרטגעדזש (היפּאָטעק) אויף זיין הויז. ער האָט זיי געשריבן, דערקלערט און געבעטן אָפּצוואַרטן מיטן כויוו. עס איז באַ אים קימאַט ניט געווען קיין ספּפעק, אַז זיי וועלן דאָס נעמען אין אַכט, ווייל עס איז געווען אַן אומגליק, וואָס האָט אָנגערירט דעם גאַנצן קלאַל: סכירעס זיינען געשניטן, בענק — באַנקראָטירט; ער האָט זיי בעפּיירעש געשריבן, אַז ער קאָן ניט אויפברעכן די טירן פון דער צוגעמאַכטער באַנק, וואו ער האָט געהאַלטן זיין אָפּגעשפּאָרטע געלט און אַרויסנעמען וואָס אים קומט. זיי וועלן מוזן צוואַרטן — אַזוי האָט ער זיי געשריבן — ביז ער וועט באַקומען זיינע צוויי־וועכנטלעכע סכירעס. אָבער ווען ער איז אַהיימגעקומען האָט ער געטראָפן דעם

דאָזיקן מענטש באַ זיך אין הויז. בעאייס ער איז צוגעפאָרן צו דער שטוב, האָט ער נאַטירלעך נאָך ניט געוואוסט פון קיין זאַך. ער האָט אויפגענומען די קינדער און מיט זיי אַריינגעפאָרן אין גאַראַדזש. ביידע, דער קלענערער אינגל, דזשאָרדזש, און דאָס אינגסטע קינד זיינס, ווירדזשיניע, האָבן געהאַט „סקייטס" אַף די פיס, מיט וואָס זיי זיינען אומגעפאָרן אַפן טראָטואַר, און ער האָט זיי געהאָלפן אַריין אין דער מאַשין. דער עלטערער אינגל, אַל, איז ניט געווען. ווען ער איז אַרויס פון גאַראַדזש האָט ער זיך שיר־ניט אָנגעשלאָגן די נאָז אָן שטריק פון די וועש; אַפן הויפל איז שוין געווען טונקל און דאָס ליכט אין קיך־פענצטער האָט אים אַ בלינצל געטאָן גלייך אין די אויגן. דזשוליע איז אים אַנטקעגנגעלאָפן און אים אָנגעוואונקען ווער עס וואַרט אַף אים. ער איז טייקעף באַהערשט געוואָרן פון צאָרן. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן אין קיך דעם ווייכן קאַשקעט פון קאָפּ און איז אַריין אין צווייטן צימער, וואו מר. ניוטאָן איז געזעסן ברייטלעך אַף אַ שטול, דעם פאָרטפעל און הוט אַפן טיש און אַ פוס פאַרלייגט איבער אַ פוס. מר. ניוטאָן האָט אים באַגריסט און אים איבערגע־געבן זיין שליכעס, וואָס ער, ראַלף, האָט שוין פאַרשטאַנען סיי־ווי־סיי. ער האָט שווערלעך אָפּגעזיפצט און אַ זאָג געטאָן:

— הייסט עס, מר. ניוטאָן, מיין בריוו איז געווען אַרויסגע־וואָרפן?... — און ער איז געבליבן שטיין מיט אַ ציטערדיקן און שטייגנדיקן קאַעס אין האַרץ, וואַרטנדיק אַף אַן ענטפער.

מר. ניוטאָן האָט מיטאַמאָל אַראָפּגענומען דעם פוס און אַ זאָג געטאָן פון אונטער זיינע אָפּשטייענדיקע, צעבאַרשטע וואָנצעס:

— מיסטער בון! וועגן די בענק וויל איך אייך זאָגן דאָס: דענקט איר ניט, אַז דאָס האָט געטראָפן אונדז פונקט ווי אייך? דאָ, וואו איר האָט צו צאָלן אַ קליינעם כויוו, האָבן מיר אַ גרויסן. ניט ריכטיק?

ראַלף האָט ניט געענטפערט.

— יאָ, — האָט ער פאַרגעזעצט, — און נאָך אַ זאַך, מיסטער בון! איך וויל עס דאָ קלאָר מאַכן אַפן אָרט: איך בין ניט מער ווי אַ פאַרטרעטער פון אַ פירמע און פיר בלויז דורך אַ שליכעס. דאָס איז מיין פליכט.

אָט די דאָזיקע ווערטער האָבן אים עפּעס געטראָפן אין דער

סאַמע טיפעניש פון האַרץ. ער האָט דערין דערפילט אַ שווידערלעכע אַוולע און אַ נידערטרעכטיקייט דערצו.

— יאָ... איך ווייס... — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — מיר טוען אַלע נאָר אונדזער פליכט. און נאָכדעם טוט מען צו אונדז דאָס, וואָס מיר טוען צו אַנדערע!...

און אַ שטראָם פון הייסע ווערטער האָט אים מיטאַמאָל אַ פלייץ געטאָן אין האַלדז אַריין. ער האָט דערפילט צו זאָגן און זאָגן, אָבער ער האָט זיך שנעל קאָנטראָלירט, נאָר זיין שטייגנדיקע אויפרעגונג האָט זיך אויסגעדריקט אַף זיין פּאָנים און באַזונדערס אין די אויגן־ווייסלען, וואָס זיינען טייקעף פאַרצויגן געוואָרן מיט דינע בלוט־אָדערלעך. מר. ניוטאָן האָט עס גוט באַמערקט און זיך אַנטשולדיקט. ער האָט אָפּגעוואָרט אַ ווײַלע און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן טאָן, קימאַט פריינטלעך, אים געראָטן זיך אַנצושטרענגען אַביסל און גוטמאַכן די זאַך מיט אַ קליינער איינצאָלונג איצט און דאָס איבעריקע — שפּע־טער. נאָך אַלעם איז עס אַ קליינע סומע, — האָט ער דערקלערט. נאָר ראַלף האָט ניט געענטפערט און געמאַכט אַ שפּאַן איבערן צי־מער. מר. ניוטאָן האָט עס, קענטיק, אָנגענומען פאַר אַן ענטפער, מאַכמעס ער האָט פאַררויכערט, צוזאַמענגענומען דעם פאַרטפעל מיטן הוט און זיך געזעגנט, זאָגנדיק: „אַלץ וואָס ער קאָן טאָן, איז איבערגעבן דעם איניען, ס'הייסט דעם „באַריכט", ווי ער קריגט אים. דאָס אַלץ".

ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, איז אַריין אַל, אַ באָכערל פון אַ יאָר עלף, אין זיין כאַקי־אוניפאָרם, באַגלייט פון זעפּן, אַ ריזיקער הונט פון וואָלפישן טיפּ. ראַלף האָט עפּעס אַ קוק געטאָן. דער הונט, וואָס דער אינגל האָט דורכגעלאָזט אָפריער, האָט אַ שמעק געטאָן צום פרעמדן, וועלכער האָט זיך קאָמיש דורכגעשאַרט, מאַכנדיק אַ ברייטן דורכגאַנג פאַרן הונט. דער אינגל איז אַריינגעקומען ווי אַ יעגער, מיט אַ גרויסן ביקס אָנגעהאַנגען אָפן אַקסל און מיט אַ גרויסן דערשאָסענעם שוואַרץ־גלאַנציקן פויגל, וואָס ער האָט גע־האַלטן אויפגעהאַנגען אַף אַ פינגער באַ די פאַרשטייפטע פיסלעך. ער האָט זיך צוויי מאָל געווענדט צו ראַלפן, אַ הויב טוענדיק אים דעם פויגל פאַר די אויגן, נאָר מאַכמעס ראַלף האָט ניט געהאַט קיין געדולד אַ קוק צו טאָן, איז ער אַרויס פון צימער. אין דער רעגע

איז אין דער קיך־טיר אַריינגעשוואומען דזשוליע. דער געבלומטער שירץ, די קאַשטאַנענע האָר און דאָס העלע פּאָנים אירס האָבן טיי־קעף אַ צי געטאָן זיין בליק און ער איז שטיין געבליבן.

— מוירע, — האָט ער אַ זאָג געגעבן, — האָב איך ניט. ביז זיי קאָנען עפּעס טאָן, וועלן דערוויל אונטערקומען מיינע סכירעס. אַלץ וואָס זיי קאָנען טאָן איז: מיר רעכענען דעם פּראָצענט אָפן כויוו. אָבער דאָס וואָלטן זיי דאָך געקראָגן סיי־ווי־סיי. נאָר דער גאַנצער אייסעק זעט מיר אויס אַ שווינדל. מ׳האָט דאָ פאַרקויפט אַ גאַס מיט הייזער — קיינער איז דאָ ניט רייכער פון מיר — און מען האָט זיך איצט פאַרנומען אָפּצורייניקן די גאַס. אָנגעהויבן האָבן זיי מיט טאָם קאָלינסן, איצט וועלן זיי נעמען ראַלף בון, נאָכדעם וועט מען גיין ווייטער, ביז אַרויף צו וואַשינגטאָן בולוואַרד. די גאַנצע גאַס דאָ איז דאָך זייערע. שפּעטער וועלן זיי פאַרקויפן דאָס אייגנטום צו אַנדערע און מיסטאָמע ווידער טאָן די זעלביקע זאַך. אַנדערש זעט עס ניט אויס.

די פרוי איז, קענטיק, אָנגעגריפן געוואָרן פון דער איבערצייגנ־דיקער קראַפט פון זיינע ווערטער און דערפילט דעם ווייטיק פון איר מאַן. אין אירע בלויע אויגן האָבן אויפגעפלאַמט צוויי טליענדיקע פונקען, מיט וועלכע זי האָט, אַ קוים־אָטעמדיקע, באַטראַכט איר שפּייזער, וואָס האָט אַן אויפגערעגטער אַ שפּאַן געטאָן איבערן צי־מער.

— ראַלף, — האָט זי אַ זאָג געטאָן, — דו דאַרפסט זיך ניט באַאומרואיקן וועגן דעם. אָ, מיין גאָט, ווי איך באַוואונדער די שכיי־נים דאָ אין גאַס, וואָס לאָזן זיי, די אַגענטן פון דער ריעל־עסטייט קאָמפּאַני, גאָר אַריבער זייערע שוועלן זיי זאָלן ניט מער ווי פאַרשאָפן אַגמעס־נעפעש אין די הייזער. מיט אונדז קאָן דאָך ניט פּאַסירן דאָס זעלביקע, ווי מיט די קאָלינסעס. אין עטלעכע טעג אַרום קריגסטו דאָך דיינע סכירעס און איבער דער צייט, זאָגסטו דאָך אַליין, אַז זיי וועלן גאָרניט קאָנען אויפטאָן. טייערער, גיי אַריין, וואַש זיך אַרום, דאָס עסן איז גרייט.

ראַלף האָט דערפילט ווי אַ נאָענטע און וואַרעמע האַנט וואָלט אים באַרואיקט און ער האָט געפאָלגט. ער איז אַוועקגעגאַנגען אין וואַש־צימער.

אַ ווײַלע שפּעטער איז די פֿאַמיליע געזעסן באַם אָוונט־מאָלצייט אין עס־צימער. ראַלף האָט פֿאַרנומען דעם שטול, אַף וועלכן עס איז מיט אַ ווײַלע פֿריער געזעסן מר. ניוטאָן. די שיטערע הערעלעך אַף זיין הויכן שטערן האָבן לייכט געציטערט, ווי עס וואָלט אין צימער זיך דורכגעטראָגן אַ ווינטל. די אָנוועזנקייט פֿון דעם אַוועקגעגאַנגענעם מענטש, האָט נאָך, דאַכט זיך, געשוועבט אין צימער. ראַלף איז געזעסן ערנסט און גערינצלט דעם שטערן. דער שאָטן פֿון זיין געמיט איז געפֿאַלן אַף דער גאַנ־צער מישפּאָכע. אַלע האָבן געגעסן שווייגנדיק און געקלונגען מיטן געשיר. ראַלף האָט אַוועקגעשטעלט דעם גאָפּל אַף זיין סטיו און שניידנדיק פֿאַרטראַכט מיטן מעסער האָט ער דערוויל פֿאַרגעסן וואָס ער טוט און געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך, האַלטנדיק דאָס אָפּגעשני־טענע שטיקל פֿלייש אויפֿגעשטאָכן אָפֿן גאָפּל. יעדער מוסקול־ריר אַף זיין פּאָנים האָט דערביי אויסגעדריקט אַן אינערלעכע רעגונג.

— עס, פֿאַרוואָס עסטו ניט ? — האָט אים דזשוליע דערמאָנט.

— הע ? ? . . . — האָט ער אַ זאָג געטאָן, —יאָ, איך עס . . .

— אָבער ער איז טייקעף ווידער געבליבן זיצן פֿאַרטראַכט.

— וואָס איז, ראַלף, עס שמעקט דיר ניט ? דאָס איז דיין באַ־ליבט מייכל.

— יאָ, ס'איז געשמאַק . . . — האָט ער געזאָגט, כאָטש ער האָט נאָך ניט געהאַט פֿאַרזוכט.

ער האָט אַ ווײַלע געגעסן און מיטאַמאָל זיך אומגעקערט צו דזשוליען און אָנטשלאָסן אַ זאָג געטאָן :

— איך דענק, אַז עס איז געקומען די העכסטע צייט זיך אומ־צוקוקן וואו מיר שטייען אין דער וועלט. איצט, ווען איך האָב שוין אַזעלכע קינדער, דאַרף מיר נאָך טריקענען די האָר אָפֿן שאַרבן צי איך וועל מאָרגן ניט בלייבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

— אָ, ראַלף, — האָט דזשוליע אַ זאָג געטאָן, — ביסט איצט הונגעריק און אָנגעשטרענגט פֿון אַ טאָג אַרבעט. עס אָפּ און רו זיך אָפּ. וועסט זען, וועסט נאָכדעם פֿילן אַן אַנדער מענטש און מער ניט טראַכטן פֿון די אַלע זאַכן.

אָבער ראַלף האָט ניט געהערט וואָס זי זאָגט און פאָרגעזעצט:

— איך טראָג באַ מיר אַ וואונד אין האַרץ, וואָס איך דערצייל ניט פאַר קיינעם. אָבער איצט, גלויב איך, איז געקומען אַ מאָמענט, וואָס איך דאַרף עס מער ניט באַהאַלטן.

דזשוליע איז מיטאַמאָל געוואָרן נייגעריק:

— וואָס מיינסטו?

— איך בין שוין געבליבן אין מיין אָפּטיילונג מיט זעקס מענטשן. ערשט שאַבעס אָוונט האָבן זיי מיר ווידער אַוועקגעשיקט צוועלף.

דזשוליע האָט געעפנט ברייט די אויגן; איר פּאָנים האָט אויס־געדריקט אומרו.

— איך זיץ איצט און טראַכט: עס איז מער ניטאָ ביים אַמערי־קאַנער די בושע אָנצוקומען נאָך צדאָקע. אָבער דאָס שטיין מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט אָפענע אויגן אין טאָג־ליכט, באַ איי־נעם וואָס האָט ערשט אַנומלט באַזעסן אייגנטום און געהאָט אַ פיינעם „סטודעבייקער", דאָס שטיין פון אַזאַ איינעם אין דער „ברויט־ריי", איז עפּעס אַ זאַך, וואָס איז שווער אַראָפּשלינגען: מען האָט טאָם קאַלינסן געזען באַ סטוארטס פּאָנ־דיישאַן אין דער „ברויט־ריי".

די פרוי איז געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל:

— אָ, מיין גאָט! — האָט זי אַ זאָג געטאָן.

— איך בין נאָך גענוג מאַן ניט צו דערלאָזן, אַז איך זאָל קומען צו אַזאַ צושטאַנד. און אויב מיין לאַנד, וואו איך בין געבוירן, און וואו מיינע אור־אור־עלטערן זיינען געבוירן געוואָרן, קאָן מיך מער ניט אויסהאַלטן, וועט זיך נאָך אָפּזוכן ערגעץ אַ ווינקל אַף דער ערד פאַר מיר אויך.

דזשוליע האָט פאַרהאַלטן דעם ביסן אין מויל:

— טראַכט דאָך ניט אַוועקצופאָרן קיין מעקסיקאָ, ראַלף.

— ניין, ניט קיין מעקסיקאָ.

— וואוהין דען?

— איך ווייס נאָך אייגנטלעך גאָרניט...

דזשוליע איז געווען אומרואיק. זי האָט אויסגעדריקט איר זי־

בערקייט, אַז ער פּלאַנט עפּעס, וואָס ער האָט ניט געלייקנט, און זי האָט אַ זאָג געטאָן:

איך דענקט ניט, אַז דו דאַרפסט עס האַלטן אַ סאָד פאַר מיר.

— ניין... זיכער... דו וועסט עס וויסן פריער ווי אַן אַנדערער...

געפּייניקט פון איר אומרו און נייגיר האָט זי ניט אָפּגעלאָזט:

— וואו? — האָט זי געפרעגט.

און ראַלף האָט אַ זאָג געטאָן איינפאַך:

— קיין רוסלאַנד.

די פרוי איז, קענטיק, געווען געטראָפן ביז איןביין: עס האָט איר מאַמעש אָפּגענומען דאָס לשון. ראַלף האָט עס באַמערקט און געזאָגט:

— איך גלויב ניט, דו זאָלסט וועלן איך זאָל דאָ וואַרטן אַף טאָם קאָלינס סאָף.

— ניין, — האָט זי אַ זאָג געטאָן, — אָבער גאָט אין הימל, וואָס גראָד רוסלאַנד?

— איך קאָן ניט פאָרן אין אַן אָרט, וואו מען דאַרף מיך ניט האָבן.

— און פון וואַנען ווייסטו, צי מ׳דאַרף דיך דאָרט האָבן?

— אָ, איך האָב געהערט פון דאָרט אַ סאַך זאַכן...

— איך האָב אויך געהערט פון דאָרט אַ סאַך זאַכן. אָ, ראַלף, — האָט זי אַ זאָג געטאָןליידנשאַפטלעך, — די צייטונגען האַלטן דאָך אין איין שרייבן פון דאָרט! די מענטשן הונגערן שרעקלעך! אַ פרוי האָט אויפגעגעסן אירע אייגענע פינף קינדער!

— דאָס איז פּלוידערייען.

— דאָס קאָן ניט זיין פּלוידערייען. ראַלף, ווייל דער גאַלעך האָט עס דערציילט אין קירך.

ראַלף איז געוואָרן אומגעדולדיק:

— אָ, דער גאַלעך מאַכט מיך קראַנק, — האָט ער געזאָגט.

— יאָ, דער לערער האָט עס דערציילט אין שול, — האָט איר אַרויסגעהאָלפן דער עלטערער אינגל, אַל.

אָט דער געוויקסיקער מענטש, באַלעבאָס, מאַן, פאָטער און ברויטגעבער, איז געבליבן אומבאַהאָלפן ווי אַ דערוואַקסענער, וואָס ווערט פּלוצלונג באַפאַלן פון קינדער אין גאַס. עס איז עפּעס געווען

פֿײַנלעך צו זען, ווי דער מענטש האָט זיך אַזאַ קער געטאָן אױפֿן שטול.

דזשוליע איז געבליבן זיצן שטיל. זי האָט באַגריפֿן זײַן לאַגע אין דעם מאָמענט, ווי זי האָט בכלל באַגריפֿן זײַן לאַגע איצט. אָבער עס איז איר גופֿא געווען ביטער און זי איז געבליבן זיצן מיט אַ פֿאַרקלעמט געמיט, אַ קוים־אָטעמדיקע, באַוועגנדיק לאַנגזאַם מיט איר פֿולן בוזעם... די קינדער האָבן אויפֿגעהערט עסן און די זופּ, וואָס איז געשטאַנען גרייט אין אַ פּאָרצעלייענער וואַזע אױפֿן טיש, איז געבליבן ניט־אויפֿגעגעבן אַף די טעלער. ראַלף האָט אָפּגערוקט דעם שטול און זיך פּאַמעלעך אויפֿגעשטעלט.

ער האָט דורכגעשפּאַנט דעם צימער עטלעכע מאָל, אַרויסגענומען דאָס ליולקעלע, אַ ווײַלע געזוכט אַ שוועבעלע און פֿאַררויכערט.

אין דער צײַט איז אַרײַנגעקומען זעפּ מיט ווײכע, קימאַט ניט־הערבאַרע טריט, צוגעגאַנגען צום טיש און זיך אויפֿגעשטעלט לעבן די קינדער. די לאַפּעס אָנגעשפּאַרט אױפֿן סערוועט. דער קלענערער אינגל, דזשאָרדזש, האָט אים געגומען גלעטן די קודלעס און שפּײַזן מיט די ביינער פֿון די טעלער. אַן אַנדערש מאָל וואָלט עס דזשוליע ניט פֿאַרטראָגן, אָבער איצט האָט זי געשוויגן. דאָס קנאַקן פֿון די ביינער צווישן דעם הונטס צײן איז געווען דער איינציקער גערויש אין צימער, אַכוץ די ווייכע טריט, מיט וועלכע ראַלף האָט זיך, אַ פֿאַרטראַכטער, באַוואויגן איבערן צימער, האַלטנדיק די ליולקעלע שטײף־פֿאַרביסן צווישן די צײן און לאָזנדיק דערבײַ קלײנע ביסלעך רויך איבערן קאָפּ, כמורנדיק שווער די ברעמען. דער קאָפּ איז אים געווען שווער ווי אין אַ טשאַד. ער האָט געזוכט ערגעץ אַוועקצוגיין. ער איז ענדלעך אַרײַנגעגאַנגען צו זיך אין צימער און פֿאַרמאַכט די טיר.

לאַנג האָט ער געשפּאַנט אין דער פֿינצטער, דאָס ליולקעלע שטײף־פֿאַרביסן צווישן די צײן, און גיריק געזויגן דעם רויך. דורך דער צוגעמאַכטער טיר האָט זיך צו אים דערטראָגן דער שטילער געקלאַנג פֿון געשיר, וואָס דזשוליע האָט אָפּאָנים שוין צוזאַמענגענומען אױפֿן טיש. דעם גאַנצן כאַאָס פֿון געדאַנקען און געפֿילן, וואָס האָט זיך אין אים אָנגעקליבן אין משך פֿון די לעצטע פּאָר מעסלעס, האָט ער איצטער געוואָלט ברענגען אין

אָרדענונג. ער האָט עטלעכע מינוט נאָכאַנאַנד געפּירט אַ ביטערן קאַמף, וואָס האָט אים באַשלאָגן מיט שווייס.

ער האָט בעשום אויפן ניט געקאָנט פאַרשטיין די אַלע רייד פון מענטשן — וואָס קומען, נאַטירלעך, פון די צייטונגען, וועלכע האָבן אַמאָל אַ לויזיקע נאַטור צו שרייבן פּוסטע לעגענדעס. אָט די רייד אַשטייגער פון גאַלעך... צי פון שול־לערער... ער האָט ניט גע־האַט קיין צווייפל, אַז די רוסישע באַכערים זאָלן אים ניט האָבן געזאָגט דעם עמעס, און דאָך האָט ער זיך געזאָגט: — ווי קאָן ער פאָרן אין אַן אָרט, ווען ער הויבט ניט אָן צו וויסן וואָס דאָרט טוט זיך?...״ ער האָט שטייפער פאַרדריקט דעם בורשטינענעם מונד־שטיק צווישן די ציין און נערוועז געצויגן אין זיך דעם ביטערן רויך.

ענדלעך איז אים אויסגעגאַנגען דאָס ליולקעלע. ער איז צו צום פענצטער און אויסגעקלאַפּט דאָס אַש אין דרויסן אַרויס. ער האָט געזוכט אין עפּעס אַ באַרואיקונג און בעאייס ער האָט שוין געהאַלטן אין אַריינלייגן דאָס ליולקעלע אין קעשענע, האָט ער זיך מעיאַשעוו געווען און עס ווידער אָנגעשטאָפּט מיט טאַבאַק. דאָס צימער איז אַ ווײַלע באַלויכטן געוואָרן פון אָנגעריבענעם שוועבעלע און דאָס ציטערנדיקע פלעמל וואָס ער האָט אַריינגעצויגן אין ליולקעלע, האָט אָפּגעבליאַסקעט אָפן גלאָז אין אַ ראַם פון אַ בילד אָף דער וואַנט. דאָס האָט עפּעס אַ צי געטאָן זיין בליק און ער איז געבליבן שטיין אויפמערקזאַם — מיט אויפגעהויבענע אויגן, אָנגעשטעלט אָפן שפּיגל־דיקן גלאָז מיטן טונקעלן הינטערגרונט.

דאָס בילד איז אים געווען גוט באַקאַנט פון קליינערהייט אָן, מאַכמעס עס איז נאָך געהאַנגען באַ זיין טאַטן אין הויז. עס האָט פאַר־געשטעלט אַ סצענע פון דעניעל בון, בעאייס ער גייט אין אַ ליכטיקער לעוואָנע־נאַכט אַריבער אַ טייך, ביז אין גאַרטל אין וואַסער, מיט דעם ביקס אין דער הויך און פאַר זיינע אויגן — געפאַרן: ווילד־לאַנד און בערג. ראַלפן איז דורך אַ ציטער איבערן גוף. עפּעס האָט אים אין דער רעגע דורכגענומען די אונטערנעמונג פון זיין עלטער־זיידן. „אַ וואַסער כאַליערע!" — האָט ער אַ ברום געטאָן — „איז ער ניט קיין צווייג פון דעם שטאַם? פליסט ניט אין אים דאָס זעלביקע בלוט?...״ און אַ שטראָם פון גלוט האָט אָנגעפילט זיין יעדן איוועד. זיין פאַנ־טאַזיע איז פאַרכאַפּט געוואָרן מיט די אויסזיכטן פון זיין מעגלעכער

צוקונפט, וואָס האָט צו אים געוואונקען מיט גאָלדענע פאַרשפּרע־כונגען. עס איז אים פּלוצלונג געוואָרן ענג אין דער פינצטער. ער האָט זיך אַ קער געגעבן און אַ פּראַל־אויף געטאָן די טיר.

אַף דער אַטאַמאַנע איז געלעגן דאָס מיידעלע, ווירדזשיניע, און געוויינט. עפּעס האָט ער געהאַט פאַרדרוס אָפּן אינגל זיינעם, דזשאַרדזשן, וואָס איז נעבן איר געזעסן:

— דו דערגייסט דאָך איר די יאָרן גאַנצע טעג, — האָט ער געזאָגט.

— איך האָב איר גאָרנישט געטאָן.

— וואָס דען וויינט זי?

— זי האָט מוירע מיר זאָלן ניט אַוועקפאָרן אין אַן אָרט, וואו מ'עסט אויף די קינדער, — האָט דאָס אינגל געזאָגט.

ראַלפן האָט עפּעס פאַרדריקט באַם האַרץ.

— אָ, ניין, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — מיר וועלן דיך ניט אויפעסן. ווער האָט עס איר דאָס געזאָגט? — — — און ער איז צו צו דער אַטאַמאַנע און אויפגעהויבן דאָס קינד.

— דו שיינע, זיסע מיידל, — האָט ער געזאָגט, — לאָמיך דיר אַ קוש טאָן...

ער האָט צוגעדריקט דאָס קינד אין זיינע אָרעמס און איר האַר־ציק געקושט, ווענדנדיק זיך בעאייס־מייסע צו דזשוליען, וועלכע איז גראָד אריין פון קיך און צוזאַמענגענומען דעם סערוועט אָפּן טיש:

— איך דענק, אַז דאָס מיידל איז מיד. וואָלסט איר שוין עפּשער באַדאַרפט לייגן שלאָפן.

— כ'בין היינט אַליין מיד גענוג, — האָט דזשוליע געענטפערט ניט פריינטלעך, — זאָל זי צוואוואַרטן...

פּרי פאַרטאָג — עס האָט געמוזט זיין נאָענט צו פינף דער זייגער — האָט זיך ראַלף פּלוצלונג באַוויזן אָפּן הויפל. בעאייס ער האָט געעפנט די טיר אָפּן גאַניקל, איז אים אַנטקעגנגעקומען זעפ. אָט די דאָזיקע געטרייע כייע האָט אים אָפּגע־געבן דעם ערשטן „גוט־מאָרגן" מיט אַ ליידנשאַפטלעך לעקן אין דער האַנט. דער שטילער, אויסגעשטערנטער, קילער פאַרטאָג, האָט

צו אים גערעדט אַן אומפאַרשטענדלעכע שפּראַך. ער איז געווען איינגעהילט אין אַ וואַרימען סוועטער און געריכעכערט די ליולקע. אייגנטלעך האָט ער אינזינען געהאַט אַריינצוגיין אין גאַראַדזש צוגרייטן דעם אויטאָמאָביל, אָבער ער האָט געפילט, אַז עס איז נאָך פרי און ער האָט זיך פאַרנומען צו דער גאַס.

עס איז געווען אַזוי קיל און דורכנעמענדיק...ביידע באַשעפענישן זיינען געגאַנגען טריט באַ טריט ביז צום ראָג און זיך אומגעקערט. דער לויטערער הימל אויבן, האָט ניט געשטימט מיט דעם פייכטן טוי אונטן. די דורכגענעצטע, אַראָפּגעפאַלענע בלעטלעך פון די בוימלעך, וואָס האָבן באַדעקט דעם שמאָלן טראָטואַר, האָבן געשורשעט אונטער זייערע טריט. פון ערגעץ האָט זיך דערטראָגן דער גערויש פון אַ מילך־וועגל און דאָס קלאַפּן פון פערדישע טלאָען. די גאַס איז נאָך געשמאַק געשלאָפן אונטער אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן. טאָם קאַלינסעס הויז איז געשטאַנען טויט און מיט קאַלטע שויבן געגלאָצט אַף דער גאַס...

די טיר אַף דער וועראַנדע האָט זיך געעפנט און אין דער טונקלקייט האָט זיך באַוויזן אַ געשטאַלט. דאָס איז געווען דזשוליע. זי איז געבליבן שטיין אין דער ניט־גאַנץ געעפנטער טיר, עטוואָס באַלויכטן פון אינעווייניקסטן ליכט. איינגעהילט אין איר נאַכט־ראָק מיטן זייַדענעם שלאָף־היטל מיט די שפּיצלעך אַפן קאָפּ. זי האָט אָפּגעוואַרט ביז ראַלף האָט זיך דערנעענטערט און זי האָט אים אַ רוף געטאָן.

דערהערט דעם קלאַנג פון איר שטים, איז ראַלף אַרויף אַף דער וועראַנדע.

— גיי אריין אין הויז... וואָס טוסטו אין גאַס איצט? — האָט דזשוליע געזאָגט.

— כ׳בין אויפגעשטאַנען.

— כ׳ווייס דו ביסט אויפגעשטאַנען...

— ווי שפּעט איז דען? —

— ס׳איז נאָך קיין פינף ניט.

—יאָ? — כ׳האָב ניט געקוקט אַפן זייגער.

— כ׳ווייס דו האָסט ניט געקוקט. האָסט נאָך געקאָנט שלאָפן אַ שאָ.

— כ׳האָב סיי־ווי־סיי ניט געקאָנט שלאָפן.

— האסט ניט געקאַנט... כ׳האָב אויך ניט געקאָנט — צוליב דיר. ווי אַזוי וועסטו היינט גיין צו דער אַרבעט?

— איך וועל היינט ניט גיין צו דער אַרבעט. דו וועסט אָפּרופן שפּעטער, אַז ראַלף בון איז קראַנק. יאָ, ראַלף בון איז היינט קראַנק!

— אַזוי וועסטו דאַרפן זאָגן. איך האָב צען יאָר צייט ניט פאַרפעלט אַ טאָג און איינמאָל קאָן עס פּאַסירן.

— איך פאַרשטיי ניט וואָס דו זאָגסט, ראַלף.

—איך דאַרף היינט אַראָפּפאָרן אין שטאָט אַריין עפּעס באַזאָרגן.

— וואָס דאַרפסטו באַזאָרגן?

— כ׳דאַרף עפּעס באַזאָרגן... דו גיי גרייט צו פרישטיק און איך וועל גיין צוגרייטן די מאַשין. אויב דו ווילסט אַראָפּפאָרן אין שטאָט, קאָן איך דיך מיטנעמען.

מאָנטיק וואָש איך, דינסטיק פּרעס איך און מ י ט װ א ך פאָר איך אַראָפּ אין שטאָט. היינט איז ד י נ ס ט י ק, ניט מיט־וואָך.

— יאָ היינט איז דינסטיק... יאָ.

— דו הויבסט ניט אָן צו וויסן וואָס עס טוט זיך מיט דיר.

— כ׳האָב ניט געדענקט...

דזשוליע האָט געשוויגן און ראַלף האָט אַף איר אַרויפגעלייגט די האַנט, זאָגנדיק:

— יאָ גיי אַריין, טייערע, גרייט־צו פרישטיק.

דזשוליע האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן ציטערן ווי אַ בלאַט אין דער קעלט.

— וואָס איז דער מער? — — — ניין, דזשוליע... דו דאַרפסט ניט וויינען... מיין איך דען צו טאָן שלעכטס דיר, אָדער אימיצן?... טו אַ קוק: אָט שטייט דאָ אַ מאַציייווע אַף אַ פאַמיליע. איך וויל ניט די גאַס זאָל דאָ באַלד זען נאָך אַ מאַציייווע...

דזשוליע האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער זיין האַנט און איז אַריין אין שטוב.

ראַלף איז געבליבן שטיין צעטומלט. דער פייכטלעכער פאַרטאָג און די שטילקייט פון דער שלאָפנדיקער גאַס, האָבן אַף אים אַ הויער געטאָן פון אַלע זייטן און נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט עפּעס אַ טראַכט צו טאָן, איז ער אַליין, ניט פילנדיק וואָס ער טוט, צוריק

אַראָפּגעגאַנגען די פיר טרעפּ פון דער וועראַנדע און זיך געלאָזט גיין אַפן שמאָלן טראָטואַר לענג־אויס די גאַס. דער הונט האָט, ווי פריער, אים באַגלייט צום ראָג און זיך מיט אים אומגעקערט. די צוויי שאָטנס פון מענטש און כייע האָבן קעגן עלעקטרישן לאָמפּ אַפן ראָג זיך אויסגעצויגן אין דער קרום צו די הייזער־צו. דאָס ליולקעלע איז אים אויסגעגאַנגען און בעאייס ער האָט דורכן רערעלע דער־שמעקט די לערקייט און די לופט, איז אים דורך אַ לייכטער ציטער, ווי ער וואָלט דערשמעקט די רעאַלקייט פון דער וועלט. ערשט איצט האָט ער דערפילט אַ ביטערניש אין האַרצן, אַ ביטערניש צום פּלאַצן; געפילט ווי ער שפּאַנט דאָ אין גאַס איינער אַליין און טראָגט אַף זיך די שווערסטע לאַסט פון מענטשלעכע יעסורים. פאַרוואָס זאָל אַ פרוי ניט וועלן מיטפילן און מיטפאַרשטיין? אום גאָטעס ווילן! ער האָט אַ רעגע מעוואַטל געווען די פרויען, נאָר ווען ער איז צוגע־קומען נעענטער צו דער וועראַנדע, האָט ער אַ טראַכט געטאָן צוריק אַריינצוגיין אין שטוב זיך מיט איר נאָכאַמאָל דורכריידן.

אַף די טרעפּ פון דער וועראַנדע האָט ער זיך אָנגעבויגן צום הונט, אים אַרומגענומען מיט איין האַנט און מיט דער אַנדערער געגלעט די האַרטע, שטייפע קודלעס אַף זיין נאָכגיביקן קאַרק, ריידנדיק צו אים ווי צו אַ מענטשן: „כ'ווייס ניט, צי מיר וועלן דיך קאָנען מיטנעמען, זעפּ...״ דער הונט האָט פון פאַרגעניגן איינגעקאָרטשעט דעם קאָפּ אונטער דער האַריקער פּעל זיינער און אים דאַנקבאַר אַ לעק געטאָן אין דער באַק. ער האָט זיך אָפּגעווישט די פייכטקייט בעאייס דער הונט האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון זיין אומאַרמונג.

דאַן האָט אין מיזרעך זיך שוין פאַרנומען אַף טאָג. אַ בלאָס־בלוילעכער שטרייף האָט אויפגעטויכט אַף אַ היבשן שעטעך אַפן האָריזאָנט איבער די דעכער אַרום וואַשינגטאָן בולוואַרד. ראַלף האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. דאָס בלוט האָט אין אים גענומען פּליסן שטאַרקער...

זעפּ האָט זיך פלוצלונג אויפגעשטעלט און אַף אים אָנגעשפּאַרט די לאַפּעס. דער הונט האָט געציטערט, אַרויסלאָזנדיק שטילע, אָפּ־געהאַקטע קלאַנגען...

ראַלף האָט אַף אים אַרויפגעלייגט די האַנט און זי לייכט דורכ־געפירט איבער זיין קודלאָטן קאַרק אַראָפּ צום רוקן.

מיטאַמאָל האָט ער זיך אומגעקערט און אַ בליק געטאָן דעם הונט אין זיינע פייערדיקע אויגן, וואָס האָבן געלויכטן אין דער גרויער טונקלקייט, אַ זאָג געבנדיק:

— זעפּ... האָ, דו... פאַרפאַלן, וועסט דאָ דאַרפן בלייבן. מיר וועלן זיך אין קורצן זעגענען מיט דיר. יאָ־אָ־אָ אַזוי זעט עס אויס... ס׳אַ באַשטימטע זאַך...

אין אַ הייסן אָוונט

די לופט איבער דער גאַס איז גע־האַנגען אומבאַוועגלעך. אַ לעצטער פאַרבלוטיקטער שטראַל, פון דער שוין־פון־לאַנג פאַרגאַנגענער זון, האָט נאָך געשפילט אַפן ברעג פון אויסגעלאָשענעם האָריזאָנט איבערן וואַסער און די היץ איז דאָ געווען סאַקאַנעסדיק...

אַפן טאָג האָט מען אויפגעשטעלט אַ הילצערן געלענדערל און עס איז אַרויפגעקראָכן אַ יונג — אַ מעכאַבל, מיט צוויי פלאַמענדיק־שוואַרצע אויגן, קויל־שוואַרצע ברעמען און אַ פעך־שוואַרצע טשופ־רינע, זיך איבערגעווישט דאָס פאָנים מיט אַ טיכעלע און גענומען שליידערן ווערטער מיט אַ קרעפטיקן באַריטאָן, וואָס האָט אָפגעהילכט אין גאַס ווי אַ קאָל צווישן בערג. ער האָט גערעדט אַ ריינעם, קלינ־גענדיקן ענגליש, אָנגעפיקעוועט מיט פאָלקס־ווערטלעך און דורכגע־פלאָכטן מיט גאַסן־הומאָר. זיין נאָמען איז געווען סטואַרט פרוזאַני.

עס האָט זיך גענומען אויפקלויבן אַ נייגעריקער עולם — דאָס ראָוו, האַלב־אויסגעטאָנענע מענטשן מיט צעשפילעטע העלדזער און פאַרקאַטשעטע אָרעמס, וואָס זיינען אַראָפגעקומען אין גאַס זיך אָפקילן אין הייסן אָוונט. מאַנכע — רויכערנדיק ליולקעלעך, אַנדערע — קייענדיק טאַבאַק. אויך אַ טייל פון דער יוגנט, נעבן דזשעסי ראַלאַנס סאָדע־פאָונטען, האָט אַף אַ ווילע געלאָזט דאָס פלירטעווען מיט די דורכגייענדיקע מיידלעך, דאָס שפיל מיטביינדלעך באַם וואַנט און דאָס אויסטאַנצן אַ פריילעכס מיט די קנאַפל אַפן טראָטואַר.

פעט דוגאַן איז געשטאַנען אין דער זייט באַ אַ רויטער ציגל־וואַנט, ווי אַ פרעמדער, און זיך אָנגעהאַלטן מיט אַ האַנט אָן אַן

אײַזערן שטאַפּל פֿון אַ פֿאַרזשאַווערטן פּײַער־לייטער. ער האָט זיך רואיק צוגעקוקט, ווי דער רעדנער רופֿט מיט זײַנע ווערטער, וואָס ער צעשליידערט הילכיק אין גאַס, צונויף די מענטשן, ווי עפּעס אַ פּאַרמער וואָס צעווייעט קערנער פֿאַר זײַנע אויפֿעס...

מיטאַמאָל האָט ער אַוועקגענומען די האַנט פֿון פּײַער־לייטער און זיך אײַנגעצויגן דעם פּאַסיק. ווען ער האָט זיך אויסגעגלײַכט, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אַביסעלע העכער פֿון מיטעלן וואוקס. פֿון זײַן פּנים האָבן אַרויסגעשטאַרט צוויי שפּיציקע באַקנביינער אונטער אַ רויטלעכער, ווי פֿון ווינט צעשמיסענער הויט. ער האָט געהאַט אַ בעקיוון־פֿאַרשלאָסן מויל און קליינע אויגן טיף אונטערן שטערן ; שוואַרצאַפּלען — דורכזיכטיקע, ווי בײַ אַ קאַץ. אַפֿן קאָפּ — אַ קליין, קײַלעכיק היטעלע, אויסגעשניטן פֿון אויבערשטן טייל פֿון אַן אַלטן פֿילץ־הוט און קונציק אויסגעשניטן אַרום־און־אַרום מיט שפּיצעלעך איבערגעקערט אַרויף ווי אַ קריינדעלע, וואָס האָט צוזאַמענגעהאַלטן זײַנע העלע פּאַסמעס האָר, אַז זיי זאָלן ניט צעפֿאַלן ווי פּאַלמען־צווייגן. ער האָט געטראָגן אַ בלויע העמדל, די אַרבל אָפּגעשניטן ביז די אַקסלען. און די צוויי נאַקעטע אָרעמס — טאַטויִרט אין בלוי, דורכגעשלענגלט מיט רויטס פֿון אויבן ביז אַראָפּ. ער האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעגליטשט פֿון טראָטואַר און זיך געשטעלט הינטערן פֿאַרזאַמלטן עולם.

מענטשן זײַנען נאָך אַלץ צוגעקומען און ער האָט זיך באַדאַרפֿט אַביסעלע אָפּרוקן, קעדיי זיי צו געבן אַ געלעגנהייט צו צוגיין נעענטער. אַליין איז ער ניט געווען נײַגעריק אויסצוהערן, מאַכמעס ער האָט שוין געוואוסט פֿון פֿריער מיקויעך וואָס מען וועט ריידן.

קימאַט אַ העלפֿט פֿון אַרײַנגאַנג אין גאַס איז טײַקעף פֿאַרשטעלט געוואָרן פֿון צונויפֿגעקליבענעם עולם. די גאַס איז געווען אַ ברייטלעכע און האָט זיך מעשופּעדיק אַראָפּגעלאָזט צום וואַסער. די צוויי ריזיקע געביידעס פֿון דער „האָדסאָן מעטאַל קאָמפּאַני“ זײַנען געשטאַנען אַף ביידע זייטן גאַס, בײַם ברעג פֿון וואַסער, און די רייען קוימענס האָבן זיך געריסעוועט אונטערן שוואַרץ־געוואָרענעם האָריזאָנט. דאָס האָט עפּעס פֿאַרכאַפּט זײַן בליק און פֿאַנטאַזיע און בײַ אים אַרויסגערופֿן אַ וויבראַציע פֿון געפֿילן און דערינערונגען פֿון אַ סאַך ענלעכע פֿאַבריקן, וואו ער האָט שוין געאַרבעט אין פֿאַר־

שיידענע שטעט פון די פּאַראייניקטע שטאַטן. די שטערן און פייערלעך האָבן זיך שוין דאָרט געטוקט אין וואַסער און אַ שאָטן־באַרזשע האָט דורכגעצויגן, טייקעף נאָכגעפאָלגט פון אַ גרויסער, באַלויכטענער שיף, וואָס האָט דורכגעבראָכן אַ מײלן־װײטן שעטעך מיט אַ פּאַר־טויבנדיקן ברומען. דאָס האָט צוגעגעבן קאָליר און געוויכט זיין געפיל, וואָס איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ נייער כוואַליע דערינערונגען פון דער צייט, ווען ער האָט געאַרבעט אין די פּאַרשיידענע האַפנס און אַף שיפן.

נאָר באַלד איז ער ווידער געשטאַנען ניכטער ווי פריער, באַ־פרייט פון די עמאָציעס, און פאַמעלעך פאַרלייגט אַן אָרעם איבער אַן אָרעם אַף דער ברוסט און אַרויסגעשטעלט דעם רעכטן פוס פאָראויס. זיין שוך איז איינגעזונקען אין אַספאַלט, וואָס איז לויז געוואָרן פון די פייערדיקע שטראַלן פון דער באַטאַגיקער זון. ער האָט געבלאָזן זיין אָטעם אַף די הייסע אָרעמס זיינע, רעגעוויז אַוועקגענומען אַ האַנט און זיך געפאָכעט דאָס העמדל אַפן לייב. די היץ פון גאַס, די נאָענטקייט פון די מענטשן און זיין אייגענער אינערלעכער גלוט, האָט אים אָפּגעגאָסן מיט שוייס.

דערווייל איז דער טונקעלער שעד—סטואַרט פּרוזאַני געוואָרן דער פּולער באַלעבאָס איבער די פּאַרזאַמלטע. עס האָט זיך געדאַכט: מ׳וואָלט זיי שוין ניט געקאָנט אַוועקנעמען פון דאַנען מיט געוואַלד, ער האָט געקאָנט די קונץ פון צוזאַמענרופן און האַלטן געשפּאַנט. מען איז שוין געשטאַנען מיט אָפענע מיילער און פאַרגעסענע ליול־קעלעך.

פּעט האָט האַנאַ געהאָט צו קוקן אַף די ציטערדיקע מוסקולן פון זייערע אויסגעצויגענע פּענימער און אַנגעקוואָלן אין האַרץ פון סטואַרט פּרוזאַניס רעדנער־טאַלאַנט. אַ ווײַלע האָט אים נאָך געאַרט דער געליאַרעם פון די קינדער אין גאַס, נאָר באַלד האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי די וועלט איז ערגעץ פאַרזונקען און עס איז ניטאָ קיין אַנדערע זאַך כוץ די פּאַרזאַמלונג דאָ.

אַקוראַט אין דער מינוט האָט זיך דערטראָגן פון דער אַנדערער זייט אַן אַזעסדיקער אויסגעשריי:

—העי, וואָס איז דאָרט פאַר אַן אויפגעלויף?!

אַסאַך פון די פּאַרזאַמלטע האָבן אַ קער געטאָן די קעפּ צו זען

ווער דאָס איז, און פּעט האָט טייקעף אַראָפּגעלאָזט זיינע אָרעמס און זיך גענומען צורוקן צום עק פון דער פאַרזאַמלונג.

עס איז געווען אַ מינוט פון לויערנדיקער געפאַר: אַ פאַרזאַמלונג אין גאַס קאָן לייכט צעשטערט ווערן. און ער, פּעט דוגאַן, האָט געטראַגן די אַכרייעס; ער, מיט נאָך פיר כאַוויירים, וואָס האָבן באַדאַרפט זען אַז די זאַך זאָל דורכגיין ווי געהעריק. זיין כאַווער, פּעל דאַני, האָט זיך אַרויסגערוקט אַביסעלע ווייטער, נאָר דערזעענדיק אים, פּעטן, נעענטער, האָט ער זיך טייקעף צוריקגעצויגן. עס איז געווען אויסגערעכנטע סטראַטעגיע.

איבער דער גאַס האָט אַריבערגעשפּאַנט אַ הויכער יונג. אין אָט דעם הייסן אָוונט איז ער געווען אָנגעטאָן אין אַ גרין, געקעסטלט לייבל און דערצו נאָך געטראָגן אַ ראָק אָפן אָרעם. זיין טאָן, ווי זיין גאַנג, איז געווען ווי פון איינעם, וואָס האַלט די אָרענדע אָף דער גאַס.

— וואָס פאַר אַ פּאָליטישער שווינדלער, — האָט ער געגעוואַלדעוועט, — פאַרדרייט אייך שוין ווידער די קעפּ?! עס איז דאָך נאָך ניט פאַר די וואַלן, וואָסער שוואַרץ יאָר!

פּעט האָט אים קאַלטבלוטיק אָפּגעוואָרט און בעאייס יענער איז צוגעקומען נעענטער, האָט ער זיך צו אים צוגעבויגן און אַ זאָג געטאָן:

— ער איז ניט קיין פּאָליטישער שווינדלער.

— ווער דען איז ער? אַהאָ, ער מוז זיין איינער פון די „וואָבליס“.

און ער האָט ווידער געגוואַלדעוועט:

— איר, כעוורע, זיינט דער גרעסטער שפּאַס! פיל פון אייך זוכן דאָך נאָך ברויט אין די מיסט-קאַנען נאָכן פאַראַיאָריקן סטרייק!

פּעט האָט צוגעמאַכט די אויגן און זיי צוריק געעפנט. ער האָט געהאַט רויט בלוט, די געטריישאַפט פון אַ הונט, די פלינקייט פון אַ קאַץ און די גוואורע פון אַ לייב, נאָך אַלץ — איינגעצוימט ווי אין אַ שטייג. ער האָט זיך צו אים צוגעבויגן נאָך נעענטער און אַ זאָג געטאָן:

— ניין, ער איז ניט פון די „וואָבליס“.

— אימיצער מוז ער דאָך זיין, — האָט דער באַכער אַ זאָג געטאָן שטייף און צודרינגלעך און אויסגעשריען ווי פריער: — איר,

כעווּרע, זײַנט פֿאַרלוירענע אױף טאָמיד! וואָס, צום שוואַרץ יאָר, לאָזט איר זיך אַלע מאָל מאַכן אױף די קעפּ?!

פּעט האָט אַ ציטער געטאָן. זײַנע גלידער האָבן זיך ווי צונויפֿגעשלאָסן. ער האָט זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט ניט אָפּצולאָזן דעם באָכער אַ כמאַל, ער זאָל זיך אַראָפּזעצן אױפֿן אַספֿאַלט. ער האָט קוים געאָטעמט.

— באָדי... — האָט ער אַ ברום געטאָן, — זײַ פֿאַרזיכטיק... פֿאַראַן דאָ פֿרויען...

זײַן ברוסט האָט זיך אױפֿגעהױבן, זײַן אָטעם — אָפּגעהאַקט. אין זײַן מוידע איז אים אױפֿגעשוואומען אײן קישעף־וואָרט: „דיסציפּלין". די מוסקולן אין זײַנע אָרעמס האָבן געציטערט...

ער האָט אַ טראַכט געטאָן פֿון די אײדעלע באַשעפֿענישן, די פֿרויען, צווישן די פֿאַרשוויצטע מענער דאָ און פֿון די צוויי מײדלעך וואָס האָבן פֿאַרטײלט צירקולאַרן און פֿאַרקויפֿט פּאַמפֿלעטן. אײנע האָט זיך גראָד אַרויסגערוקט פֿון צווישן אוילעם און צוגעטראָגן דעם טומלדיקן באָכער אַ ביכעלע פֿאַר די אויגן:

— כאַווער, אַ רעדע געהאַלטן אױפֿן עלפֿטן פּלענום פֿון דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, — האָט זי געזאָגט. — צוויי סענט בלויז...

פּעט האָט באַוואונדערט איר כײן און ווי שײן זי זאָגט עס. דער באָכער האָט אױף איר אַראָפּגעקוקט. זי האָט אים געגרײכט קוים צו דער ברוסט. ער האָט אַרויסגעשטעלט אַ שורע געלע צײן און אױפֿגעהױבן די אויגן צום רעדנער.

„נײן, ער וועט ניט קויפֿן", — האָט פּעט אַ טראַכט געטאָן מיט באַדויערן און נאָכגעקוקט דעם שטאָלץ מיט וואָס זי — די פֿאַרשפּרײטערן פֿון אַ גרויסער אידײע — האָט זיך צוריק אַרײנגעדרײט צווישן אוילעם.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז פּעט דוגאַן ווידער געשטאַנען אױף זײַן פֿריערדיק אָרט, פֿאַרזיכטיק אָנגעשפּיצט די אויערן אין דער ריכטונג, וואו ער האָט געלאָזן דעם באָכער.

אַף דער פּלאַטפאָרמע איז שוין געשטאַנען אַן אַנדער רעדנער. דאָס איז געווען איינער מיטן נאָמען טשאַרלי דען, נאָך גאָר אַ יונגער באָכער, מיט אַ שיין פּאָנים, וואָס ער האָט, בעאייסן ריידן, אומאויפהערלעך געבראָכן אין אלערליי שמערצלעכע און טיף־דורכגעלעבטע גרימאַסן, דאָס האָט אים געמאַכט אויסזען פיל עלטער. סטואַרט פּרוזאַני האָט פאַר אים צוגעגרייט אַ גרויסן אוילעם, וואָס איז געשטאַנען אין דערוואַרטונג.

— אין פּאָרטלאַנד, — האָט ער געזאָגט, — בין איך דורכגעגאַנגען באַם וואַסער־פראָנט. איך האָב געזען צוויי זיך שלאָגן. איך בין צוגעגאַנגען נעענטער. אַרום איז געשטאַנען אַן אוילעם און צוגעקוקט דעם ספּעקטאַקל. איך בין געווען גערירט פון דער סצענע, און איך האָב פאַרשטאַנעןביידן — די צוקוקער, ווי די שלעגער: די מענטשן האָבן וויניק אַנדערע פאַרגעניגנס אין זייער לעבן. און די שלעגער האָב איך נאָכדעם געפרעגט, פאַרוואָס זיי האָבן עס געטאָן, און קיין איינער פון די צוויי האָט עס מיר ניט געקאָנט דערקלערן. איך האָב זיי אָבער פאַרשטאַנען: דאָס איז געווען זייערע ליידן, זייער דאַלעס, זייערע דערנידעריקונגען, זייערע אַנטוישונגען, וואָס האָט געזוכט אַן אויסדרוק. אָבער זייערע פויסטן זיינען ניט געווען געריכטעט אין ריכטיקן פּלאַץ, כאַווײרים!

די לופט אַרום האָט אָנגעהויבן ווערן הייסער, די מענטשן האָבן זיך גענומען צורוקן נעענטער.

פּעט דוגאַנען האָט ערגעץ אָנגערירט אינעווייניק אַן אָדערל און ער האָט זיך גערוקט צוזאַמען מיט די מענטשן, אַליין ניט פילנדיק וואָס ער טוט. ער האָט ניט אַוועקגענומען די אויגן פון טשאַרלי דען. ער האָט גוט געקאָנט דעם באָכער. ער איז געווען אַ באַל־מום. יעדעס מאָל וואָס ער האָט אָפּגעביטן דעם לינקן פוס, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אַף אַ דריי צאָל נידעריקער.

סעם מילער, איינער פון די באָכערים וואָס האָט אַכטונג געגעבן אַף דער פאַרזאַמלונג, איז צוגעקומען און אַוועקגעלייגט אַף פּעטן אַ האַנט. פּעט האָט אים געבעטן ער זאָל זי צונעמען. — „דאָ בריט די לופט אַזוי אויך. נעם אַוועק“, — האָט ער געזאָגט. סעם האָט מאַסקים געווען, אַז ס'איז הייס, זיך אַ ויש געטאָן דעם שטערן און אַוועקגעוואָרפן דעם שוויס.

— הער, — האָט ער געזאָגט, — וואָס איז געוואָרן מיט יענעם באָכער, וואָס האָט אַזוי געגוואַלדעוועט?

— גאָרנישט.

— איך הער אים ניט מער.

— אַ סימען: ער שווייגט.

— אָ, באָי, ווי ער האָט דאָ אָנגעוואָרפן אַן אומרו.

— ניט אַף מיר.

— כ׳ווייס! —

— פאַרוואָס, צום שוואַרץ יאָר, גייסטו ניט צוריק אַף דיין פּלאַץ דאָרט? — האָט פעט פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן. — דו ביסט אומרואיקער פון אַן אַנדערן און אַליין קומסטו דאָ צו שטערן.

— ווער, איך? — האָט אים סעם אָנגעקוקט פאַרכידעשט.

— אָ, געוואַלד, — האָט פעט אַ זאָג געטאָן געקרענקט, — איך וועט דיר אַ דאָלאַר צו דיינס אַ ניקל, אַז דו וועסט אין צוויי מינוט דאָ האָבן אַ רעדל. פאַראַן דאָ גענוג נייגעריקע צו הערן וואָס פאַר אַ נייעס דו האָסט דאָ צוגעבראַכט.

— איך מיין, אַז טשאַרלי דען האָט אַ בעסערן טאַלאַנט צום ריידן ווי איך, — האָט סעם אַרויסגעשטעלט זיינע ציין צוזאַמען מיט די יאַסלעס.

— דאָס מאַכט ניט אויס, — האָט פעט געזאָגט.

סעם מילער, וואָס איז אַ פעטלעכער און אַביסעלע אַ פוילער, האָט נאָך אָבער ניט כיישעק געהאַט אָוועקצוגיין.

— אַזאַ קערל, — האָט ער געזאָגט, — וואָלט מען באַדאַרפט אַריבערפירן אַף יענער זייט צום סאָדע־פאָונטען, אים הייסן אויס־טרינקען אַ פּאָר גלעזער סעלצער און זיך גוט דורכשווענקען די קעל. זיין קאָל געפעלט מיר ניט.

אָנשטאָט אַן ענטפער, האָט פעט אים אָנגענומען באַביידע אָרעמס און אָפּגעשטופּט אַביסעלע פון אָרט, אַ זאָג טוענדיק:

— לאָז דורך דעם אַלטן!

עפּעס אַן עלטערער מענטש האָט זיך געוואָלט דורכשפּאַרן, נאָר דערהערנדיק נעבן זיך די לעצטע ווערטער, האָט ער זיך פּלוצלונג אַ קער געטאָן, אַרויסגענומען דאָס ליולקעלע פון מויל און אַ זאָג געטאָן זייער שאַרף און קלאָר פעטן גלייך אין פּאָנים אַריין:

— ווערסט קריגן אַ זעץ אין פּיסק פון ד ע ם אַלטן, ווערסטו עס פּילן פּונקט ווי פון אַ יונגן.

סעם מילער האָט זיך שטאַרק צעלאַכט:

— ער גיט דיר אַ דאַנק, פּעט!

פּעט איז געבליבן שטיין איבערראַשט.

— וואָס האָב איך דיר געזאָגט, אַלטער?

— איך האָב גאַנץ גוט געהערט!

— וואָס האָסטו געהערט?

— איך האָב געהערט פּאַרדאַמט גוט! — האָט דער אַלטער איבערגעכאַזערט טראַציק און פול מיט פייער.

פּעט איז געבליבן שטיין מעוואולבל און עפּעס פאַרלוירן אַרויס־געדעדט:

— איך האָב דיר זיכער ניט געמיינט צו זאָגן שלעכטס, זיידע.

דער אַלטער, וואָס האָט זיך שוין געהאַלטן באַם אַריינשטופּן צווישן אוילעם, האָט זיך מיטאַמאָל אומגעקערט, צוריק אַרויסגעכאַפּט דאָס ליולקעלע פון מויל און אַף אים אַ שפּריץ געטאָן צוויי פייער־פונקען פון זיינע אויגן. פּעט איז געשטאַנען גרייט מיט דעם שלעכטן געפיל אויפצוכאַפּן אַ קלאַפּ און ניט ענטפערן, געשטאַנען גרייט פאַר דעם ראַכמאָנעסדיקן אַלטן ווי אַ געבונדענער. אָבער דער אַל־טער האָט טייקעף צוריק אַריינגעשטעלט דאָס ליולקעלע אין מויל מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט זאָגן: „ניטאָ צו וועמען צו ריידן", און זיך צוריק אַריינגעשטופּט צווישן אוילעם.

פּעט איז עפּעס געבליבן שטיין ווי דערשלאָגן אַף טויט. סעם מילער האָט אַף אים געקוקט האַלב אַמוזירט און האַלב מיטפילנדיק זיין לאַגע. אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך פאַמעלעך גענומען דער־ווייטערן פון אים, איבערלאָזנדיק אים אַליין אויפצוקניפּן דעם רע־טעניש. זיין מויעך האָט שווער געאַרבעט. ער האָט ניט אָנגעהויבן באַגרייפן דעם גאַנצן איניען. האָט ער טאַקע עפּעס געזאָגט צו באַ־ליידיקן דעם מענטשן? דאַכט זיך, גאָרנישט. „אַלטער", „זיידע". עפּשער דערפון. אַ ביטערקייט האָט אָנגעפילט זיין גאַנץ וועזן. ווער קאָן דאָ וויסן ווער עס איז יונג און ווער אַלט? אַרום די לויזיקע האָפּנס ווערן מענטשן אַלט פאַר דער צייט. און אַ סינע, אַ ביטערע, אַן אַלטע, וואָס ער האָט ניט טאָמיד באַנומען מיטן מויעך, אָבער וואָס

ער פילט טאָמיד אין זיין בלוט, האָט אָנגעצונדן זיין כיעס, געציטערט און וויברירט אין זיין ברוסט.

אַן אַראָמאַט פון פּאַרפומען און פּודער האָט זיך אים פּלוצלונג אַ טראָג געטאָן צו דער נאָז. ווי אַ דערלייכטערונג, ווי אַ צוגווינטל, ווי אַ זעגל־שיפל, אַ מיניע — ווייס: אַ יונגע פרוי מיט אַ געלייטערט פּאָנים און רויט־געפאַרבטע קאַרעלן־ליפּן. ער האָט זיך אַביסעלע אָפּגערוקט און זי דורכגעלאָזט. די נאָענטקייט פון דער פרוי, דער אַראָמאַט פון איר פּודער און פּאַרפום אין אַ דאַנקבאַרער בליק פון צוויי גרויסע אויגן האָבן אים אויפגעמונטערט.

דאַן איז ער ווידער געשטאַנען רואיק, לייכט זיך געפּאַכעט דאָס העמדל אָפן לייב און זיך צוגעהערט צו טשאַרלי דען.

„...מיר דאָ שטיקן זיך אין די לעבעדיקע קוואָרים פון די האַלבּבאַרעווע הייזער אין די גאַסן, און פאַר מיסטער ראָקעפעלער און פאַר מיסטער דזשיי. פּי. מאָרגאַן איז ווייניק די ערד פון די פאַראייניקטע שטאַטן. מיר האָבן פאַר זיי אָנגעשאָפּן מיט אונדזער פּראַצע אומגלויבלעכע קאַפּיטאַלן. מיר האָבן זיי געגעבן דאָס בעסטע אין דער וועלט; מיר, מיט אונדזער האָרעוואַניע און בלוט, האָבן פאַר זיי געשאַפן די גרעסטע רייכטימער, אַליין ניט האָבנדיק קיין פאָדים אָפן לייב, אַליין ניט האָבנדיק קיין שטיקל ברויט פאַר אונדזערע קינדער. אָבער דאָס אַלץ איז פאַר זיי ניט גענוג! איצט זוכן זיי נייע לענדער און נייע שקלאַפן. און מיר, כאַווירים — די יוגנט — וועלן עס דאַרפן זיין די, וואָס וועלן דאַרפן — — —“

דער רעדנער האָט פּלוצלונג אָפּגעהאַקט. עפּעס איז געוואָרן אַ שטיל גערויש. די מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען אַרום מיט אויסגעשטרעקטע העלדזער, ווי דורשטיקע קעמלען אין אַ מידבער, האָבן אַלע מיט אויפגעהויבענע קעפּ זיך גענומען שטופּן נענטער צו דער פּלאַטפאָרמע.

פּעט האָט זיך אַ שטעל געטאָן אַף די שפּיץ־פּיס. אַ פּאָליציאַישער הוט האָט זיך אַ וויג געגעבן צווישן די מענטשן. דער ניקלנער הערב — אַ בליאַסק קעגן ליכט.

בליץ־שנעל, אַן עפּעס אַ טראַכט צו טאָן, האָט ער זיך אַ שיף געגעבן מיט די אָקסלען צווישן צונויפגעפּאַקטן אוילעם, פלינק דורכגעשיפּט זיך. דאָס פּילצענע היטעלע זיינס האָט זיך אַ טראָג געטאָן

צווישן די קעפּ נעענטער צו דער פּלאַטפאָרמע.

עס איז געוואָרן זייער שטיל. אַלע האָבן זיך צוגעהערט.

— דאָס איז אַ געזעצלעך רעכט, מיט וואָס מיר באַנוצן זיך טאָמיד אַף די ראָגן. אַ ספּעציעלע דערלויבעניש איז ניט נויטיק.

— ווער האָט עס דיר געזאָגט.

טשאַרלי איז געווען אַריבערגעבויגן איבערן געלענדערל, און דעם פּאָליציאַנטס קאָפּ — פאַרהויבן צו טשאַרלין.

פּעטס ברוסט האָט זיך געהויבן זייער הויך. ער האָט שווער געאָטעמט.

— מיר פירן דורך אונדזערע פאַרזאַמלונגען געזעצלעך, — האָט ער אַרויסגערעדט רואיק. — הענגט דאָ די פאָן אַפילע פון דער יו־עס־איי — זע!

דער פּאָליציאַנט האָט זיך אַרויפגערוקט העכער דעם הוט און פון זיך אַ בלאָז געטאָן די לופט.

— איך רייד דאָ צום רעדנער, — האָט ער געזאָגט. — ווער, צום שוואַרץ יאָר, ביסטו? —

— ווער? — האָט פּעט איבערגעפרעגט.

— יאָ, ווער, צום שוואַרץ יאָר, ביסטו?

פּעט האָט אים דורכגעדרונגען מיט די אויגן. זיינע אַפּלען האָבן אַ שווים געטאָן אין אַ זייט, זיין אונטערשטע ליפּ — אַ ציטער געטאָן.

— אָ, דו פלאַטשיק־פוסיקער...*) — האָט ער אַ ברום געטאָן. — גיי אַהיים און שלאָף זיך אויס, וואָרים דו הויבסט שוין ניט אָן געדענקען קיין איין וואָרט וואָס דו האָסט אַמאָל געלערנט אין פּאָלק־שול.

— אָ, יאָ?

— יאָ.

— גוט.

פּעט האָט געשוויגן און דער פּאָליציאַנט האָט זיך פּאַמעלעך אַרויסגערוקט פון צווישן אוילעם.

---

*) „פּלעט־פוט”, אַ צונאָמען פאַר יעדן פּאָליציאַנט אין דער אמע־ריקאַנער גאַסן־שפּראַך.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז פּעט שוין ווידער געשטאַנען אַף זיין פריערדיקן אָרט. ער האָט אַ ווײַלע זיך נאָך צוגעהערט צו טשאַרלי דען, נאָר באַלד איז אַרויף סטואַרט פּרוזאַני און פאַרגעשטעלט אַן אַנדער רעדנער.

אַף דער פּלאַטפאָרמע האָט זיך אויפגעהויבן אַ מיטליעריקער מענטש אין אַ רייך, עטוואָס צעריסן העמד. ער איז געווען גרויס און ביינערדיק, געהאַט רויטע האָר און העלע ברעמען, אַ לאַנגן האַלדז מיט אַ גרויסן גאָרגל־קנאָפּ און אַ פּאָנים — מיט שפּרענקלעך. ער האָט זיך אַרויפגעשאַרט העכער די אַרבל פון העמד, באַווייזנדיק צוויי דאַרע אָרעמס, ווי ער וואָלט זיך גרייטן צו אַ פויסטן־קאַמף, אַראָפּגענומען פון דער נאָז די ברילן און זיי אַריינגעלייגט אין אַ שאַכטעלע און אַ טרייסל געבנדיק דעם קאָפּ, האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ קלאָרער, מעטאַלענער און זייער ערנסטער שטים:

— כאַווײַרים!

דאָס איז געווען ביל אָ'קאָנער, מער באַקאַנט אין דער פּראָווינץ. אַזוי ווי ער איז דאָ געווען ניט לאַנג, האָט אים נאָך קיינער ניט געקאָנט. פּעט, כאָטש געזען אים פריער האָט ער נאָך ניט, האָט אָבער שוין געהאַט געהערט זיין נאָמען, און ווען ער האָט זיך באַוויזן אַף דער פּלאַטפאָרמע, האָט ער זיך שטאַרק אין אים איינגעקוקט. אין פלוג איז ער אים פאַרגעקומען זייער באַקאַנט, נאָר אַזוי ווי ער האָט זיך ניט געקאָנט דערמאָנען ווען און וואו ער האָט אים געזען, האָט ער, איינהאַלטנדיק אַביסל דעם אָטעם, זיך צוגעהערט וואָס ער זאָגט:

— דער פאָרזיצער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר אַ מענטש, וואָס קאָן אָנצינדן טויטע הערצער, — האָט דער רעדנער געזאָגט. — דאָס איז אַ פיינער קאָמפּלימענט, וואָס איז עפּשער גוט געווען פאַר די נעוויאים. וואָס איך וויל אייך זאָגן איז: די מענטשן באַ די האָפּנס זיינען עפּשער פאַרמאַטערט פון האָרעוואַניע און פאַרמאַרעט פון אַרבעטלאָזיקייט, אָבער איך זע אין יעדן איינעם פון אייך טליען אַ פונק, וואָס וועט ווען עס איז אויפפלאַקערן און אָנצינדן דאָס גאַנצע לאַנד אין העלישע פלאַמען, וואָס וועט איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן אַ סאָף צו אַ פאַרברעכערישער אָרדענונג. אָבער איצט וויל

איך ריידן פון אַן אַנדער פּייער, אַ פּייער וועגן וועלכן דער פּריער־דיקער רעדנער האָט שוין גערעדט און וואָס די רויבער פון דער וועלט גרייטן זיך איצט אָנצוצינדן. עס איז נאָענט דער מאָמענט, ווען מיר וועלן אייך זאָגן: איר לאָדט אַמוניציע קעגן זיך אַליין, און צו די אַרבעטער אין די פאַבריקן: איר מאַכט אַמוניציע קעגן זיך אַליין. לאָדט ניט, מאַכט ניט, לייגט אַוועק די הענט, שטעלט אָפּ די רעדער, שטעלט אָפּ די שיפן, און א י ר וועט עס דאַרפן טאָן, כאַוויירים!

פּעטן האָט עפּעס אַ בליץ געטאָן אין מויעך און ער האָט זיך אָנגענומען פאַרן קאָפּ. זיינע קליינע אויגן־אַפּלען טיף אונטערן שטערן האָבן גענומען פינטלען, זיך לעשן און צינדן, און זיין ברוסט — זיך הויבן.

ער האָט ניט געקאָנט דערכאַפּן דעם אָטעם:

— „ווי לאַנג איז עס? — צען... פופצן יאָר... „זיכערט די וועלט פאַר דער דעמאָקראַטיע"... „קויפט ליבערטי באָנדס"... אַ ברודער — הענרי, און אַן אַלטע מאַמע. וואו איז דער ברודער? וואו איז די מאַמע? „הענרי, ביסט דאָך אַ אינגל. ביסט דאָך נאָך קיין אַכצן יאָר ניט אַלט! לאָז מיך. איך בין דאָך עלטער. יעזוס קריסטוס, מיר קאָנען ניט לאָזן אַליין דער מאַמען". און מיטאַמאָל — אַ בריוו פון וועג, מיט אַ זיגל פון די שטערן און שטרייפן: „מאַמע, איך גיי קעמפן פאַר אונדזער פאָן און לאַנד — קעגן די הונען". באַלדי סלים און נאָך אַ באַכער פון אַפּיס גייען פאַרקויפן ליבערטי באָנדס. זיי גייען אַריין אין געצייג־אַפּטייל. ער איז דאָ צוגעשיקט פון באַבי דזשאָנסאָנען, פון קאָנסטרוקציע־אָפּטיילונג, צו פאַרבן די רערן. אַ באַכער שטעלט אָפּ זיין מאַשין און זאָגט: — די הונען ווערן דאָך הונען, ווייל ראָקעפעלער דאַרף מאַכן געלט און וואָס האָב איך צו טאָן דערמיט? אָ, דו אויסוואורף! זיין ברודער איז אַוועק פאַרגיסן בלוט פאַר אַזאַ בעסטיע!...

און פאַרנאַכט. מ'לאָזט זיך אַרויס פון פאַבריק. אַ כעוורע וואַרט אים שוין אָפּ, דעם באַכער, אָפּן הויף. מ'רינגלט אים אַרום פון אַלע זייטן. אַ געליאַרעם: — נעמט אים! און ער — מיט אַן עמער רויטע פאַרב.. הער, איר אלע, רוקט זיך אָפּ! און — זעץ!

אַריין אין פּלייצע! פּליוך: רויט דער מענטש און רויט דער אַס־פאַלט. איצט גיסט זיך בלוט פון זיין האַרץ:

— דאָס איז דאָך געווען ער, ביל אָ׳קאָנער!...

— דאָ, — האָט ביל געשריען אַף דער פּלאַטפאָרמע, — האָט עס געהייסן „די הונען״, איצט וועט עס הייסן עפּעס אַנדערש. אָבער מיר ווייסן ניט פון קיין איד און נעגער, מיר ווייסן ניט פון קיין „וואָפּ״ און „פּאָלאַק״, מיר ווייסן ניט פון קיין טשינק און אונגאַר, — מיר ווייסן בלויז פון רויבער און באַרויבטע, פון געמערדערטע און מערדער. וויפל זיינען דאָ אומגעקומען אַף די שלאַכטפעלדער?

— זיין ברודער!

— וויפל זיינען שוין מער ניט אַהיימגעקומען?

— זיין ברודער!

— וויפל מאַמעס זיינען אומגעקומען דערהערנדיק די נאַכ־ריכטן?

— זיין מאַמע!...

— און קאָן זיין, אַז דאָס איז געפּלאַנט קעגן דעם איינציקן לאַנד אין דער וועלט, וואָס ווערט שוין רעגירט פון אַרבעטער־קלאַס!

— בלוטיקער קאַפּיטאַליזם — בעסטיע!...

— מיר וועלן דאַרפן זאָגן: נעמט אַוועק אייערע בלוטיקע הענט, איר מערדער!

אַ קראַמף האָט אַ כאַפּ געטאָן פּעטן אין האַלדז. ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן פון אָרט און זיך געוואָלט פאַרדעקן מיט די הענט דאָס פּאָנים. זיין מויל האָט געציטערט פון אַ ספּאַזם און ער האָט פאַרביסן די ליפּן. פון זיינע אויגן האָבן געלייאַפעט טרערן.

אַ דורכדרינגלעכער קוויטש האָט זיך אַריינגעשניטן אין גאַס צוזאַמען מיט אַ גרינעם אויטאָמאָביל. פינף פּאָליציאַנטן זיינען אַראָפּ־געשפּרונגען און איינער האָט אַ רעווע געטאָן:

—העי, ברעך אָפּ די פאַרזאַמלונג!

ביל אָ׳קאָנער האָט געענטפערט:

— מיר וועלן ניט אָפּברעכן! עס איז גאַראַנטירט אין דער קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן פרייע רעדע!...

— נעמט דאָרט אַראָפּ די בעסטיע!!

די פּאָליציאַנטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט די קאַלבעס. דער אוילעם האָט זיך אַ רוק געגעבן פון אָרט. פּעט איז שוין געווען אַפן פלאַץ.

— איר וועט אים ניט נעמען! — האָט ער אַ געשריי געטאָן און דערלאַנגט אַ שפּרייט אויס די הענט פאַר דער פּלאַטפאָרמע. — איר וועט אים ניט נעמען!

קאַלבעס האָבן אַ הילך געטאָן. פּעט האָט דערלאַנגט אַ שפּרונג אין דער לופטן און שוין איז א קאַלבע געווען אין זיינע הענט. ער האָט געגומען זעצן צוריק — רעכטס און לינקס, און שפּרינגען ווי אַ צעווילדעוועטער לייב. אין איין מינוט איז געוואָרן אַ געפּלאָנטער, אַ געפּעכט פון פויסטן און קאַלבעס אין אַ צוזאַמענגעקלאַמערטער קופּע. די מענטשן זיינען צעשפּרונגען אין די זייטן ווי צעשראָקענע שאָף. און פּלוצלונג איז אימיצער אַ פאַל געטאָן צו דער ערד און גע־בליבן ליגן אַפן אַספאַלט. עס איז געווען פּעט דוגאַן.

— וואו איז דאָרט דער אויסוואורף, דער רעדנער?

ביל אַ׳קאָנער איז שוין ניט געווען אַף דער פּלאַטפאָרמע.

— הויבט אויף די בעסטיע און טראָגט אים אַריין אין דער מאַשין!

צוויי פּאָליציאַנטן האָבן אַ הויב געטאָן פּעט דוגאַנען פון דער ערד און אים געטראָגן צו דער מאַשין.

— זעצט זיך אַוועק אַף דער בעסטיע!

איינער פון די פּאָליציאַנטן איז אריינגעשפּרונגען אין דער מאַ־שין און דער צווייטער איז געלאָפן אין דער אַנדערער זייט עפענען דאָס טירל.

די צוויי אַנדערע האָבן נאָך געזוכט זייערע פאַרלאָרענע היט.

אַ פּלוצלונגער פאַל אַרויס פון דער מאַשין פון יענעם, וואָס איז אַריינגעשפּרונגען, האָט באַוויזן אַז פּעט איז ווידער אַף די פיס. דער אַנדערער האָט זיך אַ לאָז געטאָן, אָבער שפּעט. איינער פון די צוויי, וואָס האָבן זיך שוין אומגעקערט מיט זייערע געפונענע היט, ווישנדיק זיך דעם שוויס, איז געווען שטאַרק איבערראַשט פון אַ פּלוצלונגן פּלעם אין די ציין, פון וואָס ער האָט אומגעוואָרפן דעם צווייטן, און פּעט איז שוין צוריק געווען באַ דער פּלאַטפאָרמע.

— קריגט אים צוריק אַהער, דעם אויסוואורף!

די פיר פּאָליציאַנטן האָבן זיך ווידער אַ לאָז געטאָן, אָבער שפּעט: די גאַנצע מאַסע האָט אַ לויף געטאָן און זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ וואַנט.

— וואָסער שוואַרץ יאָר איז מיט אײַך? — האָט דער עלצטער אַ ברום געטאָן, צוגייענדיק צו די פּאָליציאַנטן. ער האָט אַ קוק געטאָן אױף דער וואַנט מיט מענטשן מיט די געבײַלטע פויסטן און אַ זאָג געטאָן:

— גוט, קומט אַרויף אױף דער מאַשין.

אַ שוואַרצער גאַזאָלין־רויך האָט טײַקעף אַ זעץ געטאָן פון אויטאָמאָביל. אַ געוואַלדיקער געקוויטש פון פּאָליצייאישן האָרן האָט דורכגעריסן די לופט אין גאַס און די מאַשין מיט די פינף פּאָליציאַנטן האָט זיך אַ טראָג געטאָן פון אָרט, באַגלייט מיט אַ דונערדיקן „בו" פון דער גאַנצער מאַסע, מיט אַ פײַפערײַ און אַ געשרײַ: — געלע הינט!

פּעט איז געשטאַנען אָן היטעלע; די העלע קודלעס — צעשויבערט, ווי בײַ אַ פאַרוואונדעטן לייב. פון קאָפּ, פון ביידע זײַטן פּאָנים און פון די ציין איז אים גערונען בלוט.

איינע פון די צוויי מיידלעך, וואָס האָבן פאַרשפּרייט צירקולאַרן און פּאַמפלעטן, האָט צוגעבראַכט פון ערגעץ אַ נאַס טיכעלע און אים געוואַשן דאָס פּאָנים.

— כאַוער, — האָט זי געזאָגט מיט טרערן אין קאָל, — וואָס האָסטו געטאָן?

— דאָס בעסטע וואָס איך האָב געקאָנט דערווײַל, — האָט ער געזאָגט און בײַ איר געבעטן דאָס טיכעלע און זיך אַליין אײַנגעהאַמעוועט דאָס בלוט אָפּן פּאָנים.

אימיצער האָט אַ געשרײַ געטאָן:

— זאָל ער זיך אָפּטראָגן וואָס שנעלער! זיי וועלן צוריקקומען פאַרשטאַרקט!

פּעט האָט עס ניט געהערט, ווײַל ער האָט געפּרעגט די מיידל וואו ביל אָ'קאָנער איז.

— ער איז שוין אַוועק, — האָט געזאָגט די מיידל.

— זיי האָבן אים ניט גענומען? —

— ניין.

— דאָס איז גוט...

עפּעס איינער — אַ גרויסער מענטש, מיט אַ פּיצל קינד אַפן אָרעם, האָט זיך דורכגעריסן צווישן אוילעם און פון א פאַרשטשעמעט מויל אָנגעשטאָפּט מיט קיי־טאַבאַק, האָט ער אַ זאָג געטאָן האַסטיק:

— לאָמיך דיר דריקן די האַנט — ביסט אַ פאַרדאַמט גוטער יונג!

אין עטלעכע מינוט אַרום איז די

גאַס שוין געווען ליידיק.

דזשעסי ראַלאַנדס סאָדע־פאַונטען אַפן אַנטקעגנדיקן ראָג האָט זיך געלויכטן ווי אַף אַ כאַסענע, אָבער סטענלי בוירקס געשעפט דער־נעבן איז שוין געווען פינצטער. די אַנקערס, שטריק, שיפלעך, קייטן, וועסלעס, קאָמפּאַסן, רעדלעך און אַלערליי אַנדערע שיף־טיילן האָבן זיך געשאָטנט אונטערן שיין פון אַ קליין עלעקטריש ליכט אין ריזיקן שוי־פענצטער.

אין גאַס זיינען שוין פאַרבליבן וויניק מענטשן. דאָ און דאָרט זיינען נאָך געשטאַנען קליינע גרופּקעס און צווישן זיך גערעדט, ווייזנדיק צום ראָג, וואָס איז נאָך געווען פאַרזייט מיט צעטראָטענע צירקולאַרן.

ערגעץ־וואו האָט זיך געבראָכן אַ שווער־געבוירענער געניץ, וואָס איז טייקעף פאַרשלונגען געוואָרן פון אַ רעווען פון אַ שיף, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָגן אין דעם שוואַרצן, אומענדלעכן שטעטך פון דער נאַכט איבערן וואַסער און צוריקגעבראַכט אַ מעכטיקן עכאָ דער מידער, הייס־צעפּאַרעטער גאַס.

דער קליינער הינדו

אין דער אָפּטיילונג פון דער גרויסער שטאָל־פּאַבריק האָט ניט ווייט פון מיר געאַרבעט אַ הינדו. מיר האָבן בײדע געטראָגן שווערע, לעדערנע פאַרטוכער, מיר האָבן בײדע געטאָן די זעלביקע אַרבעט. זיינע הענט זיינען, פּונקט ווי מיינע, טאָמיד געווען איינגעטונקען אין געדיכטן מאַשין־אויל, צו וועלכן עס האָבן זיך געקלעפּט שאַרפע ברעקלעך פון די שטאָל־שניצלעך, וואָס זיינען אונדז דערגאַנגען די יאָרן: געשטאָכן, צעשניטן און צעבלוטיקט די הענט.

די באַאַמטע אין אָפּטיילונג זיינען איינער באַ איינעם, פון הויפּט־אויפזעער ביז דעם אינספּעקטאָר, געווען ריזן אין וואוקס. עס האָט זיך געדאַכט: יעדער איינער פון זיי קאָן נעמען דעם הינדו אין קעשענע, מאַכמעס ער איז געווען קליין און דאַר ווי גאַנדי.

זיי האָבן אים באַהאַנדלט עמעסדיק געמיין, מיט גרינגשעצונג און כויזעק, אַקוראַט ווי ער וואָלט געווען עפּעס אַ קראַליקל. ער אָבער האָט אָף זיי געקוקט מיט אַ קלוגן קוק און אַ מעלאַנכאָלישן שמייכל. ער האָט אַקוראַט באַנומען, וואָס יעדער איינער פון זיי איז, אָבער קיין איינער פון זיי האָט ניט געוואוסט וואָס און ווער ער איז.

דער דאָזיקער קליינער מענטש, האָב איך זיך דערוואוסט, האָט באַהערשט און געקאָנט פריי טראַכטן און ריידן אָף פיר איראָפּייאישע שפּראַכן, אַכוץ ענגליש, און געהאַט דיפּלאָמען פון צוויי אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטן. ער איז אַלט געווען 21 יאָר. דער צוועק פון זיין אַרבעט אין פאַבריק איז געווען צוצוגרייטן מיטלען קעדיי ווייטער צו קאָנען שטילן זיין גרעניצלאָזן דורשט נאָך קענטעניש און וויסן. זיין האַרץ האָט געבלוטיקט מיט די יעסורים פון זיין אונטערדריקט

פּאָלק און פון די דאָזיקע יעסורים זײַנען אין אים אױפגעגאַנגען די זאָמען פון אַ באַפרײַער.

אין באַפרײַטע מינוטן פון די שווערע בליקן פון די באַאַמטע אין אָפּטײלונג, פלעגט ער זיך טײלמאָל אָף אַ ווײלע צוכאַפּן צו מיר און מיר פאַרטרויען עטלעכע ווערטער. זײַן הויפּט־צוועק איז געווען: זיך אומקערן אין זײַן הײם־לאַנד און אָנהויבן אַרויסגעבן אַ צײַטונג, דורך וועלכער ער זאָל קאָנען אַרויסגעבן צו זײַן פאָלק דאָס גליאיקע וואָרט פון זײַן האַרץ.

איך האָב ליב באַקומען דעם מענטשן. איך פלעג אים באַטראַכטן, ווי ער שטײט אַמאָל נעבן מײַן מאַשין אין הוילער ציטערניט מיט די הענט טריפנדיק פון אויל אין דער לופטן, און בעאײס זײַנע ליפּן באַוועגן זיך, ווען ער רעדט צו מיר, לויפן זײַנע אויגן אָף אַלע זײַטן, צי עס קומט ניט פון ערגעץ דער אויפזעער.

אײנמאָל זאָגט ער:

— אינדיע — דאָס איז אַ גרויסער ערד־וואָרים. ענגלאַנד איז אויך אַ וואָרים, נאָר אַ פּיל, פּיל קלענערער. אַ שוואַרצער אַזאַ, אָף פּיסלעך, וואָס קאָן זיך באַוועגן געשיקט און האָט די גיריקײט זיך אײַנצוזויגן אין אַ גוף און אים ניט אָפּלאָזן מער קײנמאָל. דער ערד־וואָרים — אינדיע — דרײט זיך פון יעסורים, אָבער ער איז אָנמעכטיק צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

— פאַרוואָס? — פרעג איך.

— ערשטנס, איז זי שוואַך פונעם שטענדיקן בלוט־פאַרלוסט. צווײטנס, איז זי פאַראַלאַזירט פון דעם סאַם פון מאַהאַטמאַס טוירע.

— ניטאָ גאָר קײן מיטל דערצו?

— פאַראַן.

— וואָס?

ער קווענקלט זיך אַביסל, און ווען ער דערזעט פּלוצלונג פונדערווײַטנס דעם אויפזעער, כאַפּט ער דעם צעשניטענעם פינגער פון דער, מיט אויל־טריפנדיקער האַנט, אין מויל, נאָגט דאָס בלוט צוזאַמען מיט דער געדיכטער פעטיקײט און בעאײס ער טראָגט זיך שוין אָפּ צו דער מאַשין, וואַרפט ער מיר צו אָף שנעל:

— לעניניזם!

איך בין אַביסל איבערראַשט. יעדן פרימאָרגן קומט ער אין פאַבריק פריער פון מיר. ווען איך קום, טרעף איך אים שוין אין לע־

דערנעם פאַרטוך, זיך ראָיען אין די געדערים פון זיין מאַשין. ווען ער דערזעט מיך, הויבט ער אויף צו מיר אַ האַנט וואָס גלאַנצט שוין מיט אויל. אַף זיין פּאָנים מינעט דורך אַ פיינער שמייכל און מיינע אויערן פאַרנעמען פונדערוויטנס דעם פליסטער פון זיינע ליפּן — יעדן טאָג דאָס זעלביקע:

— זדראַסטוואָי, טאָוואַרישטש!

זיין אָנקל

איינמאָל אין אַן אָוונט, גייענדיק אין גאַס, דערזע איך אַף אַ ראָג אַ גרויסן אוילעם. לעבאַטכילע האָב איך געמיינט: עפּעס אַן אומגליק, אָבער צוגעקומען נעענטער, דערזע איך פּאָשעט — אַ פאַרזאַמלונג: אַ פּלאַטפאָרמע, אַ רעדנער און אַ היבשער אוילעם אַרום.

די גאַס איז געווען דער צענטער פון אַ ריי זייטיקע גאַסן; אַזוי צו זאָגן, דער הויפּט־קאַנאַל וואָס פאַרצווייגט אַ קייט פון קלענערע רינוועס, וואָס זיינען באַוואוינט פון פאַרהאָרעוועטע, אָרעמע מענטשן. איז אָנגעפּיקעוועט מיט אַלערליי קראָמען און קרעמלעך, מיט ביליקע קינאָ־הייזער, ביליאַרד־פּלעצער א. אַז. וו. די שווער־פאַרהאָרעוועטע סכירעס, וואָס די מענטשן ברענגען אַהיים, טראָגן זיי צוריק אַרויס דאָ אין גאַס, איינשאַפנדיק זיך די קליינע נויטווענדיקייטן און ביליקע פאַרוויילונגען, וואָס שטעלט צופרידן זייער לעבן. זיי לאָזן זיך פּאָשעט אויספּליינדערן און זייערע סכירעס גייען צוריק אַהין, פון וואַנען זיי קומען.

דער יונגער מענטש אַף דער פּלאַטפאָרמע האָט זיי דאָס דער־קלערט; דערקלערט זייער פּאָשעט און קלאָר, מאַמעש אַרויסגעלייגט אַף אַ טעלער. ער האָט געזאָגט: זיי, די קרעמער און אַגענטן דאָ אין גאַס, זיינען ניט מער ווי שקלאַפישע, לאַקייאישע סאַרווערס, וואָס ברענגען אַרויף פון די קעלטערס טייערע ווײַנען און סערווירן זיי אַף די רייך־געדעקטע טישן פאַר די האַרן וואָס לאָזן זיך וואוילגיין, לעבן אַ גוטן טאָג, פרעסן און זויפן, באַקן זיך אין דער פיינער זון אין פלאָרידע, שפּילן גאָלף, פּראַווען יאַגד־סימכעס, שיפן זיך אין

אייגענע יאָכטן, פּאַרברענגען אין דער שווייץ אױף די אַלפּן־בערג, רוען אױף לאַנגע וואַקאַציעס אין אײראָפּע, א. אַז. וו., א. אַז. וו.

איך האָב דעם באַכער גוט געקאָנט. מיר האָבן ביידע געאַרבעט אין דער זעלבער פֿאַבריק. ער פֿלעגט אָפּט אַריינקומען אין דער אָפּטיילונג „עיטש״, וואו איך האָב געאַרבעט. ער איז געווען איינער פֿון אַ גרופּע אין דער געצייג־אָפּטיילונג, וואָס האָבן רעפּערירט די קאַליע־געוואָרענע מאַשינען אין דעם גאַנצן אונטערשטן טייל פֿון דער געביידע. מען פֿלעגט אים רופֿן „דאָקטאָר״, כאָטש איך ווייס נאָך ביז היינט ניט פֿאַרוואָס. זיינע אָרעמס זיינען מוסקוליעז, ווי אויסגעגאָסן פֿון בראָנדז; זיינע הענט — טאָמיד פֿאַרשמירט שוואַרץ; זיין פּאַ־נים — האַרט און אומבאַוועגלעך. דאָס איינציקע מילדע זיינען די פּיינע פּענסנע, פֿאַרהעקלט אָפּן אויער מיט אַ קייטעלע. איך בין גע־ווען איבעררראַשט, עס איז מיר ניט איינגעפֿאַלן אַז דער באַכער איז אַ רעדנער, דערצו — אַ ראַדיקאַל.

מיין האַרץ האָט געקלאַפּט פֿון פֿרייד. איך האָב שטאַרק כיישעק געהאַט זיך דורכצושטופּן צו אים, אָבער איך האָב ניט געוואַגט צו שטערן די מענטשן, וועלכע האָבן זיך אויפֿמערקזאַם צוגעהערט צו זיינע רייד. ווען זיי האָבן באַגלייט זיינע לעצטע ווערטער מיט אַ צושטימיקער האַנט־קלאַפּעריי, האָב איך זיך שנעל צו אים גענומען דורכשפּאַרן, אָבער דאָס איז מיר ניט אָנגעקומען גרינג, מאַכמעס אַזוי גיך ווי ער איז אַראָפּ, איז אַף דער פּלאַטפֿאָרמע שוין געשטאַנען אַן אַנדערער און געלאָזט וויסן עפּעס, וואָס אַלע זיינען געווען נייגעריק צו הערן. איינער האָט מיך צאָרנדיק אַ פֿרעג געטאָן וואוהין איך שטופּ זיך, און פֿאַרוואָס, צום שוואַרץ יאָר, איך שטיי ניט וואו איך שטיי, און מיר נאָכגעשיקט אַ מיעס וואָרט. ווען איך האָב זיך דורכגעשפּאַרט, איז דער באַכער שוין ניט געווען. איך האָב אים געזוכט אומעטום, אָבער אינערגעץ ניט געפֿונען.

אין עטלעכע טעג אַרום טרעף איך אים אַרויסגיין פֿון דער פֿאַבריק. ס'איז געווען פֿאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט. איך האָב זיך צו אים צוגעכאַפּט און געגאַנגען מיט אים אַ ווײלע זייט באַ זייט; זיך אַפֿילע אַנגערירט אָן אים עטלעכע מאָל, אָבער ער האָט מיך ניט באַמערקט, מאַכמעס מיר זיינען געגאַנגען אינמיטן אַ מאַכנע פֿון טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן געשטראָמט פֿון דער פֿאַבריק. מיין האַנט האָט זיך מיט

אַ קיוון אָנגעשלאָגן אָן זיינער און דאָן האָט ער זיך אומגעקוקט. איך האָב אים באַגריסט, אָבער ער האָט מיר געענטפערט קאַלט. ער האָט מיך אָפּאָנים גאָרניט געקאָנט. איך האָב אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב ניט געוואוסט, אַז דו ביסט אַ רעדנער, — און האָב נאָך צוגעגעבן: — און אַ גוטער אויך...

ער האָט אַ שמייכל געטאָן און געכאַפּט אַ בליק אַףביידע זייטן. איך האָב באַגריפן: מען דאַרף דאָ זיין פאָרזיכטיק. אין אַזאַ מאַסע קאָן מען קיינמאָל ניט זיין זיכער ווער עס גייט נעבן אונדז. ער אָבער איז געווען גאַנץ רואיק. ער האָט געקאָנט פיל מער מענטשן אין דער פאַבריק ווי איך. ער האָט מיך אָנגעקוקט, מיך באַטראַכט אַ ווײַלע פון קאָפּ ביז די פיס, אַפּאָנים מיך אַ פאָרש געטאָן ווער איך בין. דערזען באַ מיר צוויי זשורנאַלן, האָט ער מיך אַ פּאַק געגעבן באַ דער קעשענע, ווי אַן אַלטער פריינט, און זיך צעלאַכט מיט אַ היימיש געלעכטער, ווי ער וואָלט מיך שוין געקאָנט אַסאַך, אַסאַך יאָרן:

— טראָגסט ליטעראַטור — פּעק מיט מ י י ס ע ס, הע?

די זשורנאַלן זיינען, וואָס אַן עמעס, ניט געווען פון די בעסטע, אָבער די באַטאָנונג פון וואָרט „מייסעס" האָט אָנגערירט מיינע אַן אינעווייניקסטע סטרונע. איך האָב אַ רעגע ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, נאָר פּלוצלונג האָב איך דערזען אַז זיין קעשענע איז אויפגעשוואָלן ניט ערגער ווי מיינע. איך האָב אים אַ פּאַק געטאָן, פּונקט ווי ער מיך:

— נו, און וואָס הערט זיך מיט דיר, באָכער?

—אַ, ניין, — זאָגט ער, — דאָס איז ניט קיין מייסעס.

און ער שלעפּט אַרויס דאָס גאַנצע פּעקל און ווייזט עס מיר. עס איז געווען פאַשעט אַ טעגלעכע צייטונג, און ווי געוויינלעך אַ טאָג־צייטונג אין אַמעריקע, אָנגעפּיקעוועט מיט אַרום פערציק זייטן אָנאָנסן — אַליין אַ גאַנץ היבשער פּאַק פּאַפּיר; און דאָן אַ בריטישע אויסגאַבע — דער „מאַנטשעסטער גאַרדיען", און אַ פּעריאָדישער אָרגאַן פון די „אַי־דאָבליו־דאָבליו". דאָס לעצטע האָט מיך גאָר דערפרייט. איצט, הייסט עס, ווייס איך אַקוראַט ווער דו ביסט. איך זאָג:

— אַזוי, ברודערל, ביסט אַ „וואָבלי".

— אַבסאָלוט ניט, — זאָגט ער, אָבער ער איז מודה אַז ער איז אַמאָל געווען, נאָר ער זאָגט:

— אָבער ניט איצט...

און אײדער ער שטופּט צוריק אַרײַן אין קעשענע דאָס פּעקל ליטעראַטור, זאָגט ער ערנסט:

— נאַ, איך האָב פאַר דיר אַ גוטע זאַך, וואָס וועט דיר ליכטיק מאַכן אין די אויגן — בעסער ווי די מייסעס!

און ער שלעפּט עפּעס אַרויס פון דער צווייטער קעשענע און דערלאַנגט מיר אַ בראָשור. ס׳איז געווען דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס.

בעערעך אין אַ וואָך אַרום מאַכט זיך — מײַן מאַשין ווערט מיר קאַליע. דער גרויסער וואַלץ הויבט אָן ברומען מיט אַן אינערלעכן פּראָטעסט און מיט איין מאָל הויבט ער אויף אַ געוואַלד, ווי עס וואָלט אים געכאַפּט אַ מוירעדיקער קראַמף. דער לעדערנער פּאַס שפּרינגט אַראָפּ און אַ באַפרײַטע לאָזט די מאַשין זיך אַוועק אַ גאַנג, גרינג ווי אַ פעדערל, אַקוראַט ווי זי וואָלט מוחל געווען דעם לעדערנעם פּאַס די טויווע און זיך אַליין פאַרנומען אָפּטאָן די גאַנצע אַרבעט. איך פאַרליר אַ ווײַלע יעדן קאָנטראָל איבער דער מאַשין. איך כאַפּ אַ שמאַטע און דריק צו דאָס גלאַנציקע רעדל. ענדלעך האַלט איך עס איין און די מאַשין שטעלט זיך אָפּ. איך כאַפּ אָן מיט קאָעס די לייסט און מיט איין שלעפּ טשעפּע איך אָפּ די אויבערשטע „פולי" פון דער טראַנסמיסיע. מיט שווערער מי טו איך צוריק אַרויף דעם פּאַס, דערלאַנג ווידער אַ שלעפּ די לייסט און די אויבערשטע „פולי" איז שוין צוריק פאַרטשעפּעט צו דער טראַנסמיסיע. אָבער טייקעף ווידערהאַלט זיך דאָס זעלביקע: אַ שווידערלעכער קוויטש, און דער פּאַס שפּרינגט אַראָפּ. דאַן זאָג איך: — „צום טייוול דערמיט!" — און לאָז זיך גיין צום אויפזעער. איך גיב עס אים איבער און ער קומט גלײַך צו, לייגט אַרויף די האַנט־פלאַך אָף יעדן רעדל באַזונדער, טאַפּט צי עס איז וואַרעם און פרעגט מיך צי דער אוילער האָט היינט אַרײַנגעגאָסן גענוג אויל. און ווען איך זאָג אים: יאָ, זאָגט ער אַרויס זײַן השערה—עס זעט אים אויס, אַז דער צענטראַלער צילינדער האָט געפּלאַצט. ער לאָזט עס טייקעף וויסן אין דער

געצייג־אָפּטיילונג און איך נעם דערווייל אַרומרייניקן די מאַשין — וויש זי אַרום, פּוץ זי אַרום, און ווען איך הויב אויף די אויגן, זע איך שוין ווי עס קומט אַ מענטש מיט אַ קעסטל געצייג. און ווער? — דער זעלביקער באָכער! איך לייג אַזש אַוועק די שמאַטע פון דער האַנט. עס ווערט מיר וואַרעם אין יעדן ווינקעלע פון האַרץ, אין יעדן אייווער. ווען ער קומט צו, פיל איך מעכאַיעדיק גוט, אָבער איך ווייז עס אים ניט אַרויס. איך גיב אים נאָר איבער מיין אויפזעערס האַשאַ־רע און ער זאָגט אַרויס רואיק: — ער האָט אַזויפיל סייכל ווי אַ קאַץ.

אין אַ ווײַלע אַרום שטייט ער שוין איינגעטונקען „איבער די אויערן" אין „גריז" (פעטס) פון דער מאַשין. זיין קעסטל געצייג שטייט צעעפנט און אין זיינע הענט בייטן זיך אָפט די געצייג: אָט האַלט ער אַ שרויפן־ציער, אָט אַ האַמער, אָט אַ רענטש און אָט עפּעס אַנדערש. ער דרייט אויף, שרויפט אָפּ, מאַכט לויז, נעמט אַרויס טיילן, שטעלט אַריין די פינגער אין ווייכן „גריז" צווישן די ציין פון די רעדלעך, טאַפּט, זוכט, שמעקט, ראַיעט זיך, ווי אַ כירורג אין דעם אָפּענעם איינגעווייד באַ אַ כוילע מעסוקן. ענדלעך מאַכט ער אַ גרימאַסע: ער האָט עס! איצט נעמט ער ערשט אויפסניי אָפּשרויפן, אָפּדרייען, אַרויסנעמען טיילן און טיילעכלעך, קלענערע און גרעסערע — די מאַשין בלייבט שטיין אַ הוילער סקעלעט, אַ כורווע, אַ הויפן ברוך. מיין אויפזעער קומט צו. ער וויל מיך אַוועקנעמען און שטעלן צו אַן אַנדער אַרבעט. אָבער ער, דער באָכער, איז איצט דאָ דער באַלעבאָס. ער זאָגט: ניין, ער דאַרף מיך האָבן. ווען דער אויפזעער גייט אַוועק, פרעג איך אים: — „צו וואָס?" און ער זאָגט: — „גאָרניט. שטיי דאָ. צו וואָסער שוואַרץ יאָר דאַרפסטו אַרבעטן? דיין מאַשין איז צעבראָכן". דאַן פרעגט ער זיך נאָך אָפּ ביכל, וואָס ער האָט מיר געגעבן. איך זאָג: — „ניט שלעכט". ער קוקט מיך אָן: — „ניט שלעכט?" — „יאָ", — זאָג איך — „כ'האָב האַנאָע געהאַט. אָ, אינגל ביסט געווען גערעכט: ס'איז מיר עפּעס קלאָר געוואָרן אין מויעך; קלאָר געוואָרן אַסאַך זאַכן, וואָס איך האָב ביז איצט ניט פאַרשטאַנען". ער קוקט מיך אָן מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם און זאָגט: — „יאָ!" דאַן גיט ער אַף מיר אַ בלישטש מיט די גלעזלעך פון זיינע ברילן און זאָגט: — „איך וואָלט דיר וועלן דריקן דיין האַנט, אָבער מיינע איז אַזוי אויסגעכאַזערט — יעזוס".

נאָכדעםריידן מיר שוין אָן אַ סאַך. די צייט פליט — אַ פאַר־גענינגן. ער זאָגט, אַז קאָנען קאָן ער גראָד טאָן אַ פיינערע ארבעט, אָבער דאָס איז אים ליבער: ער זעט מענטשן, קאָן מיט זיי ריידן און דאָס וואָס ער וויל. ניט יעדן איינעם קאָן מען באַלד געבן לייענען אַזאַ ביכל, אָבער קאָנסטו, ברודערל, די יאַטן, — זאָגט ער, — ווערסטו שוין ווי עס איז געפינען דאָס טירעלע צו זייערע מויכעס. באַ אַסאַך דאַרף מען זיך טאָקע באַגיסן מיט שווייס, באַ אַנדערע איז עס אַזוי פאַרקלאַפּט, אַז ס'איז ניט מעגלעך עפענען, אָבער — עס מאַכט ניט.

דאַן פייפט ער אַריין אין דער מאַשין די מעלאָדיע פון אַ פּאָ־פולער לידל און נעמט זיך דערציילן אַביסל פון זיך אַליין, פון זיינע עלטערן און אור־עלטערן. איך העלף אים בלויז אַרויסנעמען, אָדער צוריק אריינשטעלן אַ שווערן טייל און ווער דערוויילן אַוועקגעטראָגן פון זיינע רייד. וואָס עס טוט זיך אינעווייניק אין דער מאַשין, קי־מערט אים אַזוי ווייניק, אַז ער האָט ניט פאַר נויטיק צו פאַרלירן אַפילע אַ וואָרט דעריבער. ער רעדט לאַנגזאַם, ניט פאַרגעסנדיק אַף איין רעגע וואָס ער טוט. און איך ווער אַריינגעצויגן וואָס ווייטער אַלץ מער, לעב־מיט, אָטעם־מיט מיט אַלץ וואָס ער דערציילט.

מיין האַרץ איז איינגאַנצן געפאַנגען. איך לעב דורך אַ טיף מיטגעפיל צו דעם באָכער און באַטראַכט אים, ווי גרינג ער דער־ציילט דאָס אַלץ. ער איז אַלט 25 יאָר און ער האָט ניט קיינעם. די זייניקע זיינען אַלע טויט, און קיין איינער פון זיי איז ניט גע־שטאָרבן אַף אַ נאַטירלעכן אויפן, כוץ זיין מאַמע. זיין טאַטע איז פאַרשאָטן געוואָרן אין אַ קוילן־גרוב אין פענסילווייניע; זיין זיידע איז דערשאָסן געוואָרן אין אַ האַפן־סטרייק אין סאַן־פראַנציסקאָ; און אַפילע זיין עלטער־זיידע, וואָס איז געווען אַ סקאַטלענדישער פישער און געפירט אַ רואיק לעבן באַם ברעג פון יאַם, איז אומגע־קומען אין אַ שטורעם אַפן יאַם.

ער האָט ניט געקאָנט קיין איינעם פון די דריי דוירעס מענער פון וועמען ער שטאַמט — אַפילע ניט זיין טאַטן, מאַכמעס ער איז אַלט געווען קוים צוויי יאָר ווען זיין טאַטע איז אומגעקומען. די איינציקע וואָס ער האָט געקאָנט, איז געווען זיין מאַמע. זי איז גע־ווען אַ גאַטספּאַרכטיקע פרוי; פלעגט גיין צוויי מאָל אין דער וואָך אין קירך און אויסגיסן איר האַרץ. פאַרן טויט האָט זי אים געבעטן

ער זאָל אַמאָל אַריינגיין אין קירך, זען דעם גאָלעך און זאָגן אַ טפילע פאַרן פאָטערס נעשאָמע — כאָטש איינמאָל אין כוידעש. ער גלויבט אָבער ניט אין די אַלע זאַכן, אָבער ער האָלט טייער איר אָנדענק. זי האָט אים איבערגעלאָזט אַ ירושע — די איינציקע ירושע — אַן אַלטע עוואַנגעליע. צווישן די בלעטער ליגט אַ פּאַ־פּיר, אַף וואָס דאָס אַלץ איז פאַרשריבן.

איך האָב אויסגעהערט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און געזען פאַר מיינע אויגן די אַלע געשטאַלטן. זיין זיידע — האָט זיך מיר אויסגעמאָלן — אַ געזונטער מענטש, אַן אַנטשלאָסענער און אַ ביטע־רער אַקשן. איך האָב געזען זיין בלוט, וואָס האָט פאַרגאָסן די שטיי־נער באַם האַפן אין סאַן־פראַנציסקאָ, און ערגעץ־וואו האָט אין מיר געציטערט אַן אָדער.

איך האָב געזען פאַר מיינע אויגן זיין טאַטן, אַן אַרענטלעכן, גע־זונטן מענטשן; געזען אין פענסילווייניע, אַן אַנטלאָפענעם פון אַהייאַ, וואו עס האָט געפלאַקערט אַ ביטערע שלאַכט פון די קוילן־גרעבער; אים געזען מיט אַ קויל אין פוס און מיט אַ וואונד אין האַרץ, ווייל ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט זיינע פריינט און כאַווערים און אַנט־לאָפן אינמיטן דער נאַכט, ווייל מען האָט באַדראָעט זיין לעבן. איך האָב אים געזען מיט אַ לעמפּעלע אָפן קאָפּ זיך אַראָפּלאָזן טיף, טיף אונטער דער שוואַרצער ערד גראָבן קוילן, און איך האָב אים געזען אַרויפפירן פון שאַכט אַ פאַרסאַרפעטן און אַ צעדריקטן ווי אַ ראַץ.

אָבער דאָס אַלץ האָט מיך ניט אָנגעגריפן אַזוי טיף ווי דער ווייט־סטער פון זיין שטאַם — זיין עלטער זיידע. איך ווייס ניט פאַרוואָס, אָבער עס האָט זיך אָפּגערוקט פון מיינע אויגן די אָפּטיילונג, די גאַנצע פאַבריק, די גאַנצע געביידע און עס האָט זיך פאַר מיר געעפנט די ברייטע פּאַנאָראַמע פון יאַם. דער קאָלאָסאַלער גערויש און טומל פון די מאַשינען איז אויסגערונען פון מיינע אויערן — ניין, זיך פאַר־וואַנדלט אין דעם גערויש פון די כוואַליעס! ער האָט מיר ניט געזאָגט ווען דאָס האָט פּאַסירט, אָבער מיר האָט זיך אויסגעוויזן צווישן טאָג און נאַכט. איך האָב געזען ווי די שווערע וואָלקנס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק איבערן וואַסער און ווי די כוואַליעס האָבן זיך אויפגעהויבן הויך צו די וואָלקנס. דער גאַנצער כאַלעל איז גע־וואָרן שוואַרץ און פינצטער און אָנגעפילט מיט דעם רייעך פון

שוועבל, זאַלץ און שטורעם. ריזן־כוואַליעס האָבן גערעוועט און געליאַרעמט, זיך געשליידערט און פאַרשוואונדן אין אָפּגרונט, זיך אויפגעהויבן און ווידער געשליידערט, געעפנט טעהוימען און אויפגעשטעלט בערג און צעברויזט די אומגעהויערע שטרעקע מיט שאַרווענדיק־גלאָזיקן שוים. דאַן האָב איך געזען דעם מענטש, געזען זיין אַנגסט, געזען דעם זעגל אָפּגעריסן און נאָכפלאַטערן ווי אַ שמאַטע, ווי אַ שטיקל שפּין־געוועב. געזען אים אָנגעקלאַמערט אָן דעם קליינעם מאַסט פון זיין שיפל, מיט וועלכן דער אוראַגאַן האָט זיך געשפּילט ווי מיט דעם שעלכל פון אַ ניסל. איך האָב אַפילע געזען זיינע נעצן צעוואָרפן, דורכגעווייקטע, נאַס, און אים אַליין — געפאַנגען ווי אַ פישל! איך האָב געקאָנט הערן זיינע געשרייען פון יעסורים און שרעק אין די לעצטע מינוטן פון סאַקאָנעס־נעפּאַשעס, זיינע קוילעס און געוואַלדן, וואָס זיינען פאַרשלונגען געוואָרן פון די געוואַלדן פון שטורעם. און דאַן האָב איך געזען ווי מיט איין פאַטש פון אַ כוואַליע, ווי מיט אַ קנאַק פון אַ צונג, איז דאָס שיפל פאַרשוואונדן און באַלד האָב איך געזען אומשווימען די ברוך־שטיקער, אָבער קיין סימען פון מענטש. דאָס שיפל איז געווען צעשמעטערט, דער פישער איז ניט געווען.

איך האָב דערפילט אַ שאַרפן קראַמף אין האַלדז, אַ ספּאַזם. איך האָב זיך שנעל גויווער געווען און געזאָגט:

— אָבער דאָס איז דאָך געווען אַ נאַטור־אומגליק; ער איז אומגעקומען פון אַ נאַטירלעכער קראַפט, פון אַ שטורעם אַפן יאַם.

איך האָב עס געטאָן מאַכמעס עס איז פאַר מיר געווען זייער קלאָר דער ציל פון זיינע רייד. איך האָב אָבער ניט געהאַט דעם פאָדעם פון זיין לאָגיק און האָב דעריבער ניט געקאָנט מאַסקים זיין אַז זיין עלטער־זיידנס טויט האָט וואָס צו טאָן דערמיט.

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן לאַנגן שרויפן־ציער, מיט וועלכן ער דערגרייכט אין די סאַמע גאַרגערעס פון דער מאַשין, און אויפהויבנדיק איין ברעם איבערן גלעזל פון זיינע פענסנע, וואָס האָט אַ שפּיל געטאָן אין קינסטלעכן טאָג־ליכט, וועלכע האָט געשיינט איבער זיין קאָפּ, און מאַכנדיק אַ קנייטש אַף איין באַק, האָט ער געזאָגט פאַרטראַכט:

— די כעוורע באַם יאַם קאָנען זיך זייער גוט אָפּן וועטער, טייע־רער. און אויב ער האָט זיך געלאָזט אָפּן וואַסער פאַר א שטורעם, איז עפּעס געוועז... זיכער ניט ספּאָרט. ניין. וואָס־זשע האָט ער געוואָלט? — גאָרניט: עסן... לעבן... — — — — —

און צוריקנעמענדיק זיך צו דער אַרבעט, האָט ער געזאָגט איינפאַך:

— קעדיי אויפצוהאַלטן דאָס לעבן, ברודער, באַגעגענען מיר מער געפאַרן ווי אַ וואָרעם אַף דער ערד. ניט וואָר? —

— יאָ, — האָב איך מאַסקים געווען. — דאָס איז ריכטיק.

ער האָט אָבער ניט געענטפערט אַ ווײַלע. דאַן האָט ער עפּעס אַ ברום געטאָן אין דער מאַשין אַריין, וואָס עס איז געווען אוממעג־לעך צו הערן. דאָס פּאַטשן פון די רימענס, דאָס הודזשען פון די מאַ־שינען, דער מעכטיקער טומל און דער געוואַלטיקער עכאָ וואָס האָט זיך געטראָגן איבער דער גאַנצער געביידע, האָט פאַרכאַפּט זיין קאָל, וואָס ער האָט מיט מי אַריינגערעדט אין דער מאַשין, וואו ער האָט פאַרפּעסטיקט אַ שווערן טייל. ער האָט עס איבערגעכאַזערט. ער האָט גערעדט וועגן די פאַרמער אָפּן לאַנד און אויסגעדריקט פאַרדרוס אַף די גרויסע טראַסטן וואָס באַרויבן זיי. ער האָט די לעצטע גע־קרוינט מיטן נאָמען „פּיראַטן“ און באַדויערט זייערע קאַרבאָנעס.

דאָס האָט אָבער לאַכלוטן ניט קיין שייכעס געהאַט מיט דעם וואָס מיר האָבן גערעדט. איך האָב געהאַלטן אַן אויג אָפּן באַכער, אָבער איך האָב אין פלוג ניט באַגריפן צוליב וואָס ער טוט עס. ער האָט דעם פאַרמער געגעבן די ראָלע פון דער בין.

— זי פליט, פליט, — האָט ער געזאָגט, — זשומעט, זוכט אויף בלומען, זויגט זאַפטן, און טראָגט זיי אין בינשטאָק, פּראָדוצירט דעם פיינעם האָניק, אָבער ווער געניסט דעם האָניק? — מיר. וואָס טוען מיר דערצו? — גאָרניט. דער פאַרמער טוט דאָס זעלביקע. ער אַקערט, זייעט, בראַנעוועט, שניידט; אַרבעט שווער פון פרי ביז אָוונט; בראָט זיך אין דער הייסער יולי־זון, ווען ער נעמט אַראָפּ די טוואוע פון די פעלדער אָדער קלייבט אַראָפּ די פרוכט פון די ביימער. אָבער ווער געניסט דערפון? — די טראַסטן. וואָס טוען זיי דערצו? — גאָרניט.

מיר איז אַלץ אויסגעקומען אַז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אַף אַ זייטיק וועגל, אָבער איך האָב טייקעף איינגעזען מיין טאָעס. ער איז געגאַנגען רואיק, מיט אַ גראָדן וועג צו זיין שליאַך.

— מיין עלטער־זיידע, — האָט ער געזאָגט, — האָט געפירט ביטערע געפעכטן מיט די ווינטן, מיט די כוואַליעס און מיט די נעצן וואָס ער האָט פאַרוואָרפן אין וואַסער. אין די נעכט האָט ער מיס־טאָמע פאַרריכט, באַם שיין פון אַן אויל־לאָמפּ, זיינע נעצן; אין די מאָרגנס — אויסגעשמירט זיין שיף מיט סמאָלע, און די נאָכמיטאָגס — זיך געלאָזט אַף זיין פאַנג. ער האָט עס זיכער געטאָן מיט ליבע, מיט שטאָלץ, מיט שוויס און מיט אַנגסטן, און ווער האָט דערפון גענאָסן? — ניט ער. אימיצער איז געקומען און אַוועקגענומען זיין מי, און ער האָט ווידער באַדאַרפט טאָן די זעלביקע זאַך, און דאָס ראָד האָט זיך געדרייט און צעמאָלן אַ מענטשן, ווייל ער האָט באַדאַרפט לעבן, ווייל ער האָט באַדאַרפט עסן — און דאָס איז די גאַנצע געשיכטע.

זיין ציל איז געווען דערגרייכט, מיין מאַשין — געבראַכט אין אָרדענונג. ער האָט זיך אָפּגעווישט די הענט און נאָך צוגעגעבן:

— מיין טאַטנס גורל איז געווען דער זעלביקער. ער האָט זיין לעבן געשטעלט אין סאַקאָנע יעדן טאָג. און ווייל ער האָט געוואָלט לעבן, האָט ער פאַרלוירן זיין לעבן. ער האָט געגראָבן קוילן הונ־דערטער פוס אונטער דער ערד; יעדן טאָג — צענדליקער טאָנען. אימיצער איז דערפון רייך געוואָרן. און ער אַליין האָט ניט געהאָט גענוג קוילן אָנצוהייצן זיין שטיבל, קעדיי אָנצוואַרעמען זיין וואונד וואָס ער האָט געקראָגן אין אָהייאָ. אום ווינטער האָט זי אים שטאַרק וויי געטאָן און די מאַמע מיינע האָט אים באַדאַרפט איינרייבן דאָס דיקע פלייש פון פוס, דאָס בלוט זאָל שנעלער פולסירן...

דאָס זאָגנדיק האָבן מיר ביידע אָרויפגעשלעפּט דעם לעדערנעם פּאַס אָפן רעדל. זיין פאַרשמירטע האַנט האָט אַ גרייך געטאָן די לייסט און די אויבערשטע „פּולי״ איז שוין געווען באַהעפט צו דער טראַנס־מיסיע, וואָס האָט מאָמענטאַל געבראַכט די מאַשין אין באַוועגונג. דער פּאַס האָט זיך נאָך אַביסל אַ גליטש געטאָן, אָבער ער האָט אונטער־געשאָטן בלאָען רימען־קרייד און די מאַשין איז שוין געגאַנגען געזונט, פעסט און זיכער, אַוועק לייכט, לייכט ווי אַ פידל... אַף זיין פּאָנים

האָט פונדעסטוועגן געשפּילט אַן אינערלעכע רעגונג און פרייד פון זיין געלונגענער אַרבעט. איך האָב דערפילט אַרומצונעמען אָט דעם געזונטן, אויסגעשמירטן יונג, ווי אַ ברודער. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— נאָר מיין אָנקל ווערט קרעפּטיקער יעדן טאָג און דאָס איז דאָס גוטע... איך אַליין בין גרייט זיך צו לאָזן אויפשניידן די אָדערן און אים אַריינלאָזן מיין בלוט...

דאָס האָט מיך ווי אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער: הייסט עס, ברודערקע, דו האָסט ניט געזאָגט דעם גאַנצן עמעס. האָסטו יאָ אימיצן... איך האָב זיך דערפילט אינערלעך שאָקירט. די לעצטע פראַזע, צוליב וועלכער ער האָט עס געזאָגט, האָט מיך ניט אַ טשעפּע געטאָן אַף אַ האָר. איך האָב זיך אַפילו ניט צוגעהערט. איך האָב זיך ניט געקאָנט אָפּהאַלטן. באַליידיקט פאַר מיין טיפן גלויבן, האָב איך אַ זאָג געטאָן:

— הער זיך איין, דאַכט זיך מיר, דו האָסט געזאָגט, אַז דו האָסט ניט קיינעם. ווער־זשע איז דיין אָנקל? —

ער האָט שוין געהאַט אַרומגעווישט און אַריינגעלייגט די געצייג אין קעסטעלע. ער האָט פאַרקלאַפּט דאָס שלעסל און אַ נעם־טוענדיק דאָס קעסטל אין איין האַנט און דעם געלן בלאַנק פּאַפּיר, וואָס מיין אויפזעער האָט באַדאַרפט אונטערשרייבן — אין דער צווייטער, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— דער פּראָלעטאַריאַט פון דער וועלט!

ער איז שנעל אַוועק, לאָזנדיק מיך שטיין מיט אַן אָפן מויל, איבערראַשט, מעוואולבל, צעטומלט. דער מויעד האָט מיר אַזש אַ כאַפּ געטאָן פון אַ הויפן פראַגן, וואָס האָבן געגאַרט אַן ענטפער. איך האָב די גאַנצע צייט געהאַט אַפן געדאַנק אים צו פרעגן מיקויעך זיין אומפּאַרזיכטיקייט. ער האָט גאַרניט אויסגעזען אזוי נאַאיוו און איך בין געווען נייגעריק צו וויסן פאַרוואָס ער האָט מיר געגעבן דאָס ביכעלע באַלד אַף דער דריטער מינוט וואָס ער האָט מיך באַגעגנט. איך האָב געהאַט אַפן געדאַנק נאָך אַסאַך קלייניקייטן, וואָס האָבן די גאַנצע צייט ניט געקאָנט קומען צום אויסדרוק. און אין אָט דער איינער רעגע איז דאָס אַלץ מיך באַפאַלן ווי אַ מאַכנע היישעריקן און געמאָנט אַן ענטפער. אָבער ער האָט געשפּאַנט מיט ברייטע שפּרייזן. נאָר ווען ער האָט זיך פאַרנומען אונטער דער צווייטער ריי מאַשינען האָט

ער אומגעקערט דעם קאָפּ און ברייט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט אָפּאָנים דערזען דעם הייסן באַגער אין מיינע אויגן. ער האָט אַ פּאָך געטאָן מיטן געלן בלאַנק פּאַפּיר, וואָס ער האָט געהאַלטן צווישן די פאַרשמירטע פינגער אין דער הויך, און אויסגעשריען:

— מיר וועלן זיך נאָך זען, כאַווער!

דאַן האָב איך אַן אָטעם געטאָן, ווי איך וואָלט אַרויס פון אונטער אַ וואַסער, און זיך געשטעלט צו דער אַרבעט.

אין איר אָנדענק

דעם אָוונט און די נאָכפאָלגנדיקע נאַכט, איז מייק טאָובער געווען אין טרויער נאָך זיין טאָכטער שאַר־לאָט. ער איז אַהיימגעקומען פון פאַבריק אַ מידער. די קאַץ האָט אים באַגעגנט בײַ דער טיר מיט אַ מיאַוקען. ער האָט, ווי אַלע מאָל, צוגעגרייט זיין אָוונט־מאָלצייט, כאָטש ער האָט ניט געפילט קיין הונגער. דער קאָפּ איז אים געווען פאַרנעפּלט.

ער איז געבליבן שטיין אינמיטן שטוב, אַרויסגענומען דאָס ביינערנע טאַבאַק־פּושקעלע, עס אָנגעקלאַפּט ענערגיש מיט די קנאָכן פון זיינע האַרטע פינגער און גענומען אַ שמעק טאַבאַק.

דעם אַלטן איז שוין געגאַנגען דאָס דריי־און־זעכציקסטע יאָר, אָבער ער איז נאָך געשטאַנען געזונט אױף זיינע פיס און ניט געהאַט קיין איין גרויע האָר אױפן קאָפּ (אַכוץ עטלעכע אין די וואָנצן), כאָטש יאָרן מי און אַגמעס־נעפעש האָבן אים איינגעבראָכן און ער איז שוין ניט געווען דאָס וואָס אַמאָל.

— מוט פאַרלאָרן, אַלץ פאַרלאָרן, — איז געווען זיין געוויינלעך ווערטל אין זיין מוטער־שפּראַך. ער האָט אַלץ פאַרלוירן, נאָר קיינ־מאָל ניט דעם מוט. אָבער איצט האָט ער זיך ניט געקאָנט צוזאַמענ־נעמען

ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געפילט די אָנקומענדיקע עלטער ווי איצט. ער איז דאָ אַריבערגעקומען פון שלעזיע, דייטשלאַנד, אַ באָכער פון אַכצן יאָר; האָט דאָ שטודירט די עלעמענטן און מינעראַלן פון דער טיפעניש אין דער ערד, געענדיקט אוניווערזיטעט און דאָס גאַנצע לעבן געווען אַן עקספּערט אין אַ קופּער־שאַכט.

זיינע פריינט זיינען אַלע, ביז איינעם, אומגעקומען אין שאַכט. שפּעטער איז אים געשטאָרבן דאָס ווייב. און גאָר צולעצט — זי שאַרלאָט! זי איז אַלט געווען פיר־און־צוואַנציק יאָר און איז געווען אַ גראַדואירטע פון מישיגען קאַלעדזש. זי איז געווען זיין לעצטער, זיין בעסטער, זיין איינציקער פריינט; דער אינטימסטער און דער האַרציקסטער. אַף איר האָט ער זיך געקאָנט פאַרלאָזן מיט זיין אַנקומענדיקער עלטער. זי אַליין האָט עס אים געזאָגט אין די לעצטע מינוטן. אַחוץ דעם איז זי געווען אַ ליבהאָבערן פון די ווערק פון דריי דוירעס דענקער, פונקט ווי ער, און אַ ליידנשאַפטלעכע פאַר־ערערן פון העגעלן, ווי ער. זיין בעסטער פאַרגעניגן איז געווען: זיצן און פּלוידערן מיט איר שאָען־לאַנג אין זיין פרייער צייט.

ווען דאָס ווייב איז אים געשטאָרבן האָט ער פאַרלאָזט דעם שאַכט און אָנגעהויבן פירן אַן איינזאַמען לעבן פון אַ נאָזער. און ער איז נאָך איצט שטאַלץ, וואָס ער האָט דאַן, ווען ער איז נאָך געווען אַ געזונטער קערל, זיך געקאָנט אויפהויבן איבער מענטשן און אַלע באַשעפענישן און ברעכן אַ פּיזיאָלאָגישן געזעץ.

— אַ, די עלטער, די עלטער, — האָט ער געברומט.

ער האָט ליכטיק געמאַכט אין שטיבל און צוגעטראָגן דאָס עסן צום טיש.

אַ באַלויכטענער מיטן שיין פון קעראָסין־לאָמפּ, איז ער געזעסן און געקייט. די קייע האָט זיך געריבן אָן זיינע פּיס, אָבער ער האָט זיך ניט אומגעקוקט. דאָס שטיבל איז פאַר אים פול געווען מיטן גייסט פון זיין קינד. עס איז געווען דער פינפטער נאָוועמבער — פונקט אַ יאָר נאָך איר טויט.

ער האָט ענדלעך דערפילט נעבן זיך די קאַץ און ער האָט איר צוגעטראָגן אַ טעלערל מילך אין אַ ווינקל. ווען ער האָט זיך אומ־געקערט צום טיש, איז ער פול געוואָרן מיט די צערטלעכסטע געפילן צו זיין קינד. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַז זי געפינט זיך אין שטיבל און ער האָט געפילט צו ריידן צו איר ווי צו אַ לעבעדיקן מענטשן.

ער האָט פאַרהאַלטן דעם ביסן אין מויל, פאַרהאַלטן דעם אָטעם און אויסגעקרומט די וואָנצן. ער האָט מיטאַמאָל אַרויסגעכאַפּט די בלאָע פאַרטשיילקע פון קעשענע און גוט דורכגעריבן די וואָנצן, מאַכ־

מעס ער האָט דערשפּירט דעם גערוך פון טאַבאַק וואָס די פּאָרע פון עסן האָט אויפגעטייעט צווישן די האָר אונטער דער נאָז. די וואָנצן האָבן זיך דערפון אַוועקגעשטעלט ווי אַ צעשויבערטע באַרשט.

שפּעטער האָט ער אַראָפּגענומען די ביכער פון טיש. קיין זאַך האָט אים ניט געקאָנט טרייסטן אין זיין טרויער — אַפילו ניט זיין העגעל. דאָס טירל פון דער ביכער־שאַפע איז געבליבן אויפגערוקט און די רוקנס פון די ביכער האָבן שטום אַרויסגעקוקט אַפן שטיבל. ער איז געווען געשיידט פון אַלץ און פאַרבראַכט בלויז מיט זיין קינד.

עס איז פאַר אים געווען אַ שווערע נאַכט.

פאַרטאָג איז ער אויפגעשטאַנען ווי אַלעמאָל. מיד און ניט־אויסגעשלאָפן, האָט זיך אים נאָך געוויגט די וועלט, ווי איינעם וואָס פאָרט אין אַ קאַיוטע אַף אַ שיף. אָבער רואיק, ווי טאָמיד, האָט ער זיך צוגעגרייט: אויפגעזאָטן די קאַווע וואָס האָט געשמעקט איבערן שטיבל, צוגעפּאַרטיקט די שפּייז אין בלעכענעם קעסטעלע מיטצונעמען צו דער אַרבעט. און ווען ער איז שוין געווען אָנגעטאָן אין מאַנטל, האָט ער מיטגערופן די קאַץ אין דרויסן, ווי יעדן מאָרגן. ער האָט זיך מיט איר געזעגנט, זיך געזעגנט וואַרעם מיט דעם איינציקן לע־בעדיקן באַשעפעניש אין שטוב. ער האָט אַ זאָג געטאָן שטילערהייט: „זיי גוט, מאַמע״, — און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער פינצטער.

איבערן פעלד זיינען געווען אויסגעלאָשן די שטערן, און עס איז געהאַנגען אַן אומגעהויערע שטילקייט. עס איז געווען קאַלט און פינצטער, שטאָק און שטום, נאָר פונדערווייטנס האָבן שעמערירט די ליכט פון דאַרקיס גאַזאָלין סטאַנציע און אים געוויזן דעם וועג צום דזשעקסאָן שליאַך. ער איז געשטאַנען ניט ווייט פון דער גאַזאָלין־סטאַנציע און אָפּגעוואַרט אַ מאַשין. עטלעכע זיינען דורכגעפאָרן ניט אָפּשטעלנדיק זיך אָבער איינער האָט אים אויפגענומען.

ער איז געזעסן אין דער פראָנט באַם שאָפער און אים געענטפערט טרוקן אַף פראַגן וועגן וועטער. זיין קאָפּ איז נאָך אַלץ געווען פאַר־בומען מיט זיין טאָכטער. זיינע הענט האָבן צוגעהאַלטן דאָס קאַלטע בלעך פון זיין שפּייז־קעסטעלע און זיינע אויגן האָבן געוואַנדערט דורכן גלאָז פון דער פאַרנטיקער שויב. ער האָט נאָכגעפאָלגט די צוויי ליכט־זיילן פון אויטאָמאָביל וואָס זיינען געלאָפן פאָראויס און

באַלויכטן דעם וועג אַף אַ ווייטן שטעטל. ווען דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַ הויב געטאָן העכער באַרג־אַרויף, האָט ער דערזען די פלאַמיקע בוכשטאַבן פון דער פאַבריק: „בערי וואַטס ענד קאָמפּ.״ „בערי וואַטס ענד קאָמפּ״. ער האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם. איצט, האָט ער געפילט, דאַרף ער זיך שיידן מיט איר. „שאַרלאָט, מיין קינד״, — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן אונטער די וואָנצן, און דער העלער ליכט־שיין פון אויטאָמאָביל האָט אויפגעשיינט פאַר זיינע אויגן העלער. אין מויעך האָט אים אויפגעבליצט זיין שטיבל אין דער דערינערונג פון מיט אַ יאָר צוריק. ער האָט דערזען שאַרלאָטס בעט און זי דערין. ער האָט ניט געפילט ווי דער שאָופער פאָרט צו נעענטער צו דער פאַבריק און האַלט אין די מאַשין, וואָרים ער האָט אין דער פאַנטאַזיע געהאַלטן איר אייז־קאַלטע האַנט אין זיינער און געזאָגט: — „רייד ניט, רייד ניט, קינד; וועסט נאָך געזונט ווערן״, אָבער זי האָט ניט געהערט און באַדויערט וואָס ער בלייבט אַף דער עלטער אַליין, און געשעפּשטשעט מיט די לעצטע קויכעס וועגן העגעלן און וועגן די מאַטעריאַליסטישע לערן, אין וואָס ניט ער, ניט זי, האָבן קיינמאָל ניט אַריינגעקוקט. „אָך, פאָטער, פאָטער, וואָס פאַר אַ פאַרזען פון דיר״... ער האָט ניט געקאָנט דערגאַנצן דעם געדאַנק, ווייל די מאַשין איז שטיין געבליבן. ער איז אַראָפּ, און פאַרקלאַפּנדיק דאָס טירל, דאַנקבאַר נאָכגעשיקט דעם שאָופער „אַ פאַר געזונט״ און איז געלאָפן שנעל אין פאַבריק־הויף.

די סירענע האָט גערעוועט ווי אַן אָפּגייענדיקע שיף אין אַ ווייטער רייזע. ווען מייק טאָובער איז אָבער אַריין אין דער געביידע, איז דער וואַלד מיט רימענס פון די מאַשינען נאָך געשטאַנען אומבאַוועגלעך. ער האָט זיך באַלד דערוואוסט אַז מען קלייבט זיך היינט איבער אין דער נייער געביידע און ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. מר. מק׳ניעל, זיין אויפזעער, אַ קליין־געוויקסיקער מענטש אין אַ פיינעם גאַרניטור מיט אַ ווייסן קראַגן, האָט געמאַכט די דערקלערונג און מענטשן פון דער קאָנסטרוקציע־אָפּטיילונג זיינען שוין אַריינגעקומען מיט אייזערנע וועגלעך, איבערגעהאַקט די רימענס און אויפגעהויבן די מאַשינען.

ער איז באַלד געווען איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט, ווי אַלע: מיט אַ לאָם ווי יעדער איינער, געהאָלפן אונטערהויבן די מאַשינען, בעאייס די מענטשן פון דער קאָנסטרוקציע־אָפּטיילונג האָבן ארונטערגע־שפּאַרט רערן. עס איז אים נאָך אַלץ שווער געווען אויפצוהויבן די ברעמען אין העלן שיין פון די צאַלרייכע, עלעקטרישע ליכט אין דער געביידע. ערגעץ אין מויעך האָט זיך אים נאָך געוויגט אַ נעפּל וואָס איז אים פאַרבליבן פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט און אין די אויערן האָט אים גערוישט די שטילקייט פון דער געביידע. די שטימען פון די מענטשן, וואָס ווערן טאָמיד דערטרונקען אינעם גערויש פון די מאַשינען, האָבן עכאָדיק אָפּגעקלונגען אין גרויסן כאַלעל.

מען האָט אַרויסגעשלעפּט די מאַשינען אין דרויסן. אַ פּריער און אַ גרויער נאָוועמבער־מאָרגן איז געהאַנגען אין דער לופטן, אַפן צעמענטענעם גרונט און אָפּן בלעך פון די דעכער, איז געלעגן אַ פּראָסטיקער טוי. די קאַלטע לופט האָט אים אַרומגענומען און אַרויס־געפּרוירן די וואָרצלען פון די האָר אָף די נאַקעטע אָרעמס. ער איז אָבער געווען צופיל פאַרטאָן אין דער אַרבעט ער זאָל עס קאָנען שענקען אויפמערקזאַמקייט, און ער איז, נאָך אַלעם, ניט געווען דער איינציי־קער: צוויי טויזנט מענטשן האָבן געטאָן די זעלביקע אַרבעט; צוויי טויזנט מענטשן זיינען אַרויס אַפן הויף האַלב־אויסגעטאָנענע, ווי ער. ער איז אָבער געווען דורכגעדרונגען מיט עפּעס וואָס האָט געמאַכט קאָפּן פון זיין נאַז שנעלער ווי אַנדערע, קאָפּן איבער די וואָנצן. ער האָט אַרויסגעכאַפּט די פּאַטשיילקע, אויסגעשנייצט און כיישעק געהאַט אַ שמעק טאָן טאַבאַק און מעכאַבעד זיין דעם שאָכן, אָבער מען האָט געשטופּט דעם מאַסיוון, שטאָלענעם געמאַך אָן אַן אָפּשטעל. „האָ, האַלט!" — האָט מען אַ געשריי געטאָן און איינער האָט געכאַפּט די רער וואָס איז פריי געוואָרן אונטן, און זי אַרונטערגעוואָרפן פּאָרנט, קעדיי די אומגעהויערע מאַסע זאָל זיך ניט אַראָפּזעצן אַפן אַספאַלט. די יונגוואַרג איז געווען פריילעך, האָט געקרייעט ווי הענער און נאָכגעמאַכט כייעס. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און זיין בליק האָט, אין דעם גרויען מאָרגן, אַרומגענומען דעם שעטעך פון די נייע געביי־דעס, וואַסער־טאַנקען, קוימענס און שטאַנגען. ער האָט אויך אַמאָל געהאַט פרייד און יוגנט און ליבע און אַ טייער קינד און פריינט, און איצט האָט ער גאָרניט מער אַכוץ זיין עלטער, זיינע דייגעס און

שווערע זאָרגן און אין קאָפּ — די לעצטע ווערטער שאַרלאָטס. ער האָט, שטופּנדיק די מאַשין, אויסגעקרומט די וואָנצעס און פאַרקוועטשט די ברעמען, אַ לאָז געטאָן די פּאַרע פון מויל, געוואָלט עפּעס זאָגן זיין שאָכן, אָבער ער איז געווען צו שטאָלץ און זיין געפיל — צו פייער־לעך, ער זאָל עס קאָנען פאָרמולירן אין ווערטער. דערצו האָט זיך איבערגעכאַזוערט דער געשריי: „האָ, האַלט!" און ער איז אינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן.

מ׳האָט אונטערגעשפּאַרט די אַקסלען און ווידער גערירט די מאַשין פון אָרט. ער האָט דערפילט דעם צעמענט־געפלאַסטערטן באָדן אונטער זיינע פיס האַרטער ווי טאָמיד. און אָט דאָ, האָט ער געוואוסט, איז ערשט מיט דריי יאָר צוריק געווען ווייכע, צע־קראָכענע, זומפּיקע, ווילד־לאַנד. און איצט זיינען דאָ געשטאַנען ריזיגע געביידעס, און קוימענס האָבן גערויכערט, און לאָקאָמאָטיוון האָבן געצישעט דאַמף און געשלעפּט וואַגאָנען.

גרוי איז אַלץ געווען אין דעם מאָרגן און ביטער אַפן האַרץ. די קעלט האָט געקלעטערט אַלץ טיפער אין די גלידער. רויך און נעפּל האָבן איינגעהילט די בוכשטאַבן אַנטקעגן די קוימענס: „בערי וואַטס ענד קאָמפּ".

ענדלעך איז ער אָנגעקומען אין דער נייער געביידע. אַ וואַ־רעמקייט האָט אים אַרומגענומען, כאָטש צוג־ווינטן האָבן געצויגן פון די אָפענע טירן. דאַמף־באַהייצונג האָט געפייפט פון די רערן, עס איז אים געווען גוט אין דער מינוט אָן אַ שיר. „אָך, נאַטור־קרעפטן וואָס רעגירן אַלץ — וואָס איז דער מענטש?" — האָט ער אין זיך אַ ברום געטאָן, פאַרקוועטשנדיק די וואָנצעס פון דער מעכייע און ענער־גישער ווי פריער געשטופּט די מאַשין צוזאַמען מיט אַלע טיפער אין דער געביידע. אַ פאַרטויבנדיק דרילעווען האָט געדונערט אין כאָלעל. די געביידע איז נאָך ניט געווען פאַרענדיקט.

עס איז אים אין פלוג ניט קלאָר געווען וואָס דאָ טוט זיך איינגנטלעך. עס איז געווען אַ געמיש פון מענטשן און אַ דאָר־האַפּלאָגע פון קלאַנגען; אַ געבראַזג און טומל. מען האָט צוריק אויפגעבראָכן דעם צעמענטענעם דיל און דורכגעפירט אַ לאַנגן „קאָנווייער". אַ לאָקאָמאָטיוו האָט געשטופּט וואַגאָנען אין דער געביידע און זיי צו־

נויפגעשטויסן מיט אַ מוירעדיקן קראַך. אַ גיגאַנטישע „קריין"*) האָט זיך באַוועגט אונטערן גלעזערנעם דאַך מיט אַראָפּגעהאַנגענע קייטן ווי די שטריק פֿון אַ לופֿט־באַלון און געטראָגן מאַטעריאַלן צו די אויבערשטע עטאַזשן וואָס זיינען געווען אָפֿענע ווי גאַלעריס און געגרילצט, געגרילצט מיטן האָרן. עלעקטרישע וועגלעך זיינען גע־לאָפֿן היך־און־הער מיט אַ קוויטשעריי מ'זאָל זיי אָפּטרעטן דעם וועג. עס זיינען געלעגן אָנגעוואָרפֿן קופּעס זאַמד, צעמענט, רערן, שטאַנגען, „שעפּטס" און רעדער. כאַאָס, אָפֿענע טירן, צוג־ווינטן און וואַרעמ־קייט. עס איז געווען צופֿיל פֿאַר זיינע נערוון נאָך אַ נאַכט פֿון טרויער נאָך זיין טאָכטער שאַרלאָט, אָבער עס איז אים געווען ליבער ווי די קעלט אין דרויסן.

ער האָט איינגעאָטעמט די וואַרעמע לופֿט צוזאַמען מיט דעם אומאַנגענעמען גערוך פֿון טערפּנטין, צעמענט און צוגעברענטן אייזן וואָס האָט זיך געשפּירט אין דער געביידע. דער טומל האָט זיך אים אָנגעהויבן לייגן ווי אַ טשאַד אָפֿן קאָפּ. ער האָט ניט אָנגעהויבן באַגרייפֿן: צו וואָס דאַרף דאָס אַלץ האָבן מר. וואַטס, באַ וועמען, אַגעוו, ער אַרבעט שוין דריי יאָר, און וואָס ער האָט נאָך קיין איין מאָל אין זיין לעבן ניט געזען, און פֿון וואַנען האָט עס זיך דערנומען צו אים — אַ מענטש פֿון פֿופֿציק יאָר, וואָס האָט ניט געיאַרשנט פֿון זיין טאַטן קיין ניקל? —

צוועלף אַזייגער האָט די סירענע גערעוועט און דער געהענעם האָט זיך איינגעשטילט. די מענטשן זיינען צוריקגעלאָפֿן אין דער אַלטער געביידע נאָך זייערע פּעקלעך עסן. ווען מייק טאַובער איז צוריקגעקומען, זיינען די בלאָע, עלעקטרישע פֿייערן שוין געווען אויסגעלאָשן און מאַטע ליכט־פּאַסן פֿון די פֿענצטער האָבן דורכגע־קרייצט די שאָטנס. ער האָט זיך צוגעזעצט אַף אַ קופּע רערן, אויפֿ־געעפֿנט דאָס בלעכענע קעסטעלע און פֿאַרטראַכט געגומען קייען זיין מאָלצייט. זיינע מידע אויגן האָבן זיך בעאייס־מייסע אויפֿגעהויבן און געגומען וואַנדערן אין שאָטנדיקן כאָלעל. זיינע וואָנצן האָבן זיך אויסגעבויגן, — ער האָט פֿאַרהאַלטן דעם ביסן אין מויל. זיין שטערן האָט זיך פֿאַרקנייטשט און זיין בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף די רויט־געפֿאַרבטע וואַנען.

---

*)הויב־מאַשין.

— „אָך, טאָכטער מײַנע, טאָכטער מײַנע“, — האָט ער געקרעכצט אין געדאַנק. ער האָט געוואָלט זאָגן: — „ביסט געווען גערעכט, ביסט געווען גערעכט“. זײַנע ברעמען האָבן זיך צונויפגערוקט און ער האָט געטראַכט אַז ער האָט טאַקע עפּשער געטאָן אַן אַוולע וואָס ער האָט ניט אַרײַנגעקוקט אַמאָל אין די מאַטעריאַליסטישע לערען. ער האָט געפילט אַז ער דאַרף טײַער האַלטן איר אָנדענקען, טראָגן אים אין האַרץ. ליכטיק קינד... — האָט ער געפליסטערט, — די וואָנצן זײַנע האָבן געציטערט — געפליסטערט מיטן ביסן אין מויל.

צוויי וואָכן צײַט האָט מייק טאַובער זיך געפילט ווי אַמאָל אַף זײַן רײַזע פון אײראָפּע קיין אַמעריקע. צוויי וואָכן צײַט האָט מען געשלעפּט און איבערגעשטעלט די מאַשינען, געהאַמערט און געדרילעוועט. די מענטשן זײַנען געווען צעמישט און קימאַט ניט דערקאָנט אײנער דעם צווייטן, און דאָך זיך געהאַלטן נאָענט ווי געליטענע פון אַ שיף־ברוך. זײַן שעף, מר. מק׳ניעל, איז דערהויבן געוואָרן צו אַ העכערער פּאָזיציע און ער פלעגט דורכגיין ווי ער וואָלט קײנעם ניט דערקאָנען, אָפּט מיט דעם פּאַרוואַלטער און זײַן געהילף און מיט אַ סוויטע אינזשינערן מיט „בליו־פּרינטס“, וואָס פלעגן באַטראַכטן ווי מ׳ציט אַרויף אין דער הויך די „שעפטס“, די רעדער, די „פּולים“ און די טראַנסמיסיעס. עס איז אים שווער געווען צו פאַרטראָגן דעם נײַעם שנעק וואָס מ׳האָט אָנגעשטעלט אַף מר. מק׳ניעלס אָרט. דאָס איז געווען אַ יונג פון אַ יאָר פינף־און־צוואַנציק, מיט אַ שאַרפער שטים, וואָס האָט קאָמאַנדעוועט ווי אַ קוירנעל און בעעמעס אויסגעזען ווי אַ מיליטער־מענטש: מיט אַ כאַקי־העמד, אַ פילץ־הוט אַף אַ זײַט, ברוינע קאָרדעראָי־הויזן און געפּאַסטע שטיוול ווי אַ קאַוואַלעריסט. די שווערע דײגעס און יעסורים האָבן אין אים אָפּגעזעצט אַ ביטערניש צו דעם כוצפּעדיקן יונג. ער האָט מאַמעש געטריבן מענטשן אין געפּאַר. דערצו האָט ער נאָך געשליידערט די שאַרפסטע טײנעס צו אַלע צוזאַמען און צו יעדן באַזונדער פאַרוואָס מ׳טוט ניט ריכטיק, כאָטש ער האָט געוואוסט אַז קײנער קאָן ניט די אַרבעט. מר. וואַטס׳ מאַטאָ איז געווען: „אַלע זײַנען געבוירן מיט קעפּ — יעדער איז פּײאיק“. אָבער אין דער עמעסן האָט עס גע־

הייסן: „אַלע זײַנען הענט און אײנער — דער קאָפּ". אַט דער כוצפּעדיקער יונג האָט פֿאַרשטאַנען דעם סאָד און עס געגעבן צו פֿילן יעדן אײנעם.

מ'האָט געשטופּט אַ הויכע פּלאַטפֿאָרמע אַף רעדלעך. פּלאַטפֿאָר־מעס ווי די, האָט מען געשטופּט אין דער גאַנצער געבײַדע. אויבן האָבן אַרויפֿגעקלעטערט מענטשן. מ'האָט זיי אַרויפֿדערלאַנגט זײערע קעסטלעך געצײַג און זיי האָבן פֿאַרפֿעסטיקט די הענגערס, דורכגע־שטופּט די „שעפּטס", און אַרויפֿגעזעצט די רעדער, די „פּוליס" און די טראַנסמיסיעס. דער כוצפּעדיקער יונג איז געשטאַנען פֿונדער־ווײַטנס מיט די הענט אַף די באָקעס און אַרויפֿגעשריען:

— העי, איר דאָרט! האָט איר געהערן אין די קעפּ, צי האָט איר ניט?! —

ער האָט באַפֿוילן יענע אַראָפּצוגײן און אַרויפֿקלעטערן אַנדערע. ווען יענע זײַנען אַראָפּ, האָבן די אויפֿגערעגטע מענטשן אַרומגערינגלט די פּלאַטפֿאָרמע און זי צוגעשטופּט נעענטער ווי מ'האָט באַדאַרפֿט. די קעסטלעך געצײַג זײַנען געבליבן אינדערהויך און קײנער האָט ניט געמערקט ווי מען שטופּט זי אונטער אַ גרויסער „פּולי", וואָס שאַרט לאַנגזאַם אַראָפּ אַ קעסטל. אַ מוירעדיקער קראַך אַפֿן צעמענטענעם דיל האָט דורכגעוואָרפֿן אַ שרעק, אָבער דאָס קעסטל גופֿע האָט אײגנטלעך קײנעם ניט געטראָפֿן, נאָר צוויי שטיקער געצײַג זײַנען געפֿאַלן איבערן קאָפּ פֿון אַ קערל.

און דאָ האָט מײק טאַובער פֿאַרלוירן זײַן רו און קאָנטראָל. ער איז געוואָרן בלײַך ווי דער קאָרבן. זײַנע וואָנצן האָבן געציטערט.

— דאָס האָסטו געטאָן! — האָט ער געזאָגט.

דער יונג איז שנעל צוגעלאָפֿן. די נאָז — פֿאַרשפּיציקט, אין די אויגן — פֿונקען.

— דאָס האָב איך געטאָן, — האָט ער געפֿרעגט, — הע?

— יאָ...

— וואָס, אין אַלדי כאָליערעס, פֿאַלט דיר אײַן? — איך וועל, דענקט איר, טראָגן די אַכרײַעס פֿאַר אײַך? — הע...

— מ'טרײַבט ניט אין געהענעם, ווי דו — דאָ.

— מאַך צו דײַן מויל — אַלטער קעלעוו! — דו הערסט וואָס איך זאָג דיר?! — — —

עס איז אים עפּעס פֿאַרלאָפֿן אין האַרץ. ער האָט פֿאַרקוועטשט די וואָנצן און ווי ער וואָלט זיך דערמיט וועלן שיצן, איז ער צו צום פֿאַרוואונדעטן. אַ יונגער, טונקל־הויטיקער קליינער באָכער, האָט שוין געהאַלטן דעם פֿאַרוואונדעטן באַ איין אָרעם און איידער ער האָט אים צייט געהאַט צו נעמען באַם צווייטן אָרעם, האָט דער יונג אים צו־געוואָרפֿן אַ פֿאַרניכטנדיקן בליק און באַפֿוילן:

—פֿיר אים אין דער ערשטער־הילף סטאַנציע!

ער האָט געפֿילט: אַ שניט אין האַרץ. דעם גאַנצן וועג האָט ער ניט אויסגערעדט קיין איינציק וואָרט צום טונקל־הויטיקן באָכער און אַפֿילע ניט געפֿונען קיין טרייסט־וואָרט פֿאַרן פֿאַראומגליקטן. איינס נאָר האָט זיך אים געוויגט אין מויעך: אַז דער דאָזיקער קערל האָט נאָך ניט געוואוסט אַפֿילע צי מר. וואָטס בויט דאָ אַ פֿאַבריק, ווען ער איז שוין געקראָכן אין די בלאָטעס צו דער אַרבעט. „נידערטרעכ־טיקער ניקס"... — האָט אים געציטערט אַף דער אונטערשטער ליפּ אונטער די וואָנצעס, און ער איז, אַ סאָפּנדיקער, אַריין מיטן בלוטנ־דיקן מענטש אין דער ערשטער הילף־סטאַנציע.

דער צימער איז געווען פֿול מיט פֿאַרוואונדעטע. שווערלעך האָט זיך אים געלייגט אַפֿן מויעך דער גערוך פֿון יאָד, כלאָפֿאָרם און קאַרבאָל. דער סאַניטאַר איז געווען נערוועז: אין צימער איז נאָך געווען אומאָרדענונג און כאַאָס, ווי אין דער גאַנצער געביידע — מע־דיקאַמענטן אַף די טישן, בענקלעך און פֿענצטער. ער האָט אָנגעוואונ־קען צום סאַניטאַר אַף דער מיט בלוט־דורכגענעצטער פּלייצע פֿון פֿאַרוואונדעטן און דער סאַניטאַר האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: ער האָט נאָך געהאַט צו פֿאַרבאַנדאַזשירן אַ האַלבן טוצן אַנדערע. מ'האָט צוגעפֿירט דעם קאָרבן אָן אַ זייט און אים אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט. עס איז ניט געווען וואו צו זיצן.

— אָך, קינדער, קינדער, מיר דערלערנען די וועלט אַף אַ גוטן אופֿן, — האָט ער אַ בליץ געטאָן מיט די אויגן, פֿריער אַפֿן טונקל־ הויטיקן באָכער, נאָכדעם אַפֿן פֿאַרוואונדעטן, — איך בין שוין אַלט, און עס איז נאָך אַלץ דאָ וואָס צו לערנען...

דער באָכער איז אַוועק אַהיים, דעם קאָפּ איינגעפּאַקט אין באַנדאַזשן און מייק האָט צוריקגעטראָגן אין דער אָפּטיילונג צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן אונטער די וואָנצן, אַ צאַר־קנייטש אָפּן שטערן און טיפערע פינקלען אין די אויגן. טעג האָבן זיך איבערגעקייקלט שווערע ווי רעדער איבער זיין רוקן און ער האָט צייטנווייז אויסגעזען אויסגעשעפּט און זיך באַוואויגן ווי אַ לעבעדיקער זאַק ביינער.

אָבער ענדלעך האָט עס זיך געענדיקט. אַ ליכט־שטראַל האָט באַלויכטן אַ ווײַלע זיין האַרץ ווען ער האָט פּלוצלונג, טעג שפּעטער, דערזען אַריינקומען דעם באָכער אָן דעם באַנדאַזש אָפּן קאָפּ.

— אָ, אָ, דו ביסט עס אַריבער... — האָט ער אים באַגעגנט וואַרעם און גראַטולירט מיט דער האַנט.

דאַן זיינען די מאַשינען שוין געווען איינגעשטעלט אין רייען. שפּעטער האָט מען אַרויפגעטאָן און באַפּעסטיקט די רימענס און אָף מאָרגן איז אַלץ אין דער געביידע שוין געווען אין מעכטיקן גאַנג: פּאַסן זיינען געפלויגן, רעדער — געשווינדלט, שטאַמסען — געשטויסן, קאַנווייערס — געקראָכן, טרובעס — געבלאָזן, און אַלץ צוזאַמען — געררוישט און געטומלט אין אַ קאָלאָסאַלן עכאָ. און דאַן איז שוין מייק ווידער געשטאַנען באַ זיין מאַשין ווי אין די פריערדיקע טעג אין דער אַלטער געביידע און געלעבט זיין שטילן לעבן אין צאַר און אין שווערלעכע דערינערונגען נאָך זיין קינד. אָפטמאָל געשטערט פון פּאַרדרוס אָפּן כוצפּעדיקן יונג וואָס האָט שוין ברייטלעך פאַרנומען מר. מק׳ניעלס אָרט באַם דעסקל, געבליצט מיט אַ גאָלדן בעדזשל אָף דער ברוסט, אָבער נאָך אַלץ געטראָגן די זעלביקע קליידער: אָף די געזונטע פּלייצעס — דאָס כאַקי־העמד, אָף די פיס — די געפּאַסטע שטיוול.

ער האָט צייטנווייז פאַרזיכטיק פאַרלאָזט די מאַשין, האַלטנדיק אַ וואַכזאַם אויג אָף זיין נייעם שעף, זיך צוגעכאַפּט צום באָכער און מיט אַ וואונק אים אַ פרעג געטאָן וואָס ער מאַכט. דער באָכער האָט אים געזאָגט און ער האָט זיך טייקעף אָפּגעטראָגן אָף זיין אָרט.

ער האָט דאָס זעלביקע געטאָן מיטן טונקל־הויטיקן באָכער. דער ערשטער איז געווען אַ איד, דער צווייטער — אַ הינדו. ווי אַ דער־

שראָקענער פויגל אַ קערנדל, האָט ער געכאַפּט אַ וואָרט פון דעם און אַ וואָרט פון יענעם און ער האָט ביסלעכווייז אויפגעעפנט דאָס מויל און געגאַפט: ער האָט אייגנטלעך זיי געקאָנט פריער אויך, אָבער איצטער האָט ער, צו זיין שטוינען, אַנטדעקט אַזביידע געהערן צו דער זעלביקער וועלט ווי ער: ביידע זיינען מענטשן פון געדאַנק, ביידע האָבן אַ העכערן שטרעבן: איינער גרייט זיך דעראָבערן זיין וועלט ווי אַ שרייבער, דער צווייטער — צו באַפרייען דאָס גרויסע אינדישע פאָלק. זיינע אויגן האָבן אויפגעגליט פון פרייד. ער איז געווען שטאָלץ און גליקלעך וואָס גראָד אין זיין אָפּטיילונג, געפינען זיך די צוויי און ער האָט אָנגעהויבן אַרומגיין ווי איינער וואָס האָט באַ זיך אונטער דער נאָז אַנטדעקט אַן אוצער. פאַר יעדן איינעם פון די צוויי פלעגט ער פאַרטרויען דעם אַנדערנס מיילעס. ער פלעגט צו זיי צוגיין מיט אַ ברייט־געעפנטער טאַבאַק־פושקע, און ווען זיי האָבן אַריינגעשטעלט צוויי פינגער, האָט עס אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן: אין זיינע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ פינקל און זיין ברוסט האָט זיך אויפגעהויבן הויך. ווען זיין קיבעד האָט אָנגעהויבן ווירקן, זיי האָבן גענומען ניסן, האָט ער צוגעשאָקלט דעם קאָפּ מיט פאַרגעניגן: „ס'אי' גוט, ס'אי' גוט". און צו ענדע האָט ער צעשפּרייט די וואָנצן און געזאָגט אין זיין מוטער־שפּראַך:

— געזונטהייט! געזונטהייט!

עס איז געווען פאַרנאַכט־צו. ווי אַ טונקעלער פליגל איז שוין געלעגן דער אָוונט אַף די פיל־שויבנדיקע פענצטער, און דער וואַלד מיט די בלאָע, עלעקטרישע שטראָמען אין די גלעזערנע רערלעך, האָבן שוין געגאָסן איבער די מאַשינען און מענטשן זייער טויטן שיין — בלאַסער. די סירענע האָט שוין באַדאַרפט אויפרעווען, ווען עס האָבן זיך פלוצלונג באַוויזן מוידאָעס אויפגעקלעפּט אַף די געמויערטע זיילן איבער די ביורקעס אין אַלע אָפּטיילונגען.

אַלע האָבן אַ קער געטאָן די קעפּ. די געציילטע מינוטן האָבן זיך געצויגן אַן אייביקייט.

ענדלעך האָט די סירענע גערעוועט. אַלע האָבן, ווישנדיק די הענט, געלאָפן צו די ביורקעס.

די אויפזעערס אין די אָפּטיילונגען זיינען געשטאַנען מיט די בלייפעדערס און דערקלערט דעם איניען:

— די „בערי וואַטס ענד קאָמפּ." שניידט אָפּ אַ טאָג פון דער

וואַך: שאַבעס וועט מען מער ניט אַרבעטן.

מ׳האָט שנעל אָפּגעקלונגען די צייט־קאַרטעס באַ די זייגערס און ווען אַלע זיינען אַרויס אין דרויסן, האָט דער הויף און דער אַרויס־גאַנג באַם טויער געזשומעט ווי אַ בין־שטאָק.

דעם קומענדיקן אָוונט האָבן פיר וועכטער באַם טויער אויסגע־טיילט דעם צוויי־וועכנטלעכן „וואַטס אַנאָנסער״, וואָס איז אַרויס מיט דריי טעג פריער קעדיי צו דערקלערן דעם איניען קלערער. דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפן.

דרויסן האָט מען געטיילט בלעטלעך וואָס האָבן גערופן אין „באָטשמאַנס גאַרדן״ באַם שטאָט־גרעניץ אָפּן ראָג פון מישיגען און פאָרעסט סטריטן. די בלעטלעך זיינען געפלויגן ווי אויסגעריסענע פעדערן פון אַן אָף...

די אויטאָמאָבילן זיינען ארויסגעפאָרן פון דער אָפּטיילונג מיט אַן אויפגערעגטן טרובן. פאָרער און פוס־גייער האָבן זיך צעגאָסן איבערן שליאַך ווי אַ פאַרפלייצונג, ווי אַ טייך אין פרילינג. עס האָבן געטרובעט די אויפגערעגטע פאָרער אָפּן וועג און מענטשן האָבן גע־שפאַנט צו דער שטאָט־צו.

מייק האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן די צוויי פריינט זיינע, דעם איד און דעם קליינעם הינדו. באַם בריקל זיינען זיי שטיין געבליבן. זיי האָבן דעם אַלטן ניט געלאָזט גיין ווייטער.

— ס׳וועט פאַר דיר זיין צו שווער, — האָט געזאָגט דער איד.

— אָ, לאַכלוטן ניט... איך בין איצט אזוי יונג ווי אַ יונגער באָכער, — האָט געזאָגט מייק אומגעדולדיק און גלייכצייטיק פול מיט קוראַזש.

— אָבער דו וועסט דאַרפן אַהיימגיין שפּעט באַנאַכט. האָסט אַ שלעכטע קאָמוניקאַציע און דו וועסט עפשער גאָרניט האָבן ווער עס זאָל דיך אַהיימנעמען, — האָט דערקלערט דער הינדו.

— ס׳אי׳ גאָרניט, ס׳אי׳ גאָרניט, — האָט זיך געבעטן מייק.

די צוויי באָכערים זיינען געווען באַזאָרגט וועגן אַלטן, זיי האָבן אים דערקלערט אַז ער וועט זיך ניט אויסרוען און דעריבער ניט זיין אומשטאַנד אויפצושטיין אינדערפרי צו דער אַרבעט. ער האָט ענדלעך מאַסקים געווען אַהיימצוגיין. זיי האָבן אָפּגעשטעלט אַ מאַ־שין, ער האָט זיך געזעגנט מיט זיינע פריינט און איז מיט ווייטיק אַריינגעקראָכן אין אויטאָמאָביל.

ווען מייק איז צומאָרגנס אינדערפרי געקומען אין דער אָפּטיילונג, איז זיין נייער שעף, טשעסטער, געזעסן באַם דעסקל און זיך געראַיעט אין אַ באַרג דאָקומענטן. בעאייס ער האָט דערהערט זיינע שאַרנדיקע טריט אָפּן צעמענטענעם דיל, האָט ער אומגעקערט דעם קאָפּ און אָף אים געכאַפּט אַ קוק מיט איין אויג. דאָס זעלביקע האָט ער איבערגעכאַזערט יעדעס מאָל ווען ער האָט דערהערט די טריט פון אַן אַנדערן. ווען אַלע זיינען שוין געווען, האָט ער פאַרלאָשן דאָס עלעקטרישע ליכט אונטער דער גרינער שיין און אַראָפּגעגאַנגען פון בענקל. ער האָט אָפּגעקלאַפּט די ביינדלעך אין אייזערנעם קעסטל אָפּן געמויערטן זייל און ליכטיק געמאַכט אין אָפּטיילונג. ווען די בלאָע פלעמלעך האָבן זיך דורכגעכאַפּט דורך די גלעזערנע רערלעך, האָט ער שוויגנדיק דורכגעשפּאַנט די אָפּטיילונג צווישן דער גאַנצער לענג מאַשינען. בעאייס ער האָט זיך אומגעקערט, האָט ער, ניט אומקוקנדיק זיך צו קיינעם, פלוצלונג אַ פרעג געטאָן:

— נו, ווי איז עס געווען אין גאַרדן, „אָ־קעי״? (גוט).

אַלע האָבן געשוויגן. מייק איז געווען נערוועז. ער האָט געאָ־טעמט דורך די נאָז־לעכער. זיין ברוסט האָט זיך געהויבן. זיינע וואָנצן — געציטערט.

איצט האָט טשעסטער אַ קער געטאָן דעם קאָפּ און אָפּגעמאָסטן אַלע מיט אַ שאַרפן בליק:

— איר קאָנט ניט ריידן? —

קיינער האָט ניט געענטפערט.

ער איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צום דעסקל, זיך דעריין אָנגעלענט מיט די עלנבויגנס און אַרויסגעשפּאַרט די פיס פאָראויס.

— איר גייט זיך פאַרנעמען קעגן דער „בערי וואַטס״, הע? — האָט ער געפרעגט, — פיין. אָדער וואו ווער איר נעמען מוט? איך זע דאָך ניט צווישן אייך קיין איין קערל וואָס זאָל האָבן אַ טראָפּן רויט בלוט. איר זיינט דאָך אין דער עמעסן אַ בינטל פאַכדאָנים! אַ נו, לאָמיך זען ווער פון אייך ס׳וועט האָבן קוראַזש און ווייזן זיין פּאָנים: זאָגן — איך בין געווען אין „גאַרדן״.

— דאָס איז אַלץ וואָס דו ווילסט? — האָט געפרעגט דער איד.

טשעסטער האָט זיך שנעל אויפגעשטעלט גלייך.

— פאַרדאַמטער אַגיטאַטאָר! — האָט ער אַ זאָג געטאָן, אויס־שטרעקנדיק אַ האַנט און די ליפּן זיינען אים באַשפּריצט געוואָרן מיט שוים, — איך ווייס דאָך אַז דו ביסט דאָרט געווען...

— דו קאָנסט ניט זיין זיכער, — האָט דער איד געשמייכלט.

— מאַך צו דיין מויל, דו לויז!... איך וויל דיך אינגאַנצן ניט הערן...

מייק איז פאַרשטייפט געוואָרן אַפן אָרט. ער האָט דערפילט אַ שווייס אַפן גאַנצן גוף. „דו קייען!” — האָט ער אין זיך אַ ברום געטאָן, — „זיין בלוט איז דאָך נאָך ניט פאַרטריקנט”... ער האָט געבליצט אַף טשעסטערן מיט צוויי פייערדיקע אויגן.

— איך זע ניט דעם סייכל אין באַליידיקן מענטשן, — האָט שטיל געזאָגט דער הינדו.

טשעסטער איז ווילד געוואָרן:

— דו זעסט ניט — וואָס? — האָט ער אַ רעווע געטאָן, — דו דזשאַבקעלע, דו!... ביסט אויך אַרויסגעשפּרונגען פון דער בלאָטע? דו שמוציקע זאַך! איכ׳ל דיר עפּעס ווייזן!...

ער האָט אַ לויף געטאָן צום הינדו. און אײדער דער טונקל־הויטיקער באַכער האָט עס צייט געהאַט צו באַנעמען, האָט זיך טשעסטערס האַנט שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזט איבער זיין פּאַנים. דער הינדו איז אַ פאַל געטאָן צו דער מאַשין ווי אַ דערהאַרגעטע זאַך.

אַ העפטיקער פּראָטעסט האָט זיך אַ טראָג געגעבן פון עטלעכע זייטן:

— העי! —

און מייק האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט און זיך אַ טראָג געטאָן צו טשעסטערן:

— שעמען וואָלסטו זיך געמעגט!...

ער האָט עס געזאָגט אינגאַנצן אַ ציטערנדיקער. ער איז געווען אויסער זיך. אָבער טשעסטער האָט זיך ניט צוגעהערט און צוריק־געגאַנגען צום דעסקל. ווען ער האָט זיך שוין געהאַלטן אין אַנלענען אַף די עלנבויגנס ווי פריער, האָט ער מיטאַמאָל אַ קוק געגעבן אַפן אַלטן און צוריק זיך אַ לאָז געטאָן צום הינדו. ער האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן קאָלנער.

— וועסט גיין מיט מיר אין אָפיס! — האָט ער געשריען. דער הינדו האָט זיך אָנגעקלאַמערט אָן זיין מאַשין ווי אַ ווערעקע.

אַ כאָר פון אויפגערעגטע שטימען האָבן אַ געשריי געטאָן:
— לאָז אים אָפּ!
ער האָט אים אָפּגעלאָזט און זיך אומגעקערט צו דער ביורקע.
דאָ האָט מייק טאָובער אַרויסגעשטעלט זיין ברוסט פאָראויס און זיך גענומען דערנענטערן צו טשעסטערן. אַפּן וועג האָט ער אַרויסגעצויגן פון אונטערן העמד זיינע אַלטע אָפּגעריבענע פענסנע, וואָס זיינען געהאָנגען אַף זיין האַלדז מיט אַ צוגעפּעצט שנירל, זיי אַרויפגעשטעלט אַף דער נאָז און צוהאַלטנדיק עס אין דער זייט באַם דרעטל, האָבן זיינע גרויע גרינלעך־אויפגעפּלאָמטע אַפּלען דורכגעקוקט דורך די קיילעכדיקע צעקראַצטע גלעזלעך און גוט באַטראַכט דעם כוצפּעדיקן יונג, ווי עפּעס אַ טשיקאַווע כייע. ווען ער איז צוגעקומען גאַנץ נאָענט, האָט ער אויסגעשטרעקט אַ האַנט און געזאָגט מיט פייער:
— ער האָט מער געהירן אין קאָפּ ווי אַ האַלבע פאַבריק דאָ צוזאַמענגענומען! און עפשער מער ווי די גאַנצע — מיטן אָפיס! יאָ. דער קליינער באָכער!... יעס־סער!...
— יאָ? — האָט טשעסטער איבערגעפרעגט קאַלט.
מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ קער געטאָן צום דעסקל, שנעל צוריק אָנגעצונדן דאָס עלעקטרישע ליכט, אַ קנאַק געטאָן מיט די פּאַפּירן. איין בלאַנק איז אים אַראָפּגעפלויגן אַפּן דיל און ער האָט אים שנעל צוריק אויפגעהויבן, אַ ברום טוענדיק: — „איכ'ל מיט אייך מאַכן קורץ". ער האָט אַ נעם געטאָן די פען, זי אַריינגעלאָזט אין טינטער מיט אַ שאָס און אַ קער געגעבן דעם קאָפּ צו מייקן:
— וואָס איז דיין נומער?
מר. זשערי, דער געהילף־פּאַרוואַלטער, איז דאַן אָנגעקומען פון דערוויטנס. זיין וואָרצל אַף דער באַק, איז געווען פאַרקלעמט צווישן צוויי קנייטשן. זיינע אָנגעשטרענגטע אויגן אונטער דעם טויט־בלאַסן שיין פון די בלאָיע עלעקטרישן לאָמפּן האָבן זיך געזשמורעט. ווען ער איז צוגעקומען, איז טשעסטער אראָפּגעשפּרונגען פון בענקל ווי אַ רייטער פון אַ פערד און אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אַף אַלע, האָט ער אים קלאָר געמאַכט די זאַך. מר. זשערי האָט אויסגעהערט, און דאַן האָט שוין די סירענע געגרעוועט. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און אַ זאָג געטאָן:
— ששש... לאָז זיין שטיל. אַלע צו די מאַשינען.

עס איז געווען פונקט פיר כאַדאָשים פון מייק טאַובערס יאָרצייט נאָך זיין טאָכטער שאַרלאָט — דער פינפטער אַפן זעקסטן מערץ. די ווינטער־כאַדאָשים האָבן זיך שנעל דורכגעגליטשט, כאָטש אַלץ איז געווען פול מיט אומרו און דער־וואַרטונג. ער האָט שטילערהייט אָפּגענומען גערוסן, אָפּטמאָל בלויז מיט אַ וואונק, פון זיינע פריינט, דעם איד, הערי ווײַנשעל, און דעם טונקל־הויטיקן הינדו. עס איז שוין געווען אַן אָפּענער סאָד אַז עפּעס וועט דאָ פּאָרקומען. אין יענעם פאַרנאַכט האָט מען אַף אַ גרויסן שטעטך אַרום דער פאַבריק־טעריטאָריע ניט צוגעלאָזן קיין פרעמדע. אָבער מעכוץ פון דער פאַבריק־טעריטאָריע, זיינען אין עט־לעכע זייטן געשטאַנען מענטשן און אויסגעטיילט בלעטלעך מיט פעטן דרוק, וואָס האָט אָנגעזאָגט אַז צוועלף אַזייגער באַנאַכט, וועלן אַלע אָפּטיילונגען, איינגעשלאָסן דאָס קראַפט־הויז פון דער „בערי וואַטס ענד קאָמפּ.“ זיין אין סטרייק.

זיין קאָפּ איז דעם גאַנצן אָוונט געווען פאַרנומען מיט דער פאַבריק. ווען ער האָט אָפּגעגעסן זיין אָוונט־מאָלצייט, האָט ער, ווי דאַן, אַראָפּגענומען די ביכער פון טיש און זיי אַריינגעשטעלט אין שענקל. ער האָט ניט געוואָלט אַז קיין אַנדער זאַך זאָל פאַרנעמען זיין געדאַנק. עס איז אים שווער געווען צו וויסן צי די מענטשן פון דער מיטן־נאַכט וואַכטע ווייסן שוין דערפון, און אויב זיי ווייסן, צי וועלן זיי אינמיטן דער נאַכט ניט אַריינגיין צו דער אַרבעט. ער האָט פאַרגעסן אָנצודרייען דעם וועקער און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן דער נאַכט, אָבער זיין האַרץ האָט געקלאַפּט ווי אַ זייגער און אים אויפגעוועקט אין צייט, — נאָך פריער ווי די צייט. ווען ער איז צוגעקומען צו דער פאַבריק, האָט ערשט אַ קליינע מאַכנע זיך באַוועגט אַנטקעגנאיבער, אָבער דער האַמאָין איז געוואָקסן שנעל און צען מינוט שפּעטער, איז שוין די גאַנצע זייט און אַ העלפט פון שליאַך אַף אַן אַכטל מײַל די לענג, געווען פאַרפלייצט פון אַ מאַסע וואָס האָט געראָיעט אין דער פינצטער ווי אַ ריזיקער מוראַשניק. עס האָט זיך מער ניט געהערט ווי דאָס שטילע גערייד פון די מענטשן און דאָס שורכען פון די פיס וואָס האָבן געבראָדזשעט אין דער נעץ פון צעגאַנגענעם שניי.

ער האָט באַגעגנט זיינע פריינט און די דריי האָבן זיך צונויפגעשלאָסן מיט די אָרעמס. דער אַלטער איז געגאַנגען אינדערמיט און געבורטשעט אונטער די וואָנצן: — „קינדער, קינדער, איך פיל היינט גוט"... ער איז געווען אין דערמיט פון אַ גרויסער מאַסע וואָס האָט געהאָט, ווי ער האָט ניט געצווייפלט, איין געדאַנק און איין געפיל. ער האָט געריסן די אויגן אין דער פינצטער, ווייט איבערן דראָטענעם צוים, אַהין וואו עס האָבן געבליצט די עלעקטרישע בוכשטאַבן: „בערי וואָטס ענד קאָמפּ."...

שפּעטער האָט אימיצער באַפוילן אַריבערצוגיין אַף דער צווייטער זייט צו דער פאַבריק־צוי. ווען אַלע זיינען אַריבער, איז די גרויסע פּאָליציי־וואַך באַם טויער, אַרויסגעטראָטן פּאָראויס און דער סאַרדזשענט האָט אויסגערופן אַז פאַר די וואָס ווילן אַריין, זיינען די טויערן אָפן און זיי וועלן קריגן די פולע שוץ, און גלייכצייטיק געוואָרנט מ'זאָל ניט פאַרלעצן דאָס געזעץ, ניט באַלעסטיקן מענטשן און ניט צעשטערן אייגנטום. מייק האָט אומרואיק געקוקט צי עס גייט ניט אימיצער אַריין, אָבער עס איז קיינער ניט געגאַנגען.

ווען די שווייגנדיקע מאַסע האָט זיך אָבער אומגעקערט דאָס צווייטע מאָל, האָבן קליינע גרופּן זיך שוין געקייקלט צום טויער. עס האָט זיך דערפילט אַן אומרו, דערהערט אַ געברום. מייקס הענט האָבן פיבערדיק געדריקט די אָרעמס פון זיינע פריינט. אַ ציווילע וואַך באַם טויער האָט זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייען און גוט באַוואַכט די אַריינגייענדיקע.

דאַן האָבן שוין אָנגעהויבן אָנקומען איינציקע מאַשינען. דאָס טרובן און דער גערויש פון די מאָטאָרן האָבן דורכגעוואָרפן אַ ציטער אין די הערצער. זיי האָבן דורכגעריסן דעם מאַרשרוט, באַלייכטנדיק די מענטשן און די נאַסע מיט שניי־דורכגענעצטע ערד און זיינען אַריינגעפאָרן אין דער אָפּטיילונג.

איין מאַשין איז פלוצלונג שטיין געבליבן — אַפּאַנים פון שרעק. די מאַסע האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן נעענטער. מייק האָט זיך אָנגעקלאַמערט אָן די אַקסלען פון זיינע פריינט און זיך אויפגעשטעלט אַף די שפּיץ־פיס, אָבער ער האָט מער ווי דאָס דעכל ניט געקאָנט זען.

די מאַסע איז געווען אויפגערעגט. אימיצער אין די אונטערשטע רייען האָט אויסגעשריען: — „קערט איבער די מאַשין!" און די

פּאָליציי איז ווילד געוואָרן: צוערשט גענומען אָפּשטופּן דעם האַמאָין און ווען אַלע האָבן פּראָטעסטירט, האָבן אָנגעהויבן פּאַלן קלעפּ, סטו־סאַקעס און אַן אומגעוויינלעך שטויסן און ענדלעך — קאָלבעס איבער די קעפּ! די גאַנצע ריזיקע מאַסע האָט ווי אַ ווילדע סטאַדע געענדז זיך אַ לאָז געטאָן אַפּן שליאַך אין דער פינצטער מיט אַ געשריי, מיט אַ געליאַרם און אַ געפּילדער. מענטשן זיינען אומגעפאַלן אַף דער נאַסער ערד און מ'איז ווייטער געלאָפן, מ'האָט זיך ענדלעך גענומען אָפּשטעלן און אַלע האָבן געסאָפּעט צעטומלט.

מייק האָט מער ניט געהאַט זיינע פריינט. ער איז געבליבן אַליין, אָפּגעריסן, פאַרלוירן. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, דאָך האָט מען זיך גענומען אומ־קערן. אַנטקעגן איז אָנגעקומען אַ קליינע מאַשין פון דעם דערביי־איקן שטעטל בערגוויל. דאָ זיינען געווען די סטרייק־פירער. אימיצער האָט אַראָפּגעשריען מ'זאָל ניט צוגיין צו דער פאַבריק ביז מ'וועט ניט קריגן קיין אינסטרוקציעס. די מאַשין איז צוגעפאָרן אַ קוואַרטאַל צוויי ווייטער און זיך אָפּגעשטעלט אין דער זייט באַם שליאַך. אַלע האָבן זיך אומגעקערט און אַרומגערינגלט די מאַשין. אימיצער האָט זיך אויפגעשטעלט — מ'האָט געזען אַ פיגור, אָבער קיין פּאָנים — ניט. מ'האָט אָבער געהערט פייערדיקע אינסטרוקציעס, וואָס האָבן זיך אַריינגעשניטן אין די אויערן ווי מעסערס.

מייק האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם. „נאָך אַלץ ניט זאַט די ערד מיט בלוט"... — האָט ער געברומט. ער האָט באַגריפן: עס הויבט זיך אָן אַ שווערע מילכאָמע.

ער האָט זיך אומגעקערט און געזוכט מיט די אויגן זיינע פריינט. ער האָט אין דער רעגע דערפילט דעם ציטער פון איינזאַמקייט אינ־דערמיט פון אָט דער גרויסער מאַסע. ער האָט זיי אָבער אינערגעץ ניט געזען און ער האָט נאָך געוואָלט הערן וואָס מ'זאָגט

אין דער רעגע האָט ווי פון אונטער דער ערד אויפגעשריען אַ דראָונג פון אַ פּאָליצייאישן האָרן. די מאַסע איז מאָמענטאַל באַלויכטן געוואָרן מיט דעם שטורעם־ליכט פון אַן אויטאָמאָביל. אַלע האָבן זיך אַ וויג געטאָן, ווי אַ זאַנגען־פעלד. איינער האָט אויסגערופן:

— אויב זיי ווילן ווידער נוצן קאָלבעס, ווילן מיר נוצן — וואָס? —

— טינעף! — האָט מען געענטפערט. דער ריידנער איז געוואָרן אומגעדולדיק:

— וואַרט צו... — האָט ער געזאָגט, — איך וועל אייך דערקלערן...

— וועלן מיר זיך ווידער לאָזן שלאָגן? —

— אונדזער קויעך איז אַן אַנדערער! — ברידער!...

— די יוניאָן האָט כאָטש באַדאַרפט באַזאָרגן שטעקנס געזונטע...

דער ריידנער האָט שוין ניט צייט געהאַט צו ענטפערן. דער אויטאָמאָביל האָט זיך ווילד אַריינגעיאָגט צווישן די מענטשן און אַרום צען אוניפאָרמירטע און ציווילע, מיט פאַרקלעמטע קאָלבעס אין די הענט, זיינען געשפרונגען ווי אין אַ סרייפע, צעקנאַקט די לאָמפּן פון דער קליינער מאַשין, און אַראָפּגעשלעפּט די מענטשן. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ געוואַלד ווי פון פאַרוואונדעטע וועלף, און ווידער זיינען געפלויגן קאָלבעס איבער די קעפּ און ווידער אַ געלאַף, און ווידער איז מען געפאַלן און ווייטער אַ געוואַלד וואָס האָט אויפגעריסן דעם פינצטערן פאַרטאָג אַף אַ שעטעך פון אַ מייל אַרום...

די נאַכט האָט אָפּגעדעקט די ערד און דערווישט מייק טאַובערן ווידער געשלאָסן אָרעם און אָרעם מיט זיינע צוויי פריינט. די מאַסע האָט געשפּאַנט באַם דראָטענעם צוים, לענג־אויס די פאַבריק.

שטיל איז געווען אַרום און די טריט האָבן געקלאַפּט אַף דער נאַסער ערד. דער מיזרעכדיקער הימל האָט שוין געגאָסן העלן ליכט אין ווייטן כאָלעל, און די גרויסע קוימען־שאָטנס האָבן זיך אויסגעשניטן בוילעט אַפן ליכטיק־געוואָרענעם האָריזאָנט. איינער האָט געריכערט אַ שוואַרצן וואָלקן און ראָזעווען ליכט און דריי זיינען געשטאַנען שטום.

דער קליינער הינדו האָט זיך געטוליעט צום אַלטן, דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען און געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

— דאָס איז אונדזער מי, — האָט ער אָנגעוויזן אַף די אָנטפלעקטע קאָנטורן פון די געביידעס, — און דערפאַר ווייל מ׳האָט אַלץ געמאַכט אַזוי פּערפעקט, שניידט מען אונדז אָפּ טעג.

— איך בין דאָ נאָך געקראָכן אין די בלאָטעס צו דער אַרבעט.
— האָט געזאָגט מייק, — די קוימענס זיינען נאָך געווען רערן. מ׳האָט ערשט אָנגעהויבן פירן די ערשטע ציגל פאַר די נייע געביידעס.
דער איד האָט אויפגעאָטעמט ברייט:
— וואו נעמט מען ראָדינס קויכעס, — האָט ער אַ זאָג געטאָן.
— אָ, וואָס פאַר אַ מייסטערווערק איך זע!... פון פראַצע און בלוט...
מייק האָט ביידע פריינט אַ שלעפּ געטאָן צו זיך:
— קינדער, — האָט ער געזאָגט געהיימניספול, — איידער מיין טאַכטער איז אוועק, האָט זי מיך צוגערופן צום קראַנקן־בעט און געזאָגט: פאָטער, האָסט געטאָן אַן אַוולע וואָס דו האָסט ניט אַמאָל אריינגעקוקט אין די מאַטעריאַליסטישע לערן. — איך אָנערקען עס!...
זיינע בייניקע פינגער האָבן שטייפער צוגעדריקט די אָרעמס פון זיינע צוויי פריינט, און אויפהויבנדיק די אויגן איבער די קעפּ פון דער לאַנגזאַם־באַוועגנדיקער מאַסע, האָבן זיינע וואָנצן געציטערט, פליסטערנדיק ווי אין א טיפלע:
— „וואָס איז מיר העגעל, וואָס איז מיר העגעל, — אָ, טייער קינד”...
ער האָט אומגעקערט דעם קאָפּ וואו אַלץ איז שוין געשטאַנען פאַרגאָסן מיט דעם פרימאָרגנדיקן ליכט. די עלעקטרישע בוכשטאַבן „בערי וואַטס ענד קאָמפּ.” האָבן שוין געשימערט בלאַס...
איבער דער גאַנצער לענג, האַרט באַם דראָטענעם צוים, זיינען זיי געשטאַנען, די אוניפאָרמירטע, שטומע ווי שאָטנס, אומבאַוועגלעך ווי קוימענס...

ביסמאַרקס קלאָג

ביסמאַרק האָט געדרעמלט. ער האָט זיך געמאַטערט אויפצוקומען פון שלאָף און ניט געקאָנט. עס האָט זיך אים געכאָלעמט אַ שלעכטער כאָלעם; ער האָט געפילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין מאָגן. און ליגנדיק מיט דעם ריזיקן קאָפּ זיינעם פאַרגראָבן אין די גראָבע, האָריקע לאַפּעס, האָט ער אים עטלעכע מאָל אַ ריר געטאָן, וועלנדיק זיך באַפרייען פון די האַלב־באַוואוסטלאָזע מאַטערנישן און ער האָט טיף און פאַרדומפּט אין זיך אַריינגעבולעט. נאָר אָט האָט ער זיך דערפילט. ער האָט אויפגעקלעפּט די אויגן און זיך אומגעקוקט וואו ער איז. ער האָט גאָרניט געדענקט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז געווען פאַרמאַטערט פון דער היץ, איז געלעגן אַף דער זון, די צונג אַרויסגעהאַנגען צווישן די צוויי שפּיציקע ציין און שווער געסאָפּעט, באַוועגנדיק מיט די באָקעס. איצט ליגט ער אין שאָטן. מער ווייסט ער גאָרניט.

מיטאַמאָל האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן אַ לאַנג־אויסגעצויגענער קוויטש פון אַ פּרויענצימער:

— ביס־מאַרק!

ביסמאַרק האָט אויפגעשטעלט די אויערן: „ס'איז מאַריאַנע", — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. דער קוויטש האָט זיך איבערגעכאַזערט:

— ביסמאַרק!

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך אויסגעקנאַקט די ביינער, אויסציענדיק זיך פריער אַף די לאַפּעס, נאָכהער אַף די פיס און זיך צעגענעצט, אויפמאַכנדיק דעם גאַנצן פיסק אַזוי, אַז ער האָט אַזש אַרויסגעלאָזט אַ פּישטש ווי אַ סקריפּ פון אַ טיר און גענומען אַרופגיין צו דער קיך.

ער איז געווען מוטלאַז. עס האָט זיך אים ניט געגלוסט צו מאַכן אַ שנעלן שפּרייז, און אַפילע ניט אויפצוהויבן דעם עק, און ער האָט זיך אים נאָכגעבאָמבלט פון הינטן, ווי אַ שווערע, האַריקע באַרשט.

מאַריאַנע האָט אים אַרויסגעשטעלט אַ פעטן פּאַלומעסאַק. ער האָט עטלעכע מאָל אַ פיר געטאָן מיט דער צונג און דער פּאַלומעסאַק איז געבליבן שטיין אַ ווייס־בלאַנקנדיקער.

מאַריאַנע האָט צוגענומען דעם פּאַלומעסאַק און איז פאַרשוואונדן אין דער אָפענער טיר פון קיך.

ביסמאַרק איז צוריק אַוועק אַף זיין פּלאַץ. ער האָט זיך אַוועק־געזעצט און געפּרוואווט צונויפנעמען זיינע געדאַנקען. אַ ווײַלע איז עס אים אָנגעקומען שווערלעך, נאָר אָט איז ער אַף אַ וועג. איצט טראַכט ער פון זמוראַן, פון הינקענדיקן סולטאַן און פון רויטן בורעק.

— איך וועל דיר נאָך, הינקענדיקער, דעם צווייטן פוס איבער־ברעכן, אַז דו וועסט ניט אויפהערן קריכן אין אַלטן הויף צו זמוראַן. און אויך דיך, רויטער, וועל איך נאָך מעכאַבעד זיין — וואַרט! און אויך דו, זמוראַ, היט דיך.

אַ פליג האָט זיך אים אַוועקגעשטעלט אין ווינקל באַם אויג. ער האָט אַ ריר געטאָן דעם קאָפּ, אַ כאַפּ געטאָן די פליג און געבליבן זיצן אַן ערנסטער.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, נאָכאַמאָל אַ טראַכט געטאָן פון זמוראַן און גענומען לויפן אַראָפּ אין אַלטן הויף.

ער איז געלאָפן הינטן אַרום דורכן וועלדל, אויסמיידנדיק דעם וועג.

מיטאַמאָל איז ער שטיין געבליבן.

אונטן אין טאָל, באַם פּאַרקן פון סאַד, איז אַרויסגעקראָכן פון צווישן די יונגע ברעזעס זיינער אַן אומבאַקאַנטער כאַווער מיט ווייסע און שוואַרצע פלעקן. ביסמאַרק איז אַ ווײַלע געשטאַנען מיט אַן אויפ־געהויבענעם קאָפּ און אָנגעשטעלטע אויערן. ער האָט געפילט, ווי די רעציכע האָט אין אים אַ זאָד געטאָן און מיט אַ קוים־איינגעהאַלטענעם בוררר האָט ער אים געפרעגט. ווער ער איז און פון וואַנען ער גייט. יענעם האָט עס, אַפּאַנים, פאַרדראָסן און ער האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ ברום.

ביסמאַרק האָט עס מער ניט געקאָנט אַריבערטראָגן. זיין שטאָלץ איז געווען אָנגערירט פון אַן אומבקאַנטער כוצפּע. שנעל ווי אַ בליץ, מיט דער גאַנצער גוואורע זיינער, האָט ער זיך דערלאַנגט אַ שליידער אַראָפּ אין טאָל גלייך אַרויף אַף יענעם, אים געגעבן אַ כאַפּ אָן מיט די ציין באַם וויכן פלייש אונטערן אויער און מיט דעם גאַנצן אימפּעט זיך דערלאַנגט אַ קוליע איבער דריי מאָל צוזאַמען מיט יענעם מיט אַזאַ כאַפּ־כאַפּ־כאַפּ, ווי מ׳וואָלט קאָכעדיקן בליי אין אַ קאַלטן קעסל וואַסער אַ וואָרף געטאָן, און שוין איז יענער געלעגן אַ באַזיגטער אונטער זיינע פיס, איבערגעקערט מיטן בויך אַרויף, קוים סאָפּנדיק, און ביסמאַרק שטייט אַף אים מיט די לאַפּעס אויסגעשטרעקט, ווי די פּרעזנטן, מיט אַ שטאָלץ־אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט אַ שטייף־פאַרדרייטן וויידל אַרויף, שטיל פאָכנדיק מיט אים הין און צוריק, ווי מיט אַ זיגער־פאָן. ער איז ענדלעך פון אים אַראָפּ און אים אָפּגעלאָזט. יענער האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך אָפּגעטרייסלט און געבליבן שטיין אַ דערשלאָגענער, קוקנדיק אַף ביסמאַרקן. ער האָט עפּעס אַ בורטשע געטאָן, אָבער ביסמאַרק האָט זיך שוין דערווייטערט מיט פלינקע טריט, מיט אַ שטאָלץ־אויפגעהויבענעם קאָפּ און אַ שטייף־אַרויפגעדרייטן עק.

ער איז צוגעקומען צום סאָד וואו ס׳איז אויסגעבראָכן אַ ברעט אין פּאַרקאַן און דערלאַנגט אַ האָפּטש אַריבער דורכן לאָך, אַ ריס טוענדיק זיך די האָריקע פעל אָן שאַרפן ברעט און ער האָט שוין געטראַפּטשעט איבער דער אַלייע, ווי אַ באָרוועסער יונג, איבערלאָזנדיק זיין סליאַד אין דעם ווייך־צוגעגלעטן זאַמדיקן וועג. ער האָט אין זיך געפילט אַ ריזיקע גוואורע: „אָט פאַלט דיר אַלץ צו די פיס און ווערט צעשאָטן אין שטויב, ווען דו ווילסט. בורדר. ניטאָ קיין זאַך אין דער וועלט שטאַרקער פון דיר" — האָט ער געטראַכט. ער האָט דערזען אַ פייכטן פלעק באַ אַ בוים, איז צו, אים אַרומגעשמעקט און ניט קאָנענדיק דערגיין ווער ס׳איז דאָ געווען, איז ער ווייטער געלאָפן. ער האָט אויסגעמיטן דעם בינשטאָק, מוירע האָבנדיק פאַר די בינען, איז אַריין צווישן די פּאָמעדאָרן, פלינק דורכגעשפּרונגען די וויכע בייטן און שוין געווען אין אַלטן הויף. ער איז אַרונטערגעלאָפן די „סטייניעס" צו זמוראַס בודע. ער שטעקט אַריין דעם קאָפּ — זמוראַ איז ניטאָ. זוכט זי אין די „סטייניעס" — ניטאָ. באַם „סטאַנגרעט" — ניטאָ. ער קריכט אַרויף אַף די טרעפּ פון דער

וועראַנדע פֿון אַלטן פּאַלאַץ — ניטאָ: „אַזוי גאָר, דאַרפֿסט שוין ניט ביסמאַרקן, האָסט שוין דעם הינקענדיקן. נו, גוט“.
און ער איז צוריק געלאָפֿן אַהיים.

די נאַכט איז צוגעפֿאַלן און ביסמאַרק איז געלעגן אין זיין בודע און אַרויסגעבלישטשעט מיט זיינע פֿייערדיקע אויגן אין דער טונקעלער נאַכט אַריין.
זיין שטאָלץ איז געבראָכן. ער האָט געפֿילט אַ ניט־ניכעדיקייט צום לעבן.
— וועל איך דיך אַ פּאַק טאָן באַ דיין גאָרגל — הינקענדיקער; און דיך — רויטער; און דיר, זמוראַ, וועל איך נאָך אויך אַ פֿוס איבערברעכן, וואַרט!
אָבער ער האָט געפֿילט, אַז ער טראַכט נאַרישקייטן.
— וואָס איז מיר דיין גוואורע? לאָז אַריין די צוויי שפּיציקע ציין דעם הינקענדיקן אין צווייטן פֿוס; רייס זמוראַן אויס נאָך אַ צין; לאָז זיי אַפֿילו טויט — זיי פֿרעגן ניט נאָך דיר.
און ער איז צוזאַמענגעפֿאַלן, דעם קאָפּ אַוועקגעלייגט אויף די לאַפּעס; ער האָט געפֿילט, די קויכעס גייען אים אויס.
ביסמאַרקן גייען אויס די קויכעס...
זיין גוואורע קראַכט אונטער דער מאַכט פֿון זיין ראָצן. ער האָט עס געפֿילט מיט דעם גאַנצן דיקן בלוט זיינעם און ער איז געבליבן ליגן האַלב־באַוואוסטלאָז און פֿאַרלאָרן דעם פֿאַדעם פֿון זיינע געדאַנקען.
און איצט קוקט ער שוין צום זילבערנעם טעלערל, וואָס הענגט אין הימל און בלישטשעט דורך צווישן די שפּיצן בוימער און טראַכט שוין נאַרישקייטן, האַלבע כאַלוימעס:
— פֿאַרוואָס זיינען די שטערן אַזוי הויך? און דער העכסטער שפּרונג פֿון אַ הונט אַזוי נידעריק? און פֿאַרוואָס האָט ניט אַ הונט פֿליגל ווי אַ גאַנדז? און פֿאַרוואָס קאָן ער ניט כאַפּן די שטערנדלעך, ווי ער כאַפּט פֿליגן? און פֿאַרוואָס לייגט זיך אים ניט אַוועק דאָס טעלערל פֿון הימל צו זיינע פֿיס, ער זאָל עס קאָנען אויסלעקן, ווי דעם פּאַלומעסאַק, וואָס מאַריאַנע שטעלט אים אַרויס? — און ער האָט געפֿילט, ווי עס עקט זיך אים דאָס לעבן.

עך האָט מער ניט געקאָנט איינליגן אין דער בודע — ס׳איז אים געוואָרן ענג און ער איז אַרויסגעקראָכן.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און אַ ווײַלע ניט געוואוסט מיט זיך וואָס צו טאָן. נאָר אָט האָט ער דערזען דאָס בערגל נעבן דער קיך — דאָס העכסטע פּלאַץ אַרום און ער איז אַרויף. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט, ווי עפּעס וואַקסט אין אים, וואַקסט איבער אַלע אייוורים. די גלידער ווערן שטייף, די לאַפּעס זינקען איין אין דער ווייכער ערד און האָט מער ניט געפילט, וואָס ער טוט: ער האָט אַ הויב געטאָן דעם ריזיקן קאָפּ אין דער הויך, די מאָרדע אָנגעשטעלט קעגן דער לעוואָנע, אַן עפן געטאָן דעם פּיסק און אַ לאַנג־אויסגעצויגענער געשריי, ווי אַ מעכטיקער, לאַנג־אויסגעצויגענער בריל פון אַ באַזיגטן לייב, האָט זיך מיט איין מאָל פון זיין קעל אַ ריס געטאָן און דורכגעדרונגען די נאַכט, אויפציטערנדיק די שטילקייט און אויפגעוועקט זיינס גלייכן אַרום און אַרום, וואָס האָט זיך אָפּגערופן פון ווייט און ברייט מיט אַן אויסגעצויגן, צעווייטיקט בילן, וואָס האָט זיך לאַנג, לאַנג ניט געקאָנט באַרואיקן. און ווען אַלץ איז ענדלעך שטיל געוואָרן, האָט נאָך עפּעס ווי געסומעט אין דער שטילקייט און עס האָט זיך געדאַכט, ווי דער הימל, די שטערן און די לעוואָנע וואָלטן זיך צוגעהערט צו אָט דעם שטילן סומיען, וואָס איז ווי הענגען געבליבן אין דער פאַרגליווערטער נאַכט. און ביסמאַרק איז צוריק אַוועק אין זיין בודע, באַטראַכטנדיק אַפן וועג זיין שאָטן, וואָס איז מיט אים מיטגעגאַנגען, זיך פאַרגראָבן אין אַ ווינקל און אַ דערלייכטערטער פון זיין ווײ — איינגעשלאָפן.

אַ איד אין דאָרף*)

שמועל

1

אַ הילכיקער קנאַק פון אַ בייטש האָט דורכגעשניטן די שטילע מאָרגן־לופט און אַן אַזעסדיק בילן פון אַ הונט האָט זיך איבערן דאָרף צעטראָגן. דאָס איז געווען גאַנץ פרי. דאָס גאַנצע דאָרף האָט נאָך געררוט אין אַ שטילן שאָטן וואָס די נאַכט האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט. די לופט איז נאָך געווען פריש, קיל און פול מיט אַ מאָרגן־סווישטשעריי פון פייגל וואָס זיינען איבערן דאָרף געפלויגן. אַלץ איז נאָך געווען פייכט, באַדעקט מיט טוי, און אַף די שפּיץ דעכלעך און אַף די שפּיץ בוימער איז ערשט געפאַלן דאָס שטילע רויטלעכע מאָרגן־ליכט פון דער זון, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַפן הימל אַרויפצורוקן. באַלד האָט זיך ווייטער דערהערט אַ הילכיקער קנאַק פון אַ בייטש, און נאָך אַ קנאַק, און דאָס אַזעסדיקע בילן פון הונט האָט זיך דערנעענטערט פון יענעם עק דאָרף, שוין צונויפגעמישט מיט „אַ מוקען” פון בעהיימעס וואָס האָט זיך מיט אַ מאָדנער בענקשאַפט איבערן דאָרף צעגאָסן... באַלד האָט

---

*) געשריבן: סאָף פון יאָר 1914. געדרוקט ערשטער קאַפּיטל: אין פעברואַר נומער „ליטעראַטור און לעבן”, אין יאָר 1915. צווייטער קאַפּיטל: אין מאַי־נומער „צוקונפט, 1916. דריטער קאַפּיטל: אין אויגוסט „צוקונפט”, 1917.

זיך באַוויזן אַ סטאַדע געטריבן פון אַ באָרוועסן פּאַסטוך מיט אַ גרויסן קודלאָוואַטן הונט. די סטאַדע איז דורכגעלאָפן איבערן דאָרף, אויפהויבנדיק דעם פייכט־באַטויטן זאַמד פוןברייטן וועג און אָנמאַכנדיק א געדיכטן שטויב איז אין וועלדל אריינגעלאָפן. פון ערגעץ וויט, ווייט האָט זיך נאָך געהערט דאָס רוישן פון אַ צוג וואָס איז ערשט ניט לאַנג אָפּגעגאַנגען פון דער באַן־סטאַנציע וואָס ליגט נעבן דאָרף. דאָ באַלד אונטערן וועלדל. פון דערווייטנס האָט זיך דערהערט אַ ריידן פון עטלעכע מענטשן. די שטימען האָבן זיך דערנעענטערט און באַלד האָבן זיך באַוויזן עטלעכע באָרוועסע פּויערים מיט פּויערטעס. די פּויערים האָבן געטראָגן קאָסעס אַף די אַקסלען און די פּויערטעס — סערפּן, קריגלעך און פּעקעלעך. זיי זייגען געגאַנגען אַפּן זעלביקן וועג און אויך אין וועלדל אריין.

אין דעם הויפישן הויז, נעבן וועלדל, האָט זיך געעפנט די טיר אַף דער ברייטער וועראַנדע אַרויס, און שמועל, נאָך אָן אַ קאַפּטאַן, מיט דער פאַרפּעדערטער יאַרמולקע אַפּן קאָפּ, האָט זיך באַוויזן אַף דער שוועל מיט דער שיסל נעגל־וואַסער. ער האָט געמאַכט אַ פּאָר פאָרזיכטיקע טריט מיט דער פולער שיסל, זי אַריבערגעגאָסן איבער די שטאַכעטן פון דער וועראַנדע אַפּן בערגל מיסט וואָס ליגט אַף יענער זייט און אין אַ ווײַלע אַרום געבליבן שטיין מיט דער שיסל אין האַנט קוקנדיק אין דער לופט. ער האָט אַ קנייטש געטאָן מיטן שטערן און זיך אומגעקערט אין שטוב אַריין.

שמועל שטייט אויף יעדן טאָג גאַנץ פרי. ווען ער הויבט זיך אויף, טשעפּעט ער נישט קיינעם, לאָזט אַלעמען שלאָפן און שאַרט זיך שטילערהייט אַרויס פון שטוב; גיסט אַרויס דאָס נעגל־וואַסער, וואַשט זיך און אָפּוווישנדיק זיך, דרייט ער זיך אַרום אַף דער וועראַנדע, שעפּטשעט פרום בירכעס־האַטאָירע און קוקט זיך צו מיט א שטילער רואיקייט צו אלץ וואָס ער זעט: צום שטילן בלישטשען פון דער אויפגייענדיקער זון צווישן די שפּיץ בוימער פון וועלדל, צו די בעהיימעס וואָס דער פּאַסטוך טרייבט אַרויס אַף דער פּאַשע, צו די פּויערים וואָס גייען אין פעלד אַריין... דאָס טונקעלע, אָפּגעברענטע געזיכט זיינס, וואָס איז שטענדיק פאַרכוי־

שעכט, לייטערט זיך אויס און שטראַלט מיט אַ שטילן, פֿאַרבאָרגענעם נאַכעס... אָפּגעזאָגט בירכעס־האַטאָירע, נעמט ער זיך אַרויס דעם עמער, גייט זיך אַריבער צו דער סטאַנציע און ברענגט זיך צוטראָגן פֿון דעם באַן־ברונעם אַ פֿרישן עמער וואַסער אַף טיי; גייט אַרויס אין וועלדל אַריין, קלייבט זיך אָן אַביסל דאַרע שיסטקעס און שטעלט זיך דערמיט אויף דאָס מעשענע סאַמאָוואַרל אין דרויסן נעבן דער ווערענדע, און ווען דורכן קוימענדל פֿלאַמט שוין אַ רויט צינגל שיקנ־זיך אין דערהויך אַ בלוי רויכל, זעצט ער זיך ארויס מיט א סייפער צום צעבראָכענעם טישל, וואָס שטייט אַף דער ווערענדע. פֿריער ווישט ער זיך איבער דעם שטערן פֿאַרשאַרצנדיק דאָס היטל אין דערהויך, דערנאָך צעשאָקלט ער זיך איבערן אָפֿענעם סייפער און צעזינגט זיך שטיל, מיט אַ טיפֿן, האַרציקן געמאַרע־ניגן... און עפּעס לערנט זיך אים דאַן אַזוי גוט, און דער קאָל זיינער גיסט זיך איבער דער ווערענדע אַזוי שטיל, מיט אַזאַ איינגעהאַלטנקייט און קלינגט אָפּ אין דער אַרומיקער שטילקייט...

פֿון צייט צו צייט כאַפּט ער אַ קוק צום סאַמאָוואַרל, און ווען דאָס קאָכט שוין, הויבט ער זיך פֿון אָרט, פֿאַרבריט פֿרישן עסענץ, גיסט זיך אָן אַ גלאָז לויטערע טיי, זעצט זיך צוריק צום טישל, און לערנט ווייטער. ער האַלט אין מויל אַ שטיקל צוקער, און פֿון צייט צו צייט נאָר כאַפּט ער אַ זופּ פֿון דער קאָכנדיקער טיי. אויסגעטרונ־קען איין גלאָז, הויבט ער זיך ווידער פֿון אָרט און גיסט זיך אָן אַ צווייטע, דערנאָך אַ דריטע — אַזוי טרינקט ער אויס עטלעכע גלעזער איינס נאָכן צווייטן. באַ יעדן זופּ, בויגט ער פֿריער אָן דעם קאָפּ, קוקט אַריין אינעם לויטערן גלאָז טיי ווי דאָס גלאַנצט מיט אַ קריש־טאָלענעם, גאָלדערנעם גלאַנץ, טראַכט בעשאַס־מייסע מיקויעד אַ טיפֿן איניען, און האָט דערביי שטאַרק האַנאָע אי פֿונעם לערנען, אי פֿון דער טיי.

אין דאָרף וואוינט שמועל ערשט דאָס צווייטע יאָר. געוואוינט האָט ער שטענדיק אין אַ קליין שטעטל צוויי מייל ווייט פֿון דאָרף, נאָר אַליין פֿלעגט ער טאָמיד זיין באַ דער באַן־סטאַנציע וואָס ליגט דאָ נעבן דאָרף. די גאַנצע פּאַרנאָסע זיינע

ציט ער פון שטענדיק אָן דאָ באַ דער סטאַנציע. די פויערים פון די אַרומיקע דערפער פירן אים שטיינער, האָט ער זיך אַ געדונגענעם פּלאַץ באַם באַן נעבן פּלאַנט וואו ער לייגט זיי אָפּ, און יעדע וואָך עקספּעדירט ער עטלעכע וואַגאָן קיין לובלין. קיין אייגן געלט האָט ער ניט, נאָר די גאַיעם געטרויען אים; גאַנצע צוויי וואָכן האָט ער באַ זיי קאָנטע, — דאַן מעג ער זיי פאַר יעדער פור שטיינער אַרויס־געבן אַ קוויט אַף דער סומע וואָס זיי קומט. און גייט אַוועק צוויי וואָכן, אַז מען זעט ניט קיין געלט, הערן זיי אויף צו פירן שטיינער און ער טאָר זיך אַפן פּלאַץ ניט אַרויסווייזן...

יאָרן לאַנג פלעגט ער זיך אַרומוואַלגערן און פאַרשוואַרצט ווערן אַף דער סטאַנציע און ניט האָבן וואו אַריינצוגיין. אַרום און אַרום וואוינען בלויז גאַיעם. דער איינציקער איד דאָ, וואוינט אַזש אין יענעם עק דאָרף, — דאָס איז אַן ערעך פון אַ קנאַפּן וויאָרסט. אַהין פלעגט ער נאָר גיין פאַרנאַכט ווען ער האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעפּאַרטיקט אַפן פּלאַץ, און אַ גאַנצן טאָג פלעגט ער ניט האָבן וואו אַ שוועל אַריבערצוטרעטן. דאָס איינציקע אָרט וואו ער פלעגט אָפט אַריינגיין, איז געווען דעם „וועקסלערס" בודקע וואָס שטייט אַפן פּלאַנט. דאָס איז קימאַט ווי זיין דירע געווען: דאָ האָט ער זיך שטענדיק געהאַט זיין אַכטעלע טיטון מיט גילזן, און יעדער באַן־וועכטער פלעגט זיך פראַנק און פריי מאַכן פּאַפּיראָסן; דאָ פלעגט ער אָפט אַריינשטעלן דעם שירעם, אַריינלייגן דעם פּאַלטאָ; ווינטער — זיך וואַרעמען פון דער קעלט, זומער — זיך אָפּרוען, פון דער היץ; אָפּט א טשייניק טיי אויפקאָכן, און איבערכאַפּן דאָס האַרץ.

אַזוי פלעגט ער זיין לעבן אָפּשוואַרצן און נאָר פון שאַבעס צו שאַבעס אין שטעטל אַריין צום ווייב מיט די קינדער אַהיים קומען.

ער פלעגט שטענדיק מעקאַנע זיין יעדן מענטשן וואָס האָט זיך אַ היימיש שטיקל פאַרנאָסע און דאַרף ניט פאַרשוואַרצט ווערן אונטערוועגנס, און מיט גאָר אַ באַזונדער קינע פלעגט ער מעקאַנע זיין דעם דאָפּס־איד, באַ וועלכן ער פלעגט נעכטיקן. דאָס איז געווען אַ געזונטער איד מיט אַ רויטן, צעקנייטשטן קאַרק, אַ איד וואָס טראָגט שטענדיק אַ ווינטערדיקן פּאַלטאָ מיט אַן אָפּגעבלאַקירטער פּלייצע פון דער זון און מי טאָן אויסגעפּעצטן פּראַנט וואָס גלאַנצט ווי א כאַליאַווע. דאָס ווייב זיינס, אַ גראַבע, געזונטע אידענע, מיט אַ שטענדיק פּאַר־

פלאַמט פּאַנים און פאַרקאַטשעטע אַרבל, קנעט דייזשעס, באַקט ברויטן, און די קינדער — יונגען און מוידן ווי די בערן — שטייען אין געוועלב וואָס ער האַלט, און ער אַליין גייט זיך אַלעמאָל אַרויס איבער די דערפער אַרום און שאַרט אויס ווי אַ הון און וואו אַן איי און מאַכט זיך אַ קאַלב, איז אַוואַדע גוט. ווען אין שטעטל איז אַ מאַרק, פירט ער דאָס אַוועק פאַרקויפן. מאַכט זיך אָבער, אַז ס'פאַרט גראַד דורך אַ שויכעט ווען ער האָט אַקאַלב, לאָזט ער עס שעכטן, שינדט עס אָפּ און גיט אַף זיך אַ נעם אין זייט פלייש און איינער פון זיינע יונגען — די צווייטע זייט און מאַרש אין די אַרומיקע דערפער צווישן די אידן פאַרקויפן פלייש אַף שאַבעס דאָס גאַנצע געזינד — אַן דייגעס, אַן זאָרגן. דער אַלטער אַליין זעצט זיך אָפּט אַרויס פאַר דער טיר מיט אַ כעוורע גאַיעם, פאַרפּיפּקעט זיך די ליולקע און דערציילט זיי מייסעס. די גאַיעם קוועלען פון אים און קלאַפּן אים איבער דער פּלייצע . . .

שמועלן פלעגט דאָס זיין איבער דער טעווע. ער פלעגט ניט קאָ־נען פאַרשטיין ווי אַזוי אַ איד, און דערצו אַ איד אין די יאָרן, קאָן זיך אַזוי אָפּגעבן מיט אַריילים. . . אַ . . . — פלעגט ער זיך טראַכטן — ווען דער אויבערשטער שיקט אים צו עפּעס אַ שטיקל היימישע פּאַרנאָסע — — — און דאָס פלעגט באַ אים טאָמיד וועקן אַ כיישעק זיך איבערצוציען אין דאָרף אַריין און זיך אויך דאָ אַ געוועלבל עפּע־נען. וואָס ? . . . — פלעגט ער זיך טראַכטן — צום מיסכער, כ'לעבן, איז ער מער בעריע פאַר „דעם דאָזיקן‟, נאָר דאָך האָט ער דאָס ניט געטאָן, אַביסל פּאַשעט ווייל ער איז טאָמיד אין געלט פאַרענגט, און אַביסל האָט ער אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס.

אָבער איינמאָל הערט ער ווי די אידענע מאַכט צום מאַן : — האָסטו געהערט, דער „גאַיאָווע‟ (וואַלד־וועכטער) שלעפּט זיך דאָך שוין אַרויס פון דאַנען, און דער פּאַריץ, אַ „פּאָפּלעקציע‟ אַף אים, גייט דאָך שוין דאָ פאַרדינגען אַף אַ געוועלב. און וואָס זאָגסטו עפּעס צו דער קאַפּאָרע ? — האָט זי געגעבן אַ פאַרלייג מיט די הענט.

דאָס איז שמועלן גוט אַריין אין קאָפּ און אים שוין רוען ניט געלאָזט. קוים, האָט ער געוואוסט, איז דאָס טאַקע אַן עמעס און עס כאַפּט זיך אַריין אַ פרעמדער, איז ער, כאַלילע, אומגליקלעך. און ד אָ ס אָרט — האָט ער זיך געכאַפּט — איז פאַר אים ווי געוואונטשן,

וואָרים די הויפּישע הייזער שטייען נעבן סאָמע וועלדל, דאָס איז ווייט פון „דעם דאַזיקן", נאָענט פון דער סטאַנציע, און דירעס — ווי אין שטאָט. ער האָט די גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט צוגעמאַכט, קלערנדיק וואָס פאַר אַן אייצע מען גיט זיך דאָ. ער האָט באַשלאָסן אַריינצופאָרן קיין לובלין, דערציילן דעם סויכער די גאַנצע מייסע און אים בעטן ער זאָל אים אויסבאָרגן אַ פּופּציק רובל. מיטן אויבערשטנס הילף וועט ער אים דאָס טאָן אויך, — האָט ער געהאָפּט. און דעם ערשטן שאַבעס ווען ער איז געווען אין דער היים, האָט ער דאָס דורכגערעדט באַם טיש מיטן ווייב און קינדער. און שאַבעס־צו־נאַכט, באַלד נאָך האַוודאָלע, האָט ער זיך אויפגעהויבן — אַלע האָבן אים באַגלייט ביז דער טיר און אים געוואונטשן ער זאָל מאַצליעך זיין. ער איז אַריינגעפאָרן קיין לובלין און ער האָט טאַקע מאַצליעך געווען.

נאָכן צווייטן שאַבעס האָט ער שוין געדונגען אַ פּירל, אויפגעלייגט דאָס ביסל באַלעבאַטישקייט און זיך איבערגעקליבן אין דאָרף אַריין.

ניט איבעריק צופרידן לעבט זיך אים אָבער אויך אין דאָרף. די ערשטע צייטן אַז עס פלעגט זיך אָנדיקן דער שאַבעס, איז שוין פון פרייטיק אָן פלעגט ער ניט וויסן וואָס צו טאָן מיט זיך: קיין מירכעץ, קיין מיניען, קיין געזונט, קיין לעבן — אַ מענטש פון שטאָט איז גאָרניט געוואוינט דערצו. דעם ערשטן שאַבעס אַז ער האָט געזען פאַרביילויפן דעם דאָרפס־איד מיט זיינען יונגן אין צווייטן דאָרף דאַוונען, איז דאָס אים אויך פאַר־געקומען קרום: ער האָט געוואוסט אַז דאָס נאָענטסטע מיניען איז אין וואָליע, באַ ר' מוישע דעם וואַלד־סויכער, און איידער צו גיין אום שאַבעס אַזאַ מהאַלעך איז שוין טויזנט מאָל גלייכער צו דאַוונען פאַר־זיך. נאָר קומט אַ שאַבעס אַ ראָיש־כוידעש, אַ יאָנטעוו, קאָן ער שוין בעאיין אויפן ניט איינזיצן אין דער היים. און נאָך מער האָט ער אַגמעס־נעפעש פון די קינדער: אין שטאָט איז ער זיי ניט בע־קויעד צו האַלטן און אין דאָרף ווערן זיי זייער פאַרגרעבט. און דאָ וואַקסט דאָס עלטערע מיידל און מען דאַרף שוין טאַקע אַ טראַכט טאָן וועגן אַ טאַכלעס אויך...

נאָר אין עמעסן וואָלט שוין דאָס אַלץ דערוויַיל געווען נאַריש־קייטן, וואָלטן נאָר די געשעפטן געגאַנגען נישקאָשעדיק. די צוויי מיסכאָרים, דער מיסכער מיט די שטיינער און דאָס געוועלבל, האָבן אין אַ קורצער צייט איינגעשלונגען די פּאָר רובל וואָס ער האָט פאַר־מאָגט און ער איז מיט ביידע מיסכאָרים געבליבן שטיין ווי דער־שטיקט. דער סויכער וויל ניט וויסן קיין גליקן — יעדע וואָך נעמט ער זיך אָפּ אַ פּאָר רובל אָפן כויוו; דעם פּאָריץ דאָס דירע־געלט מוז מען אָפּהיטן צו דער צייט; פאַר יעדן פערטל האָלץ, וואָס ר׳ מוישע שטעלט אָפּ, מוז מען צאָלן באַרע געלט און לייזן לייזט זיך גאַנץ קנאַפּ. די גאָיעם פון דאָרף ווילן מעסטנטייל ניט אַריינשמעקן. „ע, טאַם“, — זאָגן זיי, — „מיר קויפן שוין באַ אונדזער „זשידעק“, און דאָס וואָס מען לייזט שוין יאָ, איז אויך אָף באָרג. וואָרים קימאַט דאָס גאַנצע לייזונג איז נאָר פון די עטלעכע באַן־באַאַמטע וואָס געפי־נען זיך אָף דער סטאַנציע. נעמען זיי אַ גאַנצן כוידעש „אָפן בוך“ און איידער מען זעט צוריק אַ גראָשן קריכן די אויגן פון קאָפּ אַרויס. בלייבט מען אָפּט שטיין מיט דער ליידיקער קראָם און ס׳איז ניטאָ מיט וואָס צו פּאָרן נאָך אַנדער סכוירע. שמועל וויל זיך ראַטעווען, נעמט ער די פּאָר רובל וואָס ער האָלט נאָך איין ווי מיט צוואַנגען און לייגט עס אויך אַריין אין דער קראָם. בלייבט ער אינגאַנצן שטיין מיט ליידיקע הענט און האָט ניט מיט וואָס אַרויסצוגיין אָפן פלאַץ. נאָר ער גיט זיך אַן אייצע: ער גיט די גאָיעם קעסיידער אַרויס קוויטלעך און הייסט זיי גיין אין געוועלב אַריין נעמען וואָס זיי דאַרפן. קומען די גאָיעם צוגיין מיט די קוויטלעך און הייסן זיך געבן סכוירע. קלאָגט די אידענע: אַ בראָך איז מיין לעבן, ער הייסט מיר אַרויס־געבן דאָס ביסל סכוירע און ווערג זיך מיט די „שטיקלעך פּאַפּיר“... און בלייבט זי שטיין מיט דער ליידיקער קראָם, פאַרקלאָגט זי שמועלן דעם קאָפּ: „וואָס האָסטו געוואָלט פון מיין לעבן? וואָס האָסטו מיך אַראָפּגעשלעפּט אין דאָרף אַריין דו זאָלסט מיך „זאַמאָרדעווען“, די גאַל זאָל מיר פּלאַצן?!

שמועל בלייבט שטיין אַ צעמישטער און ווייסט איר ניט וואָס צו ענטפערן, און ער קאָן גאָרניט פאַרשטיין וואָס דאָ איז: „יענער“ טראַכט ער — איז אַ פויער, אַ גאָרנישט, האָט ניט קיין סייכל פאַר אַ קאַץ... און ער... ווי אַזוי ער דרייט זיך אַלץ און ווי אַזוי

ער קערעוועט זיך... נאָר מען דאַרף האָבן האַצלאָכע... און ער דערפילט, אַז דער גאַנצער לעבן זיינער הענגט אָפּ פון די גאָיעם אין דאָרף. איז אָבער ווען די עלטערע גאָיעם קומען אריין — אַ גאָי, אַ „גאָספּאָדאַרזש"... איז גאָר אַן אַנדער זאַך — זעט מען אַמאָל אַ גראָשן לייזונג פאַר די אויגן... קומען אָבער אַריין די יונגע שקאָצים, איז נאָר א האַרץ־קלעמעניש. קומט איינער אריין, צוויי, קויפן עפּעס און גייען זיך אוועק, איז שמועל גאַנץ צופרידן, פאַרוואָס ניט? אַ קוינע איז אַ קוינע... מאַכט זיך אָבער עס קומען אַריין גאַנצע „טשאַטעס", הויבט מען אָן אַרומצושטיפן, זיך צו האַקן פון הינטערוויילעכס איבער די קעפּ און זיך צו שטיקן פון געלעכטער... דאָס טרעפט מערסטנס שאַבעס־צו־נאַכטס, אָדער זונטיק באַנאַכט. אַלע אין שטוב גייען אויס פון שרעק און לויפן אַרונטער אונטער בופעטל אַכטונג געבן אַף די אַריילים... די גאָיעם דאַרפן ניט מער: מען דערלאַנגט איינעם אַ שליידער אַפן בופעטל אַז דאָס גאַנצע בופעטל גיט אַ שפּרונג און אַלע לאָזן אַ דערשראָקענעם ליאַרם אַרויס. און ניט איינמאָל האָט שוין געטראָפן אַז מען האָט דאָס לעמפּל אויסגעלאָשן און עפּעס פון געוועלב אַרויסגעכאַפּט. שמועל ווייסט אַז באַ דעם איד אין דאָרף וואָלט דאָס ניט געטראָפן. די ביינער וואָלט מען זיי געבראָכן, די אייגענע טאַטעס זייערע וואָלטן דאָס געטאָן... און עס ווערט אים ביטער אַפן האַרצן: עס וואָלט זיך אים כאַטש שוין געוואָלט גיין אין וועלכן דאָרף אריין, אויך נעמען אַ קאַלב אַף די פּלייצעס און מיט גאַרנישט זיין אַנדערש פון דעם איד אין דאָרף... נאָר עפּעס גייט זיך ניט און עס שלעפּט זיך ניט...

דערפאַר טאָקע האָט ער אַנגעהויבן אויפשטיין יעדן טאָג גאַנץ פרי, ווי עס פירט זיך אין דאָרף. דעם דאָרפס־איד וועקט עס טאָקע צום קאַלב, צום פויער, אים אָבער — צום סייפער. און ווי אַזוי קאָן מען זיך אָפּרייסן פון סייפער, אַז ס'איז אַזוי גוט צו לערנען אין דעם שטילן פרימאָרגן ווען די שפּיצן פון די בוימער סוידן זיך, דאַכט זיך, און די פויגעלעך זינגען, און אין דער נעשאָמע גיסט זיך אַריין אַזאַ מאָדנע בענקשאַפט און עס ווערט לייכט אַפן האַרצן אַז עס פאַרגעסט זיך גאָר איינגאַנצן אָן דעם שווערן, ביטערן לעבן... נאָר דערזעט ער ווען דעם דאָרפס־איד פאַרבייגיין מיט אַ קאַלב אַף די פּלייצעס, לעבט אויף אין אים אַ מאָדנער ווייטיק און ער קוק אים נאָך —

דעם דאָרפס־איד — מיט אַ פאַרביטערט האַרץ און באַטראַכט אים ווי געזונט יענער איז, ווי דאָס בלוט שפּראָצט אים פונעם אַלטן, צע־קנייטשטן קאַרק אַרויס און ווי דאָס קאַלב הוידעט זיך אים אַף די פּלייצעס און רייסט אים דעם אַקסל אַראָפּ, און אים אַרט עס גאָרניט, ער שפּאַנט זיך מיט שווערע טריט וואָס טוקען זיך אין זאַמד און זיינע גראָבע פיס רייבן זיך אָן די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע...

שמועל בלייבט זיצן שטיל. ער פאַרגעסט אָן דער טיי וואָס שטייט נעבן אים, און זיצט אַזוי ביז דער ערשטער פויער וואָס האָט דאָס ערשטע פּירל שטיינער געבראַכט, קומט פון וועלדל אַרויס, און וועקט אים אויף פון די טרויעריקע מאַכשאָוועס. מיט אַ קנאַק פון דער בייטש גיט אים דער פויער אָפּ אַ ברייטן „דזשען־דאָברי" און זאָגט אים אָן אַ בסורע: „פּוראַ קאַמיעני פּשיוויאָסעם!"...

דעמאָלט ערשט שטייט ער אויף, פאַרמאַכט דאָס סייפער, נעמט אַלץ צונויף און טראָגט אַריין אין שטוב. ער וועקט אויף דאָס ווייב מיט די קינדער, און גייט אַרויס מיטן גאַי אַפן פּלאַץ.

אַפּן פּלאַץ

2

אַ הילכיק קנאַקן פון שטיינער וואָס זיינען געשליידערט געוואָרן פון צוויי יונגע פּויערים אַף קימאַט נאָך אַ ליידיקער וואַגאָן־פּלאַטפאָרמע — האָט זיך איבערן פּלאַץ געטראָגן. דאָס איז געווען פאַרנאַכט־צו. דער פּלאַץ איז שוין געשטאַנען אין שטילן אָפּגלאַנץ פון די רויטע פלאַמען וואָס די אונטערגייענדיקע זון האָט אַף יענער זייט פעלד אָנגעצונדן. דער הימל האָט זיך פאַרצויגן מיט ראָזעווע וואָלקנדלעך און די לופט האָט זיך שוין אָנגעהויבן אָפּצוקילן נאָכן הייסן זומער־טאָג. די פּויערים זיינען געשטאַנען האַלב־אויסגעטאָן. די פּענימער זיינען באַ זיי געווען רויט, דערהיצט. יעדעס מאָל וואָס זיי האָבן זיך צו דער קופּע שטיינער אָנגעבויגן, זיינען די גרויע, לייוונטענע העמדער האַרט צו זייערע פּלייצעס צוגעפּאַלן, און יעדעס מאָל וואָס זיי האָבן מיט די הענט אַ הויב געטאָן די אָנגענומענע שטיינער אַפּן וואַגאָן אַרויפצוּוואַרפן, האָבן זיך פייכטע פלעקן פון שוויס אונטער זייערע אָרעמס באַוויזן. אַביסל אַרויפצו, נעבן אַ גרויסער קופּע שטיינער, זיינען שוין געשטאַנען צוויי פול־אָנגעלאָדענע וואַגאָנעס — אויך זייער אַרבעט. פון דער צווייטער זייט קופּע, איז געשטאַנען שמועל און שוין אָפּגענומען דאָס לעצטע פורל שטיינער. דער פּויער האָט אָנגעהויבן אָפּצוּוואַרפן די שטיינער און שמועל איז צוגעגאַנגען צו די שקאָצים.

— גיכער, גיכער קינדער, ס׳איז באַלד נאַכט — האָט ער אונטערגעטריבן.

פלוצלינג האָבן זיך שווערע באַן־„זוואָנקעס" איבער דער לופט צעטראָגן. אין אַ ווײַלע אַרום איז פון דער סטאַנציע געקומען צו־לויפן אַ באַן־וועכטער און נאָך פון דער ווײַטנס געגומען שרײַען:

— הער שמועל, פּאַרטיק?

— צאַ טאַ? — האָט שמועל געפרעגט.

— ניץ, מיט דער באַן וועט מען צונעמען די וואַגאָנעס, — האָט דער וועכטער געענטפערט צוקומענדיק נעענטער.

מיט וועלכער? — האָט שמועל געפרעגט.

— מיט דער וואָס איז ערשט אַרויסגעגאַנגען.

— מיט דער וואָס איז ערשט אַרויסגעגאַנגען? — האָט שמועל איבערגעפרעגט און אָנגעקוקט.

— טאַק, טאַק פּאַניע שמועל, מיט דער וואָס איז ערשט אַרויס־געגאַנגען, — האָט אים דער וועכטער פאַרזיכערט.

— ווער האָט אַזוי געזאָגט?

— נאַצעלניק.

— וועלכער?

— זאָוואָדאָווצא.

— אָ'וואָווא... — האָט שמועל געסמאַקעוועט און זיך אַזש אָנגעהויבן צו קראַצן אין קאָפּ — וואָס טוט מען זיך פאַר אַן אייצע?

ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג וועלנדיק לויפן צו דער סטאַנציע בעטן דעם נאַטשאַלניק ער זאָל נאָך אַצינד די וואַגאָנעס ניט צו־נעמען.

ער האָט זיך אָבער צוריק אַ כאַפּ געטאָן און אַ צעטראָגענער געגעבן אַ שפּרייט אויס די הענט, אַרײַנכאַפּנדיק דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען.

— כ'האָב ניט קיין לאַדאָווטשיקעס... — האָט ער אַ ווייז גע־טאָן אַף די שקאָצים — געהייסן אָפּטשעפּן דרײַ וואַגאָנעס און געקומען זײַנען נאָר צוויי כלאָפּעס. נאָר וואָס אָנגעהויבן דעם דריטן וואַגאָן...

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אָנגעהויבן צו לויפן. ער איז אָפּגעלאָפן אַ שטיקל וועג און אַ גליקלעכער געדאַנק איז אים אײַנגע־פאַלן: איידער צו גיין צו דער סטאַנציע און האָבן צו טאָן מיט דעם קיילעוו — ווערט ער געשעדיקט... — וועט ער בעסער אַרײַנלויפן אין שטוב אַרײַן אַרויסרופן די אײַנגלעך. וואָס אי'?... און אַלע

װעלן זיך געבן אַ נעם — ער אַלײן װעט אױך צוהעלפֿן... און ער האָט באַרעכנט אַז די באַן איז ערשט אַרױסגעגאַנגען, װעט נאָך דױערן אַ גוטע שעה ביז זי װעט אָנקומען. אונטערן באַרג אַלײן שלעפּט זי זיך אָפּ עפּשער אַ האַלבע שעה. מײלע, אױך די אײגענע מײסע, — האָט ער זיך געטראַכט, — בעטן דעם נאַטשאַלניק, װעט ער דאָך ניט פֿאַרשפּעטיקן דערנאָך אױך, װען ער װעט זען אַז מען דױנזשעט ניט.

און ער האָט זיך אָנגעקערעװעט אַהײם.

אין אַ װײלע אַרום איז ער געקומען צולױפֿן מיט די צװײ אינגלעך זײנע און באַלד זײנען אַלע דרײ געשטאַנען אין די בלױזע העמד־אַרבל און גלײך מיט די גאָיעם דעם װאַגאָן געגרוזעװעט. פֿון די דרײ אידן װאָס זײנען צו דער אַרבעט נישט געװאױנט געװען, איז גערונען דער שװײס און די העמדער האָבן צו זײערע לײבער געקלעפּט און שמועל האָט אַלץ אונטערגעטריבן: גיכער, גיכער! פּרענדזעי, פּרענדזעי! און אָפּן װאַגאָן אַרױף איז געפֿלױגן אַ האָגל שטײנער מיט אַ הילכיק קנאַקעריי אַזױ, אַז די גאָיעם האָבן זיך אַזש צעלאַכט: האַ, האַ, פֿאַבריקאַ אידזשע...

דערװײל האָט זיך שױן אָנגעהױבן אָנצורוקן די נאַכט, די לופֿט איז געװאָרן אַלץ קילער און אַ פֿרישער געשמאַק פֿון סאָסנעס און געװיקסן האָט זיך שױן פֿון די אַרומיקע פֿעלדער און װעלדער געטראָגן. באַלד האָט זיך אױף יענער בודקע דעם װעקסלערס טרובקע דערהערט. די באַן איז שױן צוגעגאַנגען צו דער סטאַנציע מיט אַ הילכיק געריש אַזױ אַז די גאַנצע שטילע פֿאַרנאַכטיקע לופֿט אַרום און אַרום האָט זיך אָפּגערופֿן מיט אַ מוירעדיק רױשן. דאָס רױשן איז געװאָרן שװאַכער און עס האָט זיך דערהערט אַ ציק, ציק, ציק, װאָס איז געװאָרן אַלץ לאַנגזאַמער און לאַנגזאַמער און באַלד האָט זיך באַװיזן דער לאָקאָמאָטיװ מיט די ברענענדיקע אױגן פֿאַרױס...

— גיכער, גיכער אױסגלײכן דעם װאַגאָן — האָט שמועל געשריען.

די שקאָצים זײנען אַרױף אָפּן װאַגאָן און אָנגעהױבן פֿאַנאַנדערװאַרפֿן די שטײנער אױף אַלע זײטן.

שמועל האָט אױף זיך געכאַפּט דאָס כאַלאַט און געלאָפֿן צו דער סטאַנציע מאַכן די פּראַכטן.

אַהיימגעקומען, האָט שמועל שוין געטראָפן די שקאָצים באַ זיך אין שטוב. זיי זיינען געזעסן באַם טיש מיט די מאַרענאַרקעס אָנגעהאָנגען אַף די פּלייצעס און געגעסן מיט אַפּעטיט, דער — אַ פונט „פּלאַצעק" און דער — אַ פונט „פּלאַצעק", געביסן פון די גאַנצע שטיקער און נאָכגעזופּט מיט קוואַס.

— נו, וויפל קומט אייך? — האָט שמועל געפרעגט.

די שקאָצים האָבן אַ ווײַלע אויפגעהערט צו עסן און אים אָנגעקוקט.

— נאָ ניעוויע פּאַן? — האָבן זיי געפרעגט.

— צען גילדן — האָט שמועל גערעכנט — און וויפל גייט אַראָפּ? — האָט ער געפרעגט, אָנווייזנדיק אַפן ברויט מיטן קוואַס וואָס זיי האָבן געגעסן.

— טאַטע — האָט אים דער קליינער אינגל אָנגעכאַפּט באַם אַרבל — דו גייסט זיי באַצאָלן פאַר די גאַנצע דריי וואָגאָנעס? — האָט ער געפרעגט מיט אַ יונג, כיטרע קעלכל, קוקנדיק אים אין פּאָנים אַריין. — אַף מיין וואָרט, ווי אונדז האָבן אָנגעלאָדעוועט אַסאַך מער ווי זיי. אונדז האָבן פון זיך אַרויסגעיאָגט די נעשאָמע און זיי האָבן זיך קוים גערירט. האָסט געזען ווי אַזוי זיי האָבן זיך גערירט, אַרן? — האָט ער זיך געווענדט צום ברודער.

— נו, אויך מיין דייגע, גיי מאַך אַ געשעפט מיט אַריילים... — האָט שמועל געענטפערט.

שפּעטער האָט שמועל געפרעגט די אינגלעך צי זיי וואָלטן זיך געקאָנט אונטערנעמען איבערן טאָג אָנצולאָדעוועןאַ וואַגאָן שטיינער. די אינגלעך האָבן געענטפערט: יאָ, נאָר דער האַלבער רובל זאָל געהערן צו זיי.

בריינדל, שמועלס ווייב, האָט אַפילע געשריען ער זאָל זיך ניט פאַרדרייען קיין קאָפּ, נאָר שמועל האָט געענטפערט:

— וואָס אי'?... כ'זאָל מיר טאַקע קאָנען איינבערענגען יעדע וואָך אַ פּאָר רובל... — — —

און באַלד צומאָרגנס האָט ער געהייסן אָפּטשעפּען אַ באַזונדערן וואַגאָן פֿאַר די אינגלעך.

די אינגלעך זיינען אַרויס אָפּן פּלאַץ גאַנץ פרי, דאָך האָבן זיי שוין געטראָפן אָפּן פּלאַץ די שקאָצים. זיי זיינען שוין געשטאַנען אויסגעטאָן אָן די מאַרינאַרקעס און געגרוזעוועט זייערע וואַגאָנעס.

דער וואַגאָן פֿון די אינגלעך איז געשטאַנען אָפּגערוקט פֿון די שטיינער, נעענטער צו די קאַזיאָנע פּלעצער וואו עס ליגן אַלטע שפּאָלן (באַן־שוועלער) אָנגעלייגט. די אינגלעך זיינען צו צום וואַגאָן און אים געוואָלט צושטופּען צו די שטיינער, נאָר דער וואַגאָן האָט זיך ניט געוואָלט רירן פֿון אָרט.

די שקאָצים האָבן אַ ווײַלע אויפֿגעהערט צו אַרבעטן און זיך צוגעקוקט צו די אינגלעך ווי זיי שטופּען דעם וואַגאָן.

— נאָ, נאָ, — האָבן זיי געהאָלפן קרעכצן און געלאַכט.

די אינגלעך זיינען אָפּגעטראָטן פֿון וואַגאָן און געקוקט אָף די שקאָצים מיט בעטנדיקע בליקן ווי זיי וואָלטן וועלן זאָגן: העלפט אונדז צו...

— נו. פֿאַרוואָס האָט איר ניט צוגעשטופּט? — האָבן די שקאָצים געלאַכט.

די אינגלעך זיינען נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען און אַהיימגעגאַנגען.

באַלד זיינען זיי צוריקגעקומען מיטן פֿאָטער.

אַלע דריי זיינען צו צום וואַגאָן און אים גערירט פֿון אָרט.

דער וואַגאָן איז זיך לאַנגזאַם אַוועק צו די שטיינער און אַלע האָבן אָפּגעלאָזט די הענט.

ער איז צו צו דער ערשטער קופּע און זיך ווייטער געגאַנגען.

שמועל האָט געכאַפּט אַ שטיין און אַרונטערגעוואָרפן אונטערן ראָד.

דער וואַגאָן האָט אַ טרעשטש געטאָן, צערייבנדיק הינטער זיך דעם שטיין און זיך אָפּגעשטעלט.

די אינגלעך האָבן פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפן די כאַלאַטלעך און זיך גענומען צו דער אַרבעט. שמועל האָט זיך אומגעקערט אַהיים.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך שוין באַוויזן אַ פֿויער מיט אַ פּירל שטיינער.

— האָ, האָ, און די אידן לאָדעווען שוין שטיינער? — האָט זיך דער פויער געכידעשט. — וואו איז דער טאַטע, אידלעך? — האָט ער געפרעגט.

די שקאָצים האָבן געענטפערט פאַר די אינגלעך מיט זייער אַ גראָב וואָרט און זיך צעלאַכט...

דער פויער האָט זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעגאַנגען נאָך שמועלן קנאַקנדיק מיט דער בייטש אין דער לופט.

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט שמועלן.

שמועל האָט אָפּגענומען דאָס פורל שטיינער און צוגעגאַנגען צו די אינגלעך.

— וואָס הערט זיך? — האָט ער געפרעגט.

— אָ, די שקאָצים האָבן שוין מער, — האָט ער באַמערקט.

— נו, זיי האָבן דאָך אָנגעהויבן פריער, — האָבן זיך די אינגלעך פאַרענטפערט.

די זון האָט זיך דערווייל אַרויפגערוקט הויך אַפן הימל און אָנגעהויבן צו באַקן מיט אַ טרוקענער הייסער היץ. דער הימל איז געווען לויטער און קלאָר און ס'איז קאָנטיק געווען, אַז ס'וועט זיין אַ זייער הייסער טאָג. פון די אינגלעך איז גערונען דער שווייס און די העמדער האָבן צו זייערע לייבער געקלעפּט. זיי האָבן זיך געאיילט, געוואָלט אויסקומען גלייך מיט די שקאָצים און דאָס האָט זיי זייער אָפּגעמאַטערט. זיי האָבן אַלע ווײַלע מיט די עלנבויגנס דעם שווייס פון שטערן זיך אַ וויש געטאָן און פון צייט צו צייט זיך געמוזט אָפּשטעלן אַף אַ ווײַלע אָפּרוען. די שקאָצים האָבן געאַרבעט גאַנץ געלאַסן, ניט געאיילט, (אַ גאָי איילט זיך ניט) נאָר דערפאַר אָן אָפּשטעל, און די שטיינער אַף זייערע וואָגאָנעס זיינען געוואָקסן ווי אַף הייוען. שמועל איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט — אַ ווײַלע אַף די שקאָצים און אַ ווײַלע אַף די אינגלעך און ער האָט מיטאַמאָל דערזען דעם געוואַלדיקן אונטערשייד פון די צוויי מינים אַרבעטאָרערס זיינע: די שקאָצים — ווי גרויס, ווי געזונט, ווי רויט, ווי געלאַסן און ווי לייכט זיי באַוועגן זיך, און די אינגלעך — ווי קליין, ווי דאַר, ווי בלאַס. און עפּעס מאָדנע איז אים אויסגעקומען דאָס שנעלע אָנגעשטרענגטע באַוועגן זייערס, און דאָס אָנכאַפּן פון די שווערע שטיינער מיט די קליינע, דאַרע הענטלעך זייערע... אין זיין האַרץ האָט עפּעס אויפ־

געוואַכט אַ מאָדנער געפיל; ע ר האָט אויסגעטאָן דאָס כאַלאַטל און זיי אָנגעהויבן צוצוהעלפן...

די אינגלעך האָבן אויפגעלעבט; עס האָט זיך זיי אויסגע־דוכט ווי אַט, אָט שטייגן זיי איבער די שקאָצים...

דערוויל האָט זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן איין פורל שטיינער נאָכן צווייטן, און יעדער פרישער פויער וואָס איז צוגעקומען האָט זיך געכידעשט:

— האַ, האַ, אי זידי יוס לאַדויאַן קאָמיעני?

עס האָט זיך דערהערט פון דער סטאַנציע אַ דריטער זוואָנאָק. שמועל האָט אַף זיך געכאַפּט דאָס כאַלאַטל.

— וואו גייסטו? — האָבן די אינגלעך געפרעגט.

— די „אָסטאָבאָווע" באַן גייט אַוועק... — האָט שמועל גע־שטאַמלט — עפשער פאַרט אַ היימישער, פאַסט ניט...

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אָן אַ זייט.

די באַן איז דורכגעלאָפן מיט שטורעם, פון די פענצטערלעך האָבן אַרויסגעקוקט פאַרשיידענע קעפּ.

שמועל איז צוריק צוגעקומען צו די אינגלעך, אויסגעטאָן דאָס כאַלאַטל און זיי ווייטער אָנגעהויבן צוצוהעלפן.

דער טאָג האָט זיך געריקט און ס'איז אָנגעקומען די מיטאָג־שאָ. די זון איז שוין געשטאַנען טיף אין הימל און אַראָפּגעקוקט מיט אַ גאָלדענער, בלענדענדיקער ליכטיקייט און געבאַקן מיט אַ טרוקענער היץ, אַזוי אַז אַלץ איז געשטאַנען פאַרשמאַכט אונטער אירע גליענדיקע שטראַלן וואָס האָבן זיך גאַנצע בונטנווייז פון הימל אַראָפּגעשאָטן, און קיין זאַך האָט פון זיך קיין פּיצל שאָטן ניט אָפּגעשלאָגן, ווי אַלץ וואָלט דאָס באַהאַלטן אין זיך...

די שקאָצים האָבן אַוועקגעלייגט די אַרבעט, אַף זיך אָנגעהאַנגען די מאַרענאַרקעס און אַרונטערגעקראָכן אונטער די וואַגאָנעס — די איינציקע ערטער וואו עס זיינען יאָ קליינע שטיקלעך שאָטנס גע־לעגן. זיי האָבן אויפגעפּאַקט די פּעקלעך עסן וואָס זיי האָבן געהאַט אונטער די וואַגאָנעס און זיך גענומען צום „אָביאַד".

שמועל האָט געיאָגט די אינגלעך זיי זאָלן אַהיימגיין דאַוונען.

— אַריילים... — האָט ער אָנגעוויזן אַף די שקאַצים — פּרעסן שוין דאָס צווייטע מאָל... דערפאַר האָט עס טאַקע קויעך צו אַרבעטן.

די דריי אידן האָבן אַף זיך גענומען די כאַלאַטלעך און אַהיימגעגאַנגען דאַוונען.

אַפן פּלאַץ איז געוואָרן שטיל. די זון האָט געבאַקן און געשאָטן בונטן שטראַלן. די שקאַצים זיינען געזעסן אונטער די וואַגאָנעס, געגעסן און עפּעס גערעדט...

די אינגלעך זיינען שוין צוריקגעקומען. אַף זייערע פּענימער איז אויסגעגאָסן אַ פרישקייט און אַ מונטערקייט. די שקאַצים ליגן אויסגעצויגן אונטער די וואַגאָנעס מיט די פּענימער אַראָפּ און מיט דעם „זייט מיר מויכל" אַרויף און שנאָרכען...

די אינגלעך וואַרפן פון זיך פלינק אַראָפּ די כאַלאַטלעך און נעמען זיך צו דער אַרבעט.

און עפּעס ארבעט זיך זיי איצט אזוי לייכט, אזוי פלינק, אזוי אָן אָנשטרענגונג, אַז זיי פילן גאָרנישט ווי די שטיינער פליען זיי פון די הענט, ווי די היץ באַקט זיי אין די קעפּ און ווי דער שוויס רינט זיי איבער די גאָמבעס...

פונדערווייטנס האָט זיך שוין אויך באַוויזן שמועל. ער איז געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע, שווערע טריט און קוים די פיס נאָכגעשלעפּט. ער איז צוגעקומען צו די אינגלעך און געזאָגט:

— די היץ איז סאַקאָנעס־נעפאָשעס...

פון דערווייטנס האָט זיך באַוויזן אַ פויער מיט אַ פורל שטיינער. שמועל איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען. באַלד האָט זיך באַוויזן אַ צווייטער פויער און אַ דריטער און שמועל האָט מער ניט געהאַט קיין צייט צוצוהעלפן די אינגלעך. אויך האָבן זיי שוין ניט גענויטיקט זיך אין קיינעמס הילף. זיי האָבן איצט אין זיך געפילט אַ קויעך ניט נאָר איין וואַגאָן, נאָר אַפילו דריי אַנצולאָדעוועז.

פלוצלונג האָט זיך פון ערגעץ־וואו דערהערט אַ פאַרשלאָפענער, הייזעריקער מרוקען: — טע, סטאַוואַי! און באַלד האָבן זיך די שקאַצים פון אונטער די וואַגאָנעס באַוויזן.

די אינגלעך האָבן עפּעס דערפילט ווי אַ הויז וואָלט אַף זיי אַרויפגעפאַלן...

פּאַרנאַכט־צו. שמועל שטייט

שוין ווידער אויסגעטאָן, אָן כאַלאַטל, און העלפט שוין ווייטער די אינגלעך.

פונדערווייטנס האָט זיך באַוויזן דער נאַטשאַלניק מיט דעם רויטן קודלאָוואַטן הונט זיינעם. ער איז זיך געגאַנגען טריט באַ טריט, די הענט פאַרלייגט אַרונטער, די צוויי שורעס קנעפּ פון ווייסן מונדיר, האָבן געבלאַשקעט קעגן דער רויטער אונטערגייענדיקער זון. דער הונט איז זיך געגאַנגען פאָרויס, מיטן ווידל פאַרדרייט אַרויף, באַוועגנדיק מיטן פעטן קערפּער און טרייסלנדיק מיטן ווידל. שמועל איז געשטאַנען פאַרדרייט מיטן רוקן און גאַרנישט באַמערקט. דער נאַטשאַלניק איז צוגעקומען גאַנץ נאָענט און זיך אָפּגעשטעלט.

— צאָ טאָ, — האָט ער זיך געוואונדערט, — אי סאַם קופּיעץ יוש לאַדויע קאַמינע?*)

שמועל האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און זיך אומגעקוקט.

— ע, כלאָפּאַקי לאַדויאָן...**) — האָט ער פאַרלעגן געשמייכלט, אַ מאַך טוענדיק מיטן קאָפּ — פּאַמאַגאַם כלאָפּאַקי...***) — האָט ער געשטאַמלט, זוכנדיק מיט די אויגן דאָס כאַלאַטל.

דער נאַטשאַלניק איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען אָפּן פלאַנט שפּאַצירן.

די שקאָצים האָבן דערווייל געענדיקט די אַרבעט. זיי האָבן אַף זיך אָנגעהאָנגען די מאַרענאַרקעס און צוגעקומען צו שמועלן:

— אַלע דריי און נאָך אַלץ ניט אָנגעלאָדן? — האָבן זיי זיך געכידעשט.

— העלפט צו, העלפט צו, קינדער, איר וועט קריגן אַף פּאַפּי־ראָסן — האָט שמועל געבעטן.

---

*) וואָס איז דאָס, דער סוחר אַליין לאָדעוועט שוין אויך?

**) ע, די אינגלעך לאָדעוועט...

***) כ׳העלף צו די אינגלעך...

— נע פּאָמאַגאַי, — האָט אײנער אַ שטורך געטאָן דעם צװײטן מיטן עלנבויגן.

— באַ יאַ װיעם, — האָט יענער געענטפערט אַראָפּנעמענדיק פון זיך די מאַרענאַרקע.

דער צװײטער שײגעץ האָט זיך אַ װײלע צוגעקוקט װי זײ גרו־זעװען דעם װאַגאָן, און ענדלעך, עפּעס װי אָן זײן װילן, אויך פון זיך די מאַרענאַרקע אַראָפּגענומען און אויך אָנגעהויבן צוצוהעלפן.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און דער װאַגאָן איז פּאַרטיק גע־װאָרן. די אינגלעך זײנען אַהײמגעגאַנגען מיד און צעבראָכן. ס׳איז שוין געװען טונקל. אַפן װעג האָבן זײ פאַנאַנדערגעשפּילעט די װעסט־לעך, אויפגעמאַכט די העמדער — פון זײערע לײבער האָט זיך גע־שפּירט אַ שלעכטער גערוך פון שװײס און אַ לײכט, ליב װינטעלע האָט זײ געגלעט אַף די הערצער, געקיצלט און דערקװיקט באַ דער נעשאָמע . . .

װען שמועל איז אַהײמגעקומען, האָט ער געטראָפן זיצן די אינג־לעך מיד און פאַרשװיצט מיט די אָנגעהאָרעװעטע שמוציקע הענט אָנמעכטיק אַפן טיש אָפּגעלאָזט. ער האָט זיך גאָרניט װיסנדיק גע־מאַכט און געשװיגן — מער װעט ער שוין אַזאַ נאַרישקײט ניט טאָן...

דער שפּאַל

3

אַ געשמאַקער רייעך פון פריש געבעקס, פאַרמישט מיט אַ קיל ווינטעלע וואָס האָט דורכן אָפענעם פענצטער אַריינגעווייט, האָט זיך איבער דער שטוב געטראָגן. דאָס איז געווען איינמאָל אין אַ אָוונט. די נאַכט איז נאַרוואָס געהאָט צוגעפאַלן. אין שטוב האָט שוין געברענט אַ לאָמפּ, וואָס האָט געוואָרפן אויף די ווענט אַ טונקעלן שיין, נאָר דורכן אָפענעם פענצטער האָט נאָך אַריינגעקוקט אַ בלייך שטיק הימל אין וועלכן ס׳האָט זיך ערשט וואו־ניט־וואו אַ קוים בלישטשנדיק שטערנדל געוויזן. אין שטוב איז געווען שטיל. די אינגלעך האָבן געשפּילט אין „דאָמינעס" און דאָס עלטערע מיידל האָט פאַר אַ גאַיע מעל געוואויגן. פון קיך האָט אַריינגעקוקט אַ טונקל פייערל פון אַ פאַררויכערט לעמפל וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אַלט, פאַרקאַפּעט אויג אין אַ פינצטער, איינגעשרומפּן פּאָנים. אין קיך האָט עמיץ געמוזט זיין: עס האָט זיך דאָרט געהערט אַ קלאַפּן, אַ רודערן, און אַלע ווילע איז אַ שטעקן פון אַ לאָפּעטע פאַר דער טיר פאַרבייגעשוועבט. פלוצלונג זיינען די צוויי שקאָצים, וואָס גרוזעווען די שטיינער, אין שטוב אַריינגעפאַלן.

— דאָברי וויעטשור! — האָבן זיי אויסגעשריען.

באַלד איז אויך שמועל נאָכגעקומען. ער איז אַרונטער אונטערן בופעטל און זיי געפרעגט וואָס עס קומט זיי. די שקאָצים האָבן אים געזאָגט און ער האָט זיך גענומען צו דער קעשענע און זיי אָנגעהויבן אויסצאָלן.

אין דער טיר פון קיך האָט זיך באַוויזן ברײַנדל, דאָס ווייב שמועלס. דאָס פּאָנים איז איר געווען עטוואָס פאַרפלאָמט, דאָס בלוזקעלע —

ערטערוויז פֿאַרמעליקט. זי האָט דאָס פֿאַרטוך צו דער נאָז דער־הויבן און אַריינגעשנייצט דערינען.

— זאָג נאַר, הער נאַר, — האָט זי זיך געווענדט צום מאַן — וואָלסט שוין געמאַגט זאָגן ר׳ מוישעס „מענטש״ ער זאָל שיקן אַ פֿורל האָלץ.

שמועל האָט זיך אומגעקוקט.

— וואָס זאָגסטו? — האָט ער געפֿרעגט.

— כ׳זאָג: וואָלסט שוין געמאָגט הייסן ברענגען אַ פֿערטל האָלץ.

— האָסט שוין ניט קיין האָלץ? — ער האָט זי אָנגעקוקט.

— אַוואַדע. כ׳ווייס, עפּשער וועט נאָך זיין אַף אַ צוויי־דריי מאָל.

— אַוואַוואַ, — האָט שמועל געסמאַקעוועט, — כ׳האָב דאָך נאָך פֿאַר יענעם ניט באַצאָלט...

צומאָרגנס אַפֿדערנאַכט איז ברײַנדל ווידער אַריינגעקומען און אים געפֿרעגט:

— נו, האָסט באַשטעלט אַ פֿערטל האָלץ?

— יאָ, באַשטעלט, ווי אַזוי?...

— אַ שיין געשעפֿט, — האָט אים ברײַנדל געזאָגט, — וואָס וועט זיין?

— כ׳זאָל אַזוי וויסן פֿון שלעכטס, זאָל איך אַזוי וויסן...

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ברײַנדל ווידער אַריינגעקומען, פֿריער מיט אַן אויסרייד, אים געפֿרעגט וואָס עס הערט זיך אַפֿן פּלאַץ, ווי די „וואָזשבע״ גייט, דערנאָך אַרויסגעקומען אַף דעם וואָס זי האָט געוואָלט:

— און דעם כויוו ר׳ מוישען האָסטו נאָך טאַקע ניט אָוועקגע־געבן?

שמועל האָט איר גאָרנישט געענטפֿערט...

ברײַנדל האָט זיך מער ניט געפֿרעגט און זיך אומגעקערט אין קיך אַריין...

פֿרײַטיק צו די כאַלעס האָט זי דאָס לעצטע שייטל האָלץ פֿאַר־ברענט.

שאַבעס צונאַכטס נאָך דער האַוודאָלע האָט ברײַנדל גענומען דאָס לעמפּל אין האַנט אַרײַן און זיך גענומען אַרומפּאָרען אין אַלע װינקעלעך, זוכן מיט װאָס דעם אױװן אױסצוהײצן. זי איז אַרײַן אין קעמערל, געזוכט אַפֿן פּיעקעליק, אַרײַנגעקוקט אין אױװן . . . איבער דער שטוב איז געװען אױסגעגאָסן אַ שװערע װאָכעדיקע טרױעריקײט. די טיר האָט געסקריפּעט און קױנים האָבן זיך שױן געדרײט אַרײַן און אַרױס. דאָס זײַנען געװען מערסטנס גאָיעס מיט לײמענע באַנקעלעך נאָך נאַפֿט. שמועל איז אַרײַנגעקומען פֿון צװײטן צימער נאָך מיט אַ שטילע שאַבעסדיקע רואיקײט אַפֿן פּאָנעם און זיך אונטערגעזונגען „האַמאַװדל״. ער האָט באַמערקט װי ברײַנדל פּאָרעט זיך אַרום מיטן לעמפּל װי צו בעדיקאָס כאָמעץ, האָט ער פּאַמעלעך פֿון זיך אַראָפּגענומען דעם גאַרטל, שװײַגנדיק אַרונטערגעגאַנגען אונטערן בופֿעטל, פֿון דאָרט אַרױסגענומען אַן אַפֿן פּעקל טיטון מיט אַ פּור־דעלע גילזן און זיך גענומען מאַכן אַ פּאַפּיראָס. איבערן פּאָנעם איז אים דורכגעלאָפֿן אַ צוק פֿון אַ שטילן, פֿאַרבאָרגענעם צאַר; מאָרגן — טראַכט ער — איז זונטיק; זי װאָלט אָפּגעבאַקן דאָס ביסל געבעקס, װאָלט זי עס פּאַרצוקערט, און דאָ איז נישטאָ מיט װאָס. אַ . . . — קרעכצט ער, און ער דערמאָנט זיך װי אַפֿן פּלאַץ, דאָ באַלד אין דעם עק, ליגן אָנגעלײגט אַלטע שפּאָלן װאָס דער גאַנצער „רעמאָנט״ ניצט אַף ברען־האָלץ, און װי טאָװרינסקי — אַן אָפּגע־זאָגטער באַן־װעכטער — איז זיך צוגעגאַנגען פראַנק און פרײ אין מיטן העלן טאָג און זיך גענומען אַ שפּאָל אַפֿן אַקסל און איז אַװעק געגאַנגען; — — —

ער האָט אָװעקגעשטעלט דעם טיטון מיט די גילזן און גע־גאַנגען אין אַלקער אַרײַן צום ליכט װאָס איז געבליבן ברענען נאָך דער האַװדאָלע, פֿאַררױכערן דעם פּאַפּיראָס.

שפּעט באַנאַכט, װען קײנער איז שױן אין געװעלב ניט אַרײַנגעקומען, האָט אין שטוב געהערשט אַ מאָדנער שװײַגן. דאָס עלטערע מײדל איז געזעסן אונטערן בור־

פעטל מיט אַ האַנט אונטערגעשפּאַרט אונטערן קאָפּ און ווי מיט אַ פאַרביסענער אַקשאָנעס געקוקט מיט אַן אומעטיק־פאַרטראַכטן בליק אַף איין פונקט אַף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט. ברײנדל איז שווײַגנדיק געגאַנגען אין אַלקער אַרײַן און זיך אַנגעלענט אַפן בעט, און שמועל האָט שטום די לאַדנס פאַרמאַכט, און נאָכדעם גע־רופן מיט אַ טרויעריק קאָל, אין דער צווייטער שטוב אַרײַן, וואָס האָט מאָדנע אין דער שטילקייט אָפּגעקלונגען:

— אָרן, אָרן!

אַף דער שוועל פון אַלקער האָט זיך באַוויזן דאָס עלטערע אינגל און געפרעגט:

— וואָס ווילסטו?

— קום נאָר . . . — האָט שמועל צו אים אַ ווינק געטאָן.

דאָס אינגל איז אים נאָכגעגאַנגען און ביידע זיינען אַרויס פון שטוב. די טיר האָט זיך פאַרקלאַפּט און די שטוב איז אין אַ שטיל־קייט פאַרגליווערט געוואָרן.

— ווער איז עס דאָרט? האָט ברײנדל געפרעגט מיט אַן אור־מעטיקן קאָל פון פינצטערן אַלקער אַרויס.

דאָס מיידל האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ און געענטפערט:

— קיינער נישט.

— דאַכט זיך, ס׳איז ווער אַרײַנגעקומען?

— ס׳איז קיינער נישט אַרײַנגעקומען. דער טאַטע איז אַרויס־געגאַנגען.

— דער טאַטע? — — — — וואו איז ער עפּעס געגאַנגען אַזוי שפּעט?

— כ׳ווייס?

— זי ווייס ניט... האָסט שוין געהערט: זי ווייס ניט? ביסט ניט אין שטוב?...

דאָס מיידל ענטפערט ניט.

— ווי אַ טאָם זיצט זי . . . מען קאָן דאָס גאַנצע הויז אַרויס־טראָגן זי זאָל נישט אָנהויבן צו וויסן.

— קאָן מען. לאָמיך אָפּ. — ענטפערט דאָס מיידל אומגע־דולדיק.

ברײַנדל שװײַגט אַ װײַלע און פֿרעגט װײַטער:

— אַלײן איז ער געגאַנגען?

— מיט אַרבען.

— האָסט שױן געהערט מען זאָל זיצן אין אַ שטוב און מ'זאָל נישט אָנהױבן צו װיסן װאָס עס טוט זיך?

— כ'װײס נישט. װאָס װילסטו פֿון מיר? . . .

ברײַנדל שװײַגט, און אין אַ װײַלע אַרום פֿרעגט זי װײַטער:

— נו, װאו, זאָלסט מיר לעבן, האָט ער געקאָנט גײן אַזױ שפּעט באַנאַכט? . . .

דאָס מײדל ענטפֿערט נישט.

ברײַנדל פֿרעגט נישט מער, און די שטוב װערט אײן אַ שװערע שטילקײט פֿאַרגליװערט.

אין דרױסן שטײט אַן אױסגעשטערנטע נאַכט. דאָס דאָרף דרעמלט שױן געמיטלעך־שטיל, מיט אױסגעלאָשענע פֿענצטערלעך אין די קלײנע הײַזלעך װאָס טוליען זיך װי דערשראָקן מיט די שטרױענע דעכלעך אײנס צום צװײטן. ערגעץ װײַט אױפֿן דאָרף הערט זיך אַ הונט בילן . . . פֿון ערגעץ־װאו טראָגן זיך אױפֿן הימל װאָלקענדלעך אָן און עס בלאָזט אַ װינטל. דאָס װינטל דערהױבט פֿון צײַט צו צײַט אַ שטױב און פֿאַרטראָגט אים װײַט אױפֿן פֿלאַץ אַװעק. אױפֿן פֿלאַץ איז אַצינד שטיל, עס הערט זיך קײן שאָרך ניט. די פֿײערלעך באַ די װעקסלען ציטערן אַזױ שטיל װי זײ װאָלטן פֿאַר עפּעס מוירע האָבן, און דעם װעקסלערס בודקע קוקט מיט אַ ליכטיק־באַלױכטן פֿענצטערל אױפֿן פֿלאַץ אַרױס, װי ער װאָלט דעם פֿלאַצס שומער געװען. פֿון דערװײַטנס דערהערן זיך טריט און עס באַװײַזט זיך שמועל מיטן אינגל. זײ קוקן זיך אַרום אין אַלע זײַטן און גײען פּאַמעלעך צו צום ערשטן שטױס שפּאַלן. שמועל דערגרײכט אַ שפּאַל און שלעפּט אים פּאַמעלעך פֿון שטױס אַראָפּ. דער שפּאַל בלײַבט נאָך הענגען אױפֿן שטױס מיט אײן עק און ער רופֿט צו דעם אינגל. דאָס אינגל שטעלט אונטער דעם אַקסל און שמועל גיט נאָך עטװאָס אַ ציִ דעם שפּאַל און דער שפּאַל גיט זיך אַ לאָז אַראָפּ אױפֿן אינגלס אַקסל, אַזױ אַז ער גיט זיך

אַ וואָקל און לאָזט אים שיר ניט אַף דער ערד אַראָפּ.ביידע כאַפּן די הענט אונטער די באַקעס און נעמען גיין. די פּאָלעס קלאַפּן, פּאַטשן איבער די כאָלעוועס און זיי לויפן, לויפן לייכט ווי די פייגל. דאַך דערפילן זיי ווי דער שפּאָל הויבט זיי אָן וואָס אַמאָל צו ווערן שווערער. זיי ווערן באַגאָסן מיט אַ שווייס און הויבן אָן אונטער־צושפּרינגען. איצט פילן זיי שוין אָן אומדערטרעגלעכע שווערקייט. דער שפּאָל דריקט זיי אָפּ די אַקסלען און זעצט זיי צו דער ערד אַראָפּ. זיי לויפן אַריין אין וועלדל און דאָס אינגל שרייט אויס: „טאַטע, שטיי! איך לאָז אַראָפּ! . . . ” זיי שטעלן זיך אָפּ, לאָזן אַראָפּ דעם שפּאָל, רוען זיך אָפּ, הויבן אים צוריק אָפּן אַקסל אַרויף און לויפן ווייטער. זיי קומען צו צו דער שטוב און קלאַפּן אָן.

— ווער איז עס?

— איך. מאַך נאָר אויף . . .

די טיר עפנט זיך און ביידע שטופּן זיך אַריין אין שטוב מיטן שפּאָל.

דער טאַטע מיטן זון האָבן זיך

דעם שווייס אָפּגעווישט און דער טאַטע האָט זיך שוין גענומען דעם שפּאָל צו צעהאַקן.

פון יעדן זעץ, האָט דאָס הויז אַ ציטער געטאָן, אַזש די שויבן האָבן אָפּגעקלונגען . . .

בריינדל איז מיט אַ פאַרפּלאָנטע פּנים און דערשראָקענע אויגן פון בעט אויפגעשפּרונגען און אים באַ דער האַנט אָנגעכאַפּט:

— וואָס האָסטו געטאָן? . . . וואָס טוסטו? . . . דערבאַרעם דיך איבער מיר, מ׳הערט דאַך אָפּן גאַנצן דאָרף . . .

שמועל האָט איר אַ ווילדע אָנגעקוקט און זיך אַרויסגעריסן פון איר:

— כ׳בעט דיך זייער, טשעפּע דיך אָפּ פון מיר! . . .

בריינדל איז געשטאַנען און געציטערט ווי אַ פיש.

— גיי בעסער אַריין, ראָשטשינע, קנעט . . . — האָט שמועל געראַטן.

פון דעמאָלט אָן האָט מען באַ שמועלן נישט געניצט קיין אַנדער האָלץ כוץ שפּאָלן. דאָס האָלץ איז זייער טרוקן און פלאַמט ווי קין, נאָר ברײַנדל פלעגט זיך קיינ־מאָל ניט פאַרגינען קיין אויוון אויסצוהייצן, פלעגט זי אָפט אַרויסבאַ־קומען רוי געבעקס, באַ וועלכן זי פלעגט די גאַל אויסשפּייען און פילן דעם טאָם פון טויט אײדער זי פלעגט עס אָפּלייזן. יעדעס מאָל מאַכן דעם אויוון פלעגט פאַר איר זיין אַן אָפּקומעניש: דעמאָלט פלעגט זי דערפילן דעם גאַנצן שטאַנד צו וועלכן זי איז געקומען. יעדעס שטיקל האָלץ וואָס זי פלעגט אַף דער לאָפּעטע אַרויפלייגן אין אויוון אַרײַנצורוקן, פלעגט זי מיט טרערן באַגיסן. שמועל פלעגט אַמאָל אין קאַס ווערן און שרייען: „אַ מישלאַכעס, זעסטו, וואָס האָסטו צו קאַרגן מיין אַרבעט, וואָס?" נאָר ברײַנדל פלעגט אים גאָרנישט ענטפערן, זיך אויסדרייען אין א ווינקל, נעמען דאָס פאַרטוך צום פּאָנעם און זיך גוט, גוט אויסוויינען . . .

איינמאָל אין אַן אָוונט, האָט שמועל מיטן אינגל פון פלאַץ אַ שפּאַל געטראָגן. געווען איז עס אין אַ פינצטערער נאַכט. קיין הימל, קיין שטערן. אַלץ איז געווען ווי אין איין שוואַרץ שטיק צונויפגעגאָסן. די לופט איז געווען דיק, פייכט און שווער, און אַלץ איז געווען דורכגעווייקט פון רעגן. מיט איין וואָרט, איינע פון די זיכערסטע נעכט פאַר אַזאַ אַרבעט. זיי זיינען געלאָפן גאַנץ רואיק, געפּאַטשט אַף דער נאַסער ערד און זיך געשטעלט אַלע ווילע אָפּרוען. זיי זיינען אַריין אין וועלדל און זיך יעדע רעגע אַנגעשטויסן אָן אַ דורכגעווייקטן צווייג, וואָס האָט זיי יעדעס מאָל מיט אַ רעגן באַגאָסן. פלוצלונג האָבן זיי פון דער וויטנס דערזען אַ פייערל. דאָס פייערל האָט זיך געטוקט אין דער פינצטערניש און זיך גערוקט באַ דער סאַמער ערד. זיי האָבן נישט געטראַכט קיין סאַך, אַראָפּ פון דער „סטעזשקע" און אַריין צווישן די ביימער. אַ גאַס רעגן ,מיט דורכגעווייקטע, שטעכעדיקע צווייגן האָט זיי באַגעגנט און זיי פאַרשטעלט דעם וועג. דאָס פייערל האָט זיך דערנענטערט און מיט אַמאָל די סטעזשקע באַלויכטן. אַף

דער סטעזשקע איז אימיץ געגאַנגען מיט א לאַמטערנדל אין האַנט, אַן וועלכן ס׳איז גלייך געווען צו דערקאָנען קאַזלאָווסקין — אַ באַן־וועכטער. ער איז זיך געגאַנגען גאַנץ רואיק, געפּאַטשט מיט די שווערע שטיוול אַן דער נאַסער ערד און זיך אין ערגעץ נישט אומגעקוקט. פּלוצלונג האָט ער זיך עפּעס דערשראָקן, אויפגעהויבן דאָס לאַמטערנדל און זיך איינגעקוקט צווישן דיביימער. דאָס ליכט איז געפאַלן אַף שמועלן מיטן אינגל. ער האָט זיך גוט איינגעקוקט וואָס דאָ איז און עס האָט זיך אים עפּעס אַ מאָדנע־מין האַלב דער־שראָקן און האַלב פאַרוואונדערט געלעכטערל אַרויסגעקייקלט:

— האַ, האַ, שמולו!...

דער וועכטער איז זיך גאַנץ רואיק ווייטער זיין וועג אַוועק.

צומאָרגנס האָט זיך שמועל געשאַפן געלט, אָפּגעגעבן ר׳ מוישען דעם כויוו און זיך געהייסן אָפּשטעלן אַ פערטל האָלץ.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך שמועל מוירע געהאָט צו ווייזן אַף דער סטאַנציע, דער איקער איז אים ניט ניכע געווען זיך צונויפצוטרעפן מיט דעם וועכטער, מיט וועלכן ער האָט זיך דעמאָלט באַגעגנט. נאָר קיינער האָט אים גאָרנישט געפרעגט און אַלץ איז מיט דער צייט פאַרגעסן געוואָרן, און ווען עס האָט ווידער אויסגעפּעלט האָלץ האָט ער ווידער אָנגעהויבן פון דער סטאַנציע שפּאַלן צו נעמען . . .

געווען איז עס אין אַ שיינעם פרימאָרגן, באַלד נאָך פּייסעך. באַ שמועלן איז שוין געשטאַנען צעפּראַלט טיר און טויער און דער פרילינג האָט שוין אין שטוב אַריינגעשמייכלט . . . די זון האָט שוין געוואָרעמט און אין דער לופט האָט זיך געגאָסן אַ פריילעך פישטשעריי פון פייגל. אַלץ האָט שוין אָנגעהויבן צו ווערן גרין, און די גרויסע ביימער אַפן ברייטן

וועג האָבן שוין אָנגעהויבן באַהאַנגען צו ווערן מיט יונגע בלעטלעך... שמועלן איז עפּעס געווען זייער גוט אַפּן האַרץ און ער האָט זיך געאײַלט אַרויסצוגיין אַפּן פּלאַץ. ער האָט נאָר וואָס געהאַט אָפּגע־דאַוונט און אָנגעהויבן אָפּצולייגן דעם טאַלעס און טפילן און דאָס עלטערע מיידל האָט אים שוין צום טיש געגרייט. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אונטערן פענצטער אַ שמועס פון עטלעכע מענטשן, און עס האָבן זיך געזען פאַרבײַגיין דער „דאָזאָרצע" מיטן „סטאַרשע־רעבאַטשע" און צוויי זשאַנדאַרן. שמועל האָט זיך געכידעשט, אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן: זשאַנדאַרן? (אַף דער סטאַנציע זײַ־נען קיין זשאַנדאַרן ניטאָ). און עס האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ: צי מ׳גייט נישט אַמאָל צו אים? . . . און באַלד האָבן זיך אַלע טאַקע אין דער טיר באַוויזן.

— גוט מאָרגן, זילבערשטיין! — האָט דער דאָזאָרצע אויס־גערופן.

— גוט מאָרגן, גוט מאָרגן, פּאַניע — האָט אים שמועל גע־ענטפערט זייער פרײַנטלעך.

— ווייסטו, זילבערשטיין, נאָך וואָס מיר זײַנען געקומען צו דיר? מ׳זאָגט אַז דו נעמסט האָלץ אַף דער סטאַנציע, שפּאַלן, איז דאָס עמעס?

— עמעס, עמעס, פּאַניע . . . און דו גלויבסט עס?

— איך גלויב טאַקע נישט, אָט וועט מען זען. —

און ער האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן צו כעוורע און אַלע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער שטוב זוכן. אין אַ ווײַלע אַרום איז דער „סטאַרשע־רעבאַטשע" צוריקגעקומען פון קעמערל מיט אַ שטיק האָלץ וואָס האָט נאָך אַף זיך געטראָגן אַלע סימאָנים פון אַ געוועזענעם שפּאַל.

— און וואו האָסטו דאָס האָלץ גענומען? — האָט מען אים געפרעגט.

— דאָס האָלץ, פּאַניע . . . דאָס האָלץ . . . האָט שמועל גע־שטאַמלט — די אינגלעך זײַנען געגאַנגען אַפּן וועג —

— אַהאַ, די אינגלעך, — נו גוט! — האָט זיך אָנגערופן איין זשאַנדאַר מיט אַ גראָב קאָל.

און ער האָט אַרויסגענומען אַ נאָטיץ־ביכל און אים געפרעגט

ווי ער הייסט. שמועל האָט אים געזאָגט דעם נאָמען און דער זשאַנ־דאַר האָט אים געהייסן זיך גרייט מאַכן מיטצוגיין.

אין שטוב איז קיינער נישט געווען נאָר דאָס עלטערע מיידל. זי האָט אָנגעהויבן וויינען. שמועל האָט איר אַ זאָג געטאָן זי זאָל לויפן נאָך דער מאַמען, נאָר דאָס מיידל האָט געזאָגט, אַז זי ווייסט נישט וואו זי איז ,און דאָך אָף זיך געכאַפּט דאָס טיכל און געוואָלט לויפן, נאָר די זשאַנדאַרן האָבן ניט געוואָלט וואַרטן און מען האָט שמועלן פון שטוב אַרויסגעפירט.

דאָס מיידל איז אַרויס אין דרויסן מיט אַ געוויין, נאָר זי האָט האָט זיך באַלד אומגעקערט, מוירע האָבנדיק די שטוב צו לאָזן אַליין.

אָנגעקומען אַפן וואָקזאַל, האָט מען שמועלן צו אַ זייטיק ביידערל צוגעפירט און אָנגעהויבן אַ טיר אויפשליסן.

שמועל האָט דערזען דעם נאַטשאַלניק און זיך אַ לאָז געטאָן צו אים מיט די הענט פאָרויס:

— פּאַניע! . . . פּאַניע! . . .

— קודאַ! — האָט אים אַ זשאַנדאַר באַם אַקסל אָנגעכאַפּט. מען האָט אויפגעמאַכט די טיר און אים אַריינגעפירט אין צימערל. אונטער דער טיר האָט זיך אָנגעקליבן אַן אוילעם מענטשן און אַריינ־געקוקט דורכן שליסל־לאָך.

דער וועכטער, וואָס האָט דאַן געקערט דעם וואָקזאַל, האָט אַלעמען מיט דער באַרשט צעטריבן און אַליין דערוויל דורכן שליסל־לאָך אַ קוק געכאַפּט.

מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שווער, אָנקומענדיק גערויש. דער וואָקזאַל האָט אָנגעהויבן ציטערן און אַן ערשטער „זוואָנאָק״ האָט זיך דערהערט. אַלע פון וואָקזאַל האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין דרויסן אַרויס. עס איז אָנגעלאָפן אַ לאָקאָמאָטיוו מיט שטורעם, און וואַגאָנעס מיט אָפענע פענצטערלעך אָנגעשטאָפּט מיט קעפּ, קעפּ, קעפּ האָבן אָנגעהויבן פאַר די אויגן פאַרבייצושווימען.

די טיר פון צימערל האָט זיך אויפגעמאַכט און שמועל, צוזאַמען מיט דער גאַנצער כעוורע, זיינען פון צימערל אַרויסגעקומען. מ׳איז מיט אים אַרויס אַפן פּעראָן און אים געפירט צו די פאָדערשטע וואַ־גאָנעס.

אַפֿן פֿעראַן איז געווען אַ טומל. מענטשן זיינען געלאָפֿן ווי פֿאַרסאַמט, און זעענדיק ווי מ׳פֿירט אַ אידן, האָט מען פֿון אַלע פֿענצטערלעך אַרויסגעשריען:

— רעב איד, פֿאַרוואָס? . . .

שמועל איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעהאַנגענעם קאָפּ און זיך איינערגעץ נישט אומגעקוקט. און פּלוצלונג האָט זיך בריינדל אַפֿן פֿעראַן באַוויזן. זי איז געלאָפֿן מיט אַ פֿאַרפֿלאַמט פּאָנעם, די קופּקע פֿאַרדרייט, דאָס טיכל אַראָפּגעריסן פֿון די אַקסלען און געפֿינטלט מיט די אויגן אַף אַלע זייטן. זי האָט דערזען שמועלן ווי מען פֿירט אים דאָרט, אין יענעם עק, אין אַ וואַגאָן אריין. זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אים און פּלוצלונג זיך אומגעקערט און צו צום נאַטשאַלניק:

— פֿאַניע, פֿאַניע, העלף מיר . . . העלף מיר . . . — האָט זי מיט אַמאָל פֿון גאַנצן פּאָנעם אַ קנויל קנייטשן געמאַכט און געגעבן אַ וויין אַרויס מיט אַ פֿאַרשטיקט, צעשיטנדיק געוויין און אַ שטראָם טרערן האָט זיך איר מיטאַמאָל פֿון די אויגן אַ גאָס געטאָן.

דער נאַטשאַלניק האָט איר אָנגעקוקט און געענטפֿערט גערירט:

— נו, וואָס קען איך דיר העלפֿן, שמולאָווא? — און ער האָט אַ באַפֿעל געטאָן צום וועכטער וואָס איז געשטאַנען אונטערן דעכל פֿון גלאָק:

— טרעטי!

בריינדל האָט אָנגעהויבן לויפֿן צו די פֿאָדערשטע וואַגאָנעס. דער צוג האָט אָנגעהויבן גיין און די וואַגאָנעס האָבן זיך גענומען פֿון איר אָפּרוקן איינער נאָכן צווייטן. זי איז געלאָפֿן מיטן גאַנצן קויעך ,דאָס פּאָנעם האָט איר געפֿלאַמט — זי האָט זיך אַזש געוואַקלט פֿון אָנשטרענגונג, און דער שלומפּער האָט זיך איר נאָכגעוואָרפֿן פֿון הינטן און דעם זאַמדיקן פֿעראַן געקערט. פּלוצלונג איז פֿון איר אַוועק דער לעצטער וואַגאָן און זי האָט פֿאַר זיך דעם ליידיקן פּלאַנט דערזען. זי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט און איז ווייטער געלאָפֿן. נאָר אָט האָט זי דערפֿילט ווי זי איז פֿון פֿעראַן אַראָפּ און איז שטיין געבליבן. דער צוג האָט זיך דערווייטערט און אין דער הויך, אונטערן הימל, האָט זיך אַ לאַנגער זייל רויך אַוועקגעצויגן. בריינדל איז געשטאַנען און געקוקט אין דער ווייטקייט ווי דער צוג ווערט וואָס אַמאָל קלענער און טוקט זיך שוין דאָרט

ווייט, אונטערן בלויען האָריזאָנט, ווי אַ קליין פינטל. דאָס פינטל האָט זיך אַ רוק געטאָן אין אַ זייט און איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן. ברײנדלען האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן. זי האָט דערפילט ווי ס'האָט איר עפּעס צוגעדריקט באַם האַרץ, און זי האָט אַ ווײלע נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. נאָר אָט איז איר לייכטער געוואָרן. זי האָט דערלאַנגט אַ שפּרייט אויס די הענט און אַ פּאַטש צונויף דעם קאָפּ און אָנגעהויבן צוריקגיין. זי האָט זיך געשאָקלט, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אָן אַ זייט און איבערן צעקנייטשטן פּאָנעם האָבן זיך איר טרערן געגאָסן. זי האָט די אויגן צום הימל אויפגעהויבן און איז אַלע ווײלע ווי פאַרקייכט געבליבן. און יעדע רגע האָט זי די הענט אויסגעשפּרייט, אַ ווײלע מיט זיי געשאָקלט אין דער לופטן ווי זי וואָלט געוואָלט געבוג קראַפט אָננעמען, און יעדעס מאָל געגעבן אַ פּאַטש צונויף דעם קאָפּ מיטן גאַנצן קויעך ווי זי וואָלט אים איינמאָל פאַר אַלע מאָל געוואָלט צעשמעטערן און פּאָטער ווערן פון דער פינצטערער וועלט.

אַפן פעראָן איז שוין געווען שטיל און קיינער איז שוין דאָרט ביט געווען, נאָר פון דערווייטנס איז נאָך געשטאַנען דער נאַטשאַלניק מיטן וועכטער און אַ טעלעגראַפיסט. זיי זיינען געשטאַנען אָפּגע־זונדערט איינער פון צווייטן און יעדער פאַר זיך האָט מיט אַ באַ־זונדערע שמערצלעכע מינע אַפן פּאָנעם געקוקט אַף דער אידענע, ווי זי האָקט זיך אין קאָפּ אַריין.

ברײנדל האָט זיך דערנענטערט צו דער פורטקע און זיך פאַמעלעך פון די טרעפּלעך אַראָפּגעלאָזט.

דער טעלעגראַפיסט, אַ יונגער שייגעץ מיט אַ בלאַס פּאָנעם און ווייסע האָר, האָט געגעבן אַ פלאַץ אַרויס מיט אַ נאַריש געלעכ־טער און איז אַריין אין וואָקזאַל.

דער נאַטשאַלניק מיטן וועכטער האָבן זיך עפּעס דערמאָנט און זיינען אויך אַריין אין וואָקזאַל.

אַפן פעראָן איז געוואָרן שטיל. די זון איז שוין געשטאַנען הויך אין הימל און דעם פעראָן מיט אַ יאַם ליכטיקייט באַגאָסן.

אינהאַלט

טשאַרלי האָפּקינס — 6
באַ פּאָרדן — 34
קריסטאָפער פּ. אַדאַמס — 42
ערשטע הילף סטאַנציע 6 — 65
פּאָטער און זון — 86
די פאַבריק שליסט זיך — 103
אין אַ הייסן אָוונט — 132
דער קליינער הינדו — 148
זיין אָנקל — 151
אין איר אָנדענק — 163
ביסמאַרקס קלאָג — 184
אַ איד אין דאָרף:
1) שמועל — 190
2) אַפּן פּלאַץ — 199
3) דער שפּאל — 209